ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

ספר השיחות
תשמ"ח

- כרך ב -

י"א ניסן - ש"פ תבוא, כ"א אלול



מכבוד קדושת

אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

שניאורסאהן

מליובאוויטש

- הוצאה שלישית -



יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושלש לבריאה

מאה שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זי"ע

SEFER HASICHOS -- 5748
Volume Two

Second Printing 1998
Third Printing 2003
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
Orders Department:
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehotonline.com

Library of Congress Cataloging-in-Publication Data
Schneerson, Menahem Mendel, 1902—1994
[Sihot 5748]
Sefer ha-sihot, 5748 / mi-kevod Kedushat Menachem Mendel
Shene'ursohn, mi-Lyubavitsh.
p. cm. -- (sifriy. Otsar ha-hasidim, Lyubavitsh)
(Kovets Shalshelet ha-or; hekhal 9, sha'ar 3.)
Hebrew and Yiddish.
Title on v. 1. t.p verso: Sefer Hasichos, 5748
Includes bibliographical notes and indexes.
Contents: kerech1. Sh. P. Ha'azinu, Shabat Shuvah-Sh. P. Tsav,
Shabat ha-Gadol, 8 Nisan.
Kerekeh 2: 11 Nissan--Sh. P. Tavo, 18 Elul.
ISBN 0-8266-5756-7 (v.1):
ISBN 0-8266-5757-5 (v. 2):
1. Jewish Sermons, Hebrew. 2. Jewish Sermons, Yiddish.
3. Hasidism--Sermons. 4. Habad--Sermons.
I. Title. II. Title: Sihot, 5748. III. Title: Sefer hasichos, 5748.
IV. Series. V. Series: Sifriyat Otsar ha-Hasidim, Lyubavitsh.
BM740.2.S298 1989 Hebr
296.8'3322--cd20
Library of Congress Catalog Card #89-15226 CIP

Printed in Israel

מפתח

הוספות



ספר השיחות
תשמ"ח

– כרך ב –

משיחות י"א וי"ג ניסן, יום ג' וה' פ' שמיני ה'תשמ"ח

א. איינער פון די ענינים אין גאולת מצרים וואָס די תורה אונטערשטרייכט איז — דאָס וואָס די גאולה פון אידן פון מצרים איז געקומען און דורכגעפירט געוואָרן דורך משה און אהרן,

ווי עס שטייט סיי באַ דעם אָנזאָג פון דעם אויבערשטן נאָך אין גלות מצרים — „וידבר ה' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל גו' להוציא את בני ישראל"[1], און דערנאָך, ווען מ'האָט גע־האַלטן באַם אַרויסגיין פון מצרים, איז דער אָנזאָג פון פרשת החודש[2] מיט אַלע פרטים פון קרבן פסח (מצרים און לדורות) און יציאת מצרים געווען צו משה ואהרן צוזאַמען[3] — „ויאמר ה' אל משה ואל אהרן גו' החודש הזה לכם גו' דברו אל כל עדת בני ישראל גו'"[4].

ביז אַז די תורה איז (אַמאָל) מקדים אהרן פאַר משה (בנוגע צו יציאת מצרים) — „הוא[5] אהרן ומשה אשר אמר ה' להם הוציאו את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם"[6].

דאַרף מען פאַרשטיין, האָבן הסברה פאַרוואָס יציאת מצרים כו' איז געווען דוקא דורך משה ואהרן (און ניט דורך משה אַליין). ובפרט אַז די תורה אַליין דערציילט ובאריכה[7] ווי דער אוי־בערשטער האָט אויסגעקליבן דוקא משה'ן[8] אַלס דעם גואל ישראל.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין — דער לימוד והוראה פון דעם וואָס יציאת מצרים איז געווען על ידי משה ואהרן.

וואָרום יעדער וואָרט אין תורה איז אַ הוראה נצחית אויף אַלע דורות. על אחת כמה וכמה דער סיפור פון יציאת מצרים שבתורה — כציווי המשנה[9] בכל דור ודור וכל יום ויום[10] חייב אדם לראות את עצמו כאילו יצא היום[10] ממצרים (און זכירת יציאת מצרים דאַרף זיין פעמיים בכל יום[11]) — איז פאַרשטאַנ־דיק, אַז אַ איד דאַרף אַרויסנעמען אַ הוראה בכל דור ובכל יום (ניט נאָר פון כללות יציאת מצרים, נאָר אויך) פון אַלע פרטים שבסיפור יציאת מצרים שב־

---

1) וארא ו, יג.

2) בא יב, א ואילך.

3) ראה פרש"י שם, ב: בשביל שאהרן עשה וטרח במופתים כמשה חלק לו כבוד זה במצוה ראשונה שכללו עם משה בדבור. ושם, ג (עה"פ „דברו גו'"): והדבור יוצא מבין שניהם כאלו שניהם מדברים.

4) בא שם, א.

5) וארא ו, כו. וראה פרש"י שם, „ששקולין כאחד".

6) ורק בנוגע להדיבור אל פרעה מקדים משה לאהרן — „הם המדברים אל פרעה מלך מצרים גו' הוא משה ואהרן" (שם, כז).

7) שמות ג, א ואילך.

8) ולא את אהרן — שהרי הקב"ה שלל טענת משה „שלח נא ביד תשלח, ביד מי שאתה רגיל לשלוח והוא אהרן".

ומה שאהרן הלך עמו — הי' לכאורה רק ש„יהי' לך לפה" (אבל „אתה תהי' לו לאלקים" (שמות ד, טז)) במענה לטענת משה „לא איש דברים אנכי גו' כי כבד פה וכבד לשון אנכי" (שם, י), אבל לכאורה משמע שלולא טענת משה, לא הי' אהרן המדבר (וכמובן גם מזה שבתחלה ענה ה' (על טענת משה הנ"ל) „מי שם פה לאדם גו' ואנכי אהי' עם פיך גו'" (שם, יא־יב), ורק לאחרי שאמר משה „שלח נא ביד תשלח", אמר ה' שאהרן יהי' המדבר).

9) פסחים קטז, א.

10) הוספת אדה"ז בתניא רפמ"ז.

11) משנה ברכות יב, ב.

תורה, כולל אויך דאָס וואָס דאָס איז געווען דורך משה ואהרן.

ב. וועט מען פאַרשטיין ענינו ותפקידו פון משה ואהרן ביציאת מצרים בהקדים אַן ענין תמוה וואָס פאָדערט ביאור בפרשתנו[12] בנוגע צו משה ואהרן:

אין דער פרשה ווערט דערציילט[13], אַז לאחרי מיתת נדב ואביהוא, האָט משה אָנגעזאָגט אהרן ובניו, אַז אע"פ וואָס זיי זיינען אוננים (און אַן אונן איז אסור בקדשים), זאָל זיין „ואכלתם גו' כי כן צויתי"[14] „באנינות יאכלוה"[15].

בשעת אָבער זיי האָבן ניט געגעסן דעם שעיר החטאת נאָר אים פאַרברענט — איז „ויקצוף (משה) גו' מדוע לא אכלתם את החטאת גו' כאשר צויתי"[16].

האָט אהרן געענטפערט משה'ן[17]: „הן היום הקריבו את חטאתם גו' ותקראנה גו' ואכלתי חטאת היום הייטב בעיני ה'". און ווי חז"ל[18] זיינען מפרש, אַז אהרן האָט גע'טענה'ט צו משה'ן: „שמא לא שמעת (דעם היתר צו עסן קדשים באנינות) אלא בקדשי שעה", אָבער „בקדשי דורות" איז ניט אַזוי, ובלשון רש"י[19]: „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות".

און דער פסוק איז מסיים[20], אַז גלייך „וישמע משה וייטב בעיניו", „הודה ולא בוש לומר לא שמעתי כו'"[21]. ביז אַז „ואפיק כרוזא במשריתא למימר אנא הוא דאיתעלמית הילכתא מני ואהרן אחי אדכר יתה לי"[22], „הוציא כרוז לכל המחנה ואמר אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי"[23].

אין דעם סיפור זיינען פאַראַן כמה דברים תמוהים:

א) אַלע דיני והוראות התורה זיינען געקומען דוקא פון משה רבינו (ביז אַז אויך אהרן הכהן האָט פון אים מקבל געווען און געלערנט תורה[24]). איז ווי קומט עס אַז משה — וואָס משה אמת ותורתו אמת — זאָל ניט וויסן און מאַכן אַ טעות[25] אין דעם דין, ובפרט אַזאַ הלכה (וסברא) פשוטה צו מחלק זיין צווישן קדשי שעה און קדשי דורות[26] (און דוקא אהרן האָט דאָס מגלה געווען)?

ביז — אַז בא משה'ן איז געווען אַזוי פשוט ובודאות אַז זיי האָבן געדאַרפט עסן אויך די קדשי דורות, אַז ווען ער האָט דערהערט אַז זיי האָבן פאַרברענט די קדשי דורות און זיי ניט געגעסן, איז גלייך „ויקצוף"!

ב) וויבאַלד אַז משה האָט געהאַלטן אַז זיי דאַרפן עסן דעם חטאת, און מיט אַ ודאות (ביז אַז „ויקצוף") כנ"ל — ווי

12) הפרשה שלומדים (בשנה זו) בימי הכנה לחג הפסח, וגם בכל ימי חג הפסח עצמו. וראה של"ה (ר"פ וישב), שמועדי השנה שייכים להפרשה בתורה שקורין אז.

13) שמיני י, יב ואילך.

14) שם, יג.

15) זבחים קא, ריש ע"א. תו"כ ופרש"י שמיני שם.

16) שמיני שם, טז ואילך. — בשיעור חומש דיום ה', י"ג ניסן, הילולא דאדמו"ר הצמח צדק.

17) שמיני שם, יט.

18) זבחים שם, א.

19) שמיני שם.

20) שם, כ.

21) זבחים שם. תו"כ ופרש"י שם.

22) תיב"ע ות"י שם.

23) ויק"ר פי"ג, א.

24) עירובין נד, ב. פרש"י תשא לד, לב.

25) כמ"ש במדרש שם שאמר משה „טעיתי" (ולא רק שנתעלמה ממנו ההלכה, כבתרגום שם, או ששכח ההלכה, כבזבחים שם).

26) כקושיית אוה"ח הק' עה"פ.

קומט עס אַז גלייך ווי ער האָט גע־הערט די סברא פון אהרן (אַז מ'דאַרף מחלק זיין צווישן קדשי שעה וקדשי דורות) — איז „וייטב בעיניו", אַז קיין שקו"ט בדבר?

ג) נאָכמער: ניט נאָר וואָס „וייטב בעיניו", נאָר „הוציא כרוז לכל המחנה ואמר אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי": אפילו אַז משה האָט גע־מאַכט אַ טעות און אהרן איז גערעכט, פאַרוואָס האָט אָבער משה געדאַרפט דאָס מפרסם זיין מיט אַ כרוז בכל המחנה?!

ד) די שאלה עיקרית איז אויף דעם וואָס תורה[27] דערציילט וועגן דעם:

מ'האָט אַ כלל אַז אפילו בגנות בהמה לא דיברה התורה[28], על אחת כמה וכמה פון אַ בן אדם, און זיכער וועגן הנבחר מכל מין אדם — משה רבינו[29].

איז ווי קומט עס אַז די תורה איז אַזוי מאריך אין דעם קס"ד של משה און „ויקצוף", און דערנאָך האָט זיך אויס־געוויזן ניט כדעת משה, און „וייטב בעיניו": מ'האָט געקענט דערציילן נאָר די מסקנא, ולכל היותר — אַז די מסקנא האָט אהרן מגלה געווען, אָבער וואָס איז נויטיק דערציילן קס"ד של משה וכו'?

ג. ויש לומר דער ביאור בזה:

די גמרא זאָגט[30] „אל תדור בעיר דריש מתא אסיא", אַ תלמיד חכם[31], און דער טעם לזה איז — „משום דעסקי בצרכיהם ולא מצו לעסוקי במילי דצבורא"[32].

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) אויב ניט אַ תלמיד חכם — וועמען דען יע זאָל מען אויסקלייבן אַלס ראש העיר — אַן עם הארץ ח"ו?!

ב) ווי קען זיין אַז דורך דעם וואָס דער תלמיד חכם איז זיך עוסק אין תורת אמת ותורת חיים (הוראה בחיים) — זאָל דאָס שאַטן בהנהגת העיר?!

וי"ל די הסברה אין דעם:

ס'איז מובן ופשוט אַז מ'טאָר ניט אויסקלייבן אַן עם הארץ ער זאָל אָנ־פירן מיט אַ שטאָט [וְעאכו"כ אַ שטאָט וואָס לולא אזהרת חז"ל הנ"ל, וואָלט געווען אַ קס"ד אַז מ'זאָל אויסקלייבן אַ תלמיד חכם]. נאָר זיכער דאַרף מען אויסקלייבן אַ חכם וואָס קען לערנען תורה, און מה טוב וועלכער האָט סמיכות אויף רבנות, בכדי ער זאָל אָנ־פירן מיט דער שטאָט לויט הוראות והלכות התורה וכו'.

---

27) כי בנוגע להכרזת משה — יש לומר, שזה הי' מפני גודל עניוות שלו.

28) ב"ב קכג, א.

29) פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד השביעי. וראה לקו"ש חי"ט ע' 10. וש"נ.

30) פסחים קיג, א.

31) כפירוש הב' בפרש"י שם.

32) פרש"י שם — בעין יעקב.

וראה תשובת הרמב"ם פאר הדור ס"י (ובהוצאת ירושלים — סי"ג), בביאור הירושלמי מגילה פ"א ה"ד: עשרה בטלנין — תני עשרה בטילים ממלאכתן לבית הכנסת ר' יהודה אומר כגון אנו שאין אנו צריכין לתלמודינו — „שאם הי' הת"ח תלמודו בלתי ערוך בפיו אין ראוי שימנה מכלל אלו עשרה בטלנין לפי שאינו בטל לצרכי צבור להתעסקותו בלימוד. אמנם כמו רב יהודה אשר אינו צריך להתלמד ר"ל לעיין בספר ולהתעסק עסק גדול, הוא ימנה מכלל עשרה בטלנין אשר בטלנין לצרכי ציבור הואיל ואינו צריך לחזור על תלמודו, וכל מי שהוא צריך לתלמודו אין ראוי לו לבטל מתלמודו לצרכי ציבור, אם לא שיהי' לענין גדול או שלא יהי' שם אחר זולתו".

אבער אין דעם גופא דאַרף ער זיין אַזאַ חכם וואָס זיין עיקר באַשעפטיקונג איז צו אָפּשאַצן די צרכי העיר און לויט דעם זוכט ער אין תורה די הוראות וואָס פּאַסן צו צו אַזאַ שטאָט, און ניט אַזאַ וואָס עיקר ענינו איז לערנען תורה, ניט ווי דאָס איז אָפּגעמאָסטן לויט די צרכי העיר, כדלקמן.

ד. והביאור זה:

ע"ד ווי כללות העבודה טיילט זיך אויף די צוויי ענינים פון לימוד התורה און קיום המצוות, תלמוד און מעשה: לימוד התורה באַשטייט בעיקר פון לערנען ווי די ענינים שטייען אין תורה, און קיום המצוות איז ווי מ'איז מקיים די ציווי התורה אין מעשה בפועל — אַזוי איז אויך אין תורה עצמה פאַראַן צוויי ענינים: (א) לימוד התורה לשם תורה, באופן פון "יגדיל תורה ויאדיר"[33], בעיקר — שקו"ט ופלפולא דאורייתא, אַן אַ נפק"מ להלכה ומעשה בפועל, און (ב) לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא[34], בכדי אַרויסבאַקומען די הלכה ווי מ'זאָל זיך פירן בפועל.

וואָס די צוויי ענינים אין תורה קומען פון די צוויי דרגות אין תורה: (א) די דרגא אין תורה וואָס איז העכער פון וועלט — "קדמה לעולם"[35], ביז שלא בערך צו עולם (העכער אפילו פון "קדמה לעולם") — ווי תורה איז חכמתו ורצונו של הקב"ה[36], ביז "שעשועים לפניו"[37], און (ב) די דרגא אין תורה וואָס איז בערך צו וועלט.

ועד"ז (בפרטיות יותר) אין הלכה גופא (די תורה וואָס האָט אַ שייכות צו הנהגת העולם) — יש לומר אַז עס זיינען פאַראַן צוויי ענינים. ובהקדים:

די תורה (מלשון הוראה[38]) איז געגעבן געוואָרן למטה כדי צו אָנווייזן ווי מ'דאַרף זיך פירן אין טאָג טעגלעכן לעבן. ובלשון הכתוב בפרשתנו[39] — "להבדיל בין הקודש ובין החול".

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז די וועלט (און די תושבי העולם) פאַר זיך אַליין (איידער זי פירט זיך לויט הוראת התורה) שטייט ע"פ תורה אין אַ נידעריקע דרגא, וואָס איז נאָך ניט אויסגעאיידלט און אין איינשטימונג מיט דעם רצון פון דעם אויבערשטן (קודש און חול זיינען מעורב וכיו"ב), וואָס דערפאַר דאַרף זי אָנקומען צו די הוראות פון תורה (להבדיל בין הקודש ובין החול), און ערשט דורך דעם ווערט די וועלט — אַ "תורה-וועלט", וועלכע פירט זיך לויט דעם רצון פון דעם בורא עולם ומנהיגו.

אבער פון צווייטן זייט איז מובן, אַז וויבאַלד די תורה איז געגעבן געוואָרן בכדי — און האָט בכח — צו אָנווייזן ווי די וועלט דאַרף זיך פירן, שליסט אין זיך איין תורה אַלע פרטים פון עולם, ובלשון המדרש[40] — אַז די תורה איז די "דיפּתראות ופינקסאות" פון וועלט, "הי' הקב"ה מביט בתורה ובורא את העולם" (ובלשון הזהר[41] — "אסתכל באורייתא

---

33) ישעי' מב, כא. חולין סו, ב.

34) יומא כו, א.

35) ראה מדרש תהלים צ, ד. ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד. ועוד.

36) ראה תניא פ"ד.

37) משלי ח, ל. וראה לקו"ת במדבר ד"ה ואהי' אצלו אמון.

38) ראה זח"ג נג, ב.

39) י, י.

40) ב"ר בתחלתו.

41) ח"א קלד, סע"א. ח"ב קסא, ריש ע"ב. ח"ג קעח, א.

ובראה עלמא")[42].

אין אנדערע ווערטער: ס'איז דא ווי וועלט שטייט אין תורה, וואס דארטן איז די וועלט א חלק פון (דרגת ה)תורה, ד.ה. א וועלט ווי זי זעט אויס בשעת זי פירט זיך בדיוק ווי תורה פארלאנגט[43]; און ס'איז דא ווי וועלט שטייט פאר זיך ווי דער אויבערשטער האט איר באשאפן אלס א מציאות וואס דארף ערשט אנ־קומען צו די הוראות פון תורה און זייער קיום בפועל דורך דער עבודה פון א אידן, בכדי אויסגעאיידלט ווערן און זיין אן ארט וואס קען אויפנעמען ג־טלעכ־קייט און הייליקייט.

[וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו די צוויי אופנים כלליים בעבודת ה', תורה ומצוות (כנ"ל) — אז זיי זיינען כלול זה מזה: ס'איז דא ווי מצוות שטייען אין תורה, וואס דארטן זיינען זיי בדרגת התורה, און ווי תורה שטייט אין מצוות, וועלכע זיינען דאך (כמחז"ל[44] אב ואם יש לכם כו') בערך לגדרי העולם].

דערפון קומט אויס, אז אויך אין לימוד הלכה שבתורה (וואס ווייזט אן ווי מ'דארף זיך פירן בפועל) זיינען פאראן צוויי דרגות: (א) ווי מ'קוקט אויף די וועלט מיט די "אויגן" פון הלכה, וואס דעמאלט איז די וועלט (ווי זי שטייט אין הלכה) — בתכלית השלימות, (ב) ווי מ'קוקט אויף די וועלט מצד וועלט, מיט די הגבלות און מניעות ועיכובים פון וועלט און די מענטשן וואס געפינען זיך דארט, וואס דארטן דארף מען ערשט אנקומען צו דער עבודה און הארע־וואניע פון א אידן אז די וועלט זאל זיך פירן ע"פ הוראות והלכות שבתורה.

ה. עפ"ז איז מובן בנוגע צו א "ריש מתא":

אפשאצן ע"פ תורה צרכי העיר — קען זיין אויף צוויי אופנים: (א) דורך תורה ווייסט מען וואס די צרכי העיר דארפן זיין (ע"פ תורה). (ב) מ'שאצט אפ די צרכים וואס די תושבים דארפן האבן מצד זייער צושטאנד (כמובן באופן המותר ע"פ תורה), און לויט דעם זוכט מען אין תורה די הוראות וואס פאסן צו צו אזא שטאט און מצב.

וואס ביידע אופנים זיינען אמת ע"פ תורה: דער חילוק איז נאר לגבי וועל־כע דרגא מ'רעדט: א חכם וואס האלט בא די דרגא אז פון תורה ווייסט ער וואס די צרכים זיינען — שאצט דאך דאס אפ לויט זיין דרגא (דרגת התורה מצ"ע). א חכם וואס שאצט פריער אפ די צרכים וואס די מענטשן דארפן האבן — רעכנט ער זיך מיט די דרגא פון די אנשי העיר, וואס בהיתר, ע"פ תורה, האלטן זיי נאך ניט בא די העכערע דרגא, נאר זיי האבן זייערע צרכים אפגעמאסטן לויט זייער טבע ומהות כו', דעריבער דארף מען זיי ע"פ תורה געבן די צרכים.

זאגט די גמרא "אל תדור בעיר דריש מתא אסיא":

דער ראש העיר דארף זיין א חכם וואס קען קוקן און אפשאצן די צרכי העיר (ניט נאר ווי צרכי העיר דארפן

42) דיש לומר, שמה שתורה היא דיפתראות ופינקסאות דעולם, קאי לא רק על בריאת העולם, אלא גם על האופן להביא העולם לתכליתו ע"י עבודת האדם ע"פ הוראות התורה, כהמשך הלשון בזהר שם — "בר נש אסתכל באורייתא וקיים עלמא".

43) עד שמציאות העולם היא "בשביל התורה" (פרש"י ר"פ בראשית) דכולל הפי' שהעולם אינה מציאות בפ"ע, כ"א שכל מציאותה היא רק כדי שדיני התורה יתקיימו בפועל.

44) שבת פט, א.

זיין ע"פ תורה והלכה, נאָר) בפשטות, לויט די באַשטימטע באַדערפעענישן פון די מענטשן פון אַט דער שטאָט (בהיתר), און לויט דעם זאָל ער אָנווייזן די הוראות התורה[45].

משא"כ אַ תלמיד חכם וואָס ליגט בעיקר אין לערנען תורה (און אויך אין חלק ההלכה שבתורה וואָס ווייזט אָן הנהגת העיר וצרכי העיר כו') — איז אע"פ אַז פון דער תורה (וועלכע איז תורת חיים) קען ער וויסן וועלכע צרכים אַז עיר דאַרף האָבן (ע"פ תורה), און מצד זיין דרגא איז דאָס די אמת'ע צרכי העיר אויך ע"פ הלכה (פאַר אַזאַ וואָס שטייט אויף זיין דרגא) — אָבער וויבאַלד אַז דאָס איז לאו דוקא בערך צו די (דרגא פון די) צרכי העיר וואָס די תושבי העיר דאַרפן האָבן בפועל, דער־פאַר איז ער ניט קיין פּאַסיקער ראש העיר, „משום דעסקי בצרכיהם (כולל — צרכי העיר ווי דאָס קומט אויס לויט זיין דרגא) ולא מצו לעסוקי במילי דצבורא (לויט דרגת הציבור)".

ו. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַר־שטיין דער סיפור בפרשתנו בנוגע צו שריפת החטאת:

דער אונטערשייד צווישן משה מיט אהרן'ען איז, אַז משה איז ענינו בעיקר תורה („תורה צוה לנו משה גו'"[46], „זכרו תורת משה עבדי"[47]), משא"כ אהרן כהן גדול איז ענינו בעיקר עבודה — די עבודת הקרבנות וכו' אין משכן.

וואָס איינער פון די חילוקים צווישן זיי איז, אַז מצד די דרגא פון תורה שטייען אַלע ענינים אין וועלט ווי זיי זיינען אין (און על פי) תורה. משא"כ מצד די דרגא פון עבודה — דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן צו די דרגא פון וועלט ווי זי שטייט במקומה במעמדה ומצבה בכדי דאָרטן טאָן די עבודה לויט די הוראות התורה. ועי"ד החילוק צווישן תלמוד און מעשה (תורה און מצוות).

ובלשון המדרש[48], „חסד זה אהרן . . ואמת זה משה". דער ענין פון אמת (משה אמת ותורתו אמת) איז, אַז ער זעט אַלע ענינים ווי זיי זיינען מצד אמיתית ופנימיות הדברים. אין אים זיי־נען ניטאָ קיינע שינויים — אין יעדן זמן און אין יעדן מקום שטייט ער בשוה[49]. חסד אָבער, וואָס ענינו איז מאַכן גוט צו אַנדערע, מוז מען זיך רעכענען מיט דעם צושטאַנד פון יעדערן פון די באַ־זונדערע מקבלים, וועלכע זיינען אַנ־דערש איינער פון דעם צווייטן[50].

[ובלשון החסידות: משה[50] שושבינא דמלכא[51] איז ממשיך אלקות אין אידן מלמעלה למטה, וואָס די המשכה איז ניט געמאָסטן לויט כלי המקבלים; אהרן שושבינא דמטרוניתא[51] איז מעלה אידן מלמטה למעלה, וואָס דערביי איז נוגע דער מצב ומדריגה פון דעם מטה וועל־כע מ'איז מעלה. און אין כחות הנפש: משה איז בחי' מוחין (תורה), וואָס איז „קדמה לעולם", און אהרן איז בחי' חסד,

45) להעיר מהדין דאין לדיין אלא מה שעיניו רואות (ב"ב קלא, ריש ע"א. סנהדרין ו, ב. רמב"ם הל' סנהדרין פכ"ג ה"ט. רמ"א חו"מ ס"ח ס"ב. אנציקלופדי' תלמודית בערכו. וש"נ).

46) ברכה לג, ד.

47) מלאכי ג, כב.

48) שמו"ר פ"ה, י.

49) ראה תניא פי"ג. לקו"ת מסעי צג, ב. ובכ"מ.

50) ראה גם לקו"ש חי"ז ע' 113 ואילך.

51) זח"א רסו, ב. ח"ב מט, ב. ח"ג כ, א (ברע"מ). נג, ב. ערה, ב.

וואס איז כולל די שבע מדות, דער מקור פון די שבעת ימי בראשית[52]).

ז. עפ״ז איז פארשטאנדיק אז ביידע סברות בנוגע צו קדשי שעה וקדשי דורות — סיי סברת משה (אז מ׳דארף עסן אויך די קדשי דורות, ווייל ס׳איז ניטא קיין חילוק בין קדשי שעה ודורות), און סיי סברת אהרן (אז זיי זיינען אנ־דערש) — זיינען אמת, און ניט נאר אמת בחלק השקו״ט שבתורה (אלו ואלו דברי אלקים חיים[53]), נאר אויך אין הלכה, תלוי אין די דרגא וועגן וועלכע מ׳רעדט:

מצד דרגתו של משה — ווי תורה קוקט אויף וועלט און ווי די וועלט שטייט אין תורה — האט ער ניט געזען קיין חילוק ע״פ אמיתית הדברים (משה אמת ותורתו אמת) צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, ווייל שינויי הזמן רירן ניט אן נצחיות התורה[54].

ובפרט אז די סברא אויף מחלק זיין אז קדשי דורות דארף מען פארברענען איז מצד אנינות (אדער טומאה)[55]; און ס׳איז מובן אז וויבאלד מ׳רעדט דא וועגן הקרבת קדשים במשכן משה, וואס מעשה ידי משה נצחיים[56] — איז מצד דרגתו של משה (ומשכן משה) קען אנינות (היפך החיים) ניט אנרירן אין די קדשי דורות (אז אנשטאט זיי עסן זאל מען זיי פארברענען) פונקט ווי דאס רירט ניט אן אין קדשי שעה.

נאכמער: אזוי איז דער אמת ניט נאר פאר משה׳ן אליין, נאר זייענדיק אן אמת׳ער רועה ישראל, האט משה אויפ־געהויבן אידן צו זיין דרגא, ביז אז ער איז אין זיך כולל אלע אידן און געווען אין יעדער אידן, „שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו"[57] (אפילו ווי אידן זיינען אן עם מלשון גחלים עוממות"[58], ובזה גופא — „רגלי העם" — זיינען זיי אלע כלול אין משה)[59], און ווי אידן שטייען אין משה רבינו — זיי־נען זיי באמת אין א העכערן מעמד ומצב, בדרגת משה.

דעריבער, האט משה, זייענדיק א רועה נאמן, געזען און אפגעשאצט אידן ווי זיי שטייען ביי אים, דערפאר איז ביי אים אויסגעקומען[60] (ע״פ אמיתית מצבו, ואמיתית מצב בני ישראל ווי זיי שטייען אין משה) אז אויך בא אידן (כולל אהרן ובניו) איז ניטא קיין אונטערשייד צווישן קדשי שעה וקדשי דורות, ווארום זמן קען ניט מאכן א שינוי אין א אידן ווי ער געפינט זיך אין משה רבינו.

אהרן האט אבער אפגעשאצט דעם מצב ווי דאס איז מצד די וועלט[60], וואס

---

52) ראה בכ״ז בארוכה ס׳ הערכים־חב״ד ערך אהרן ביחס למשה. וש״נ.

53) עירובין יג, ב.

54) ולהעיר מהחילוק בין קיום המצוות שתלוי בזמן חיובם, ולימוד התורה שחיובו הוא בכל זמן ובכל מקום, כי תורה היא למעלה מזמן ומקום. ולכן כל העוסק בתורה כו׳ כאילו הקריב כו׳ (מנחות בסופה. וראה אוה״ת שבועות ע׳ קנט). ולהעיר מסוטה כא, א „מצוה אינה מגינה אלא לפי שעה . . תורה מגינה לעולם".

55) כב׳ הדיעות בתו״כ שמיני י, ט. הובא בפרש״י שמיני שם, טז.

56) סוטה ט, סע״א.

57) בהעלותך יא, כא.

58) ראה שעהיוה״א פ״ז.

59) וגם כפי שהם במעמדם ומצבם — יש בכאו״א מישראל בחי׳ משה שבקרבו, שפועלת עליו בעבודתו (ראה תניא רפמ״ב. מברכות לג, ב).

60) ראה עד״ז לקו״ש (חט״ז ע׳ 205 ואילך) בביאור הטעם שמשה לא ראה מעצמו למנות שרי אלפים וגו׳ לשפוט את העם, ודוקא יתרו הבחין כו׳.

מצד גדרי הזמן אין וועלט איז דאָ ע"פ האמת (וע"פ התורה) אַ חילוק צווישן (קדשי) שעה און (קדשי) דורות[61].

און וויבאַלד אַז ביידע סברות, ניט נאָר סברת אהרן נאָר אויך סברת משה, זיינען אמת, און ניט נאָר בתור קס"ד, נאָר אמת אויך מצד המסקנא לפי אמיתית הדברים — יעדערער לויט זיין באַשטימטער דרגא און תפקידו פון השם — דערפאַר ברענגט אַראָפּ תורה ביידע סברות, אויך סברת משה. און ביז אַז „ויקצוף", ווייל מצד דרגת משה איז בפשטות ניטאָ קיין חילוק צווישן שעה און דורות, און ס'איז ניטאָ קיין אָרט אויף אַן אַנדער סברא, ביז אַז „ויקצוף".

[ויש לומר יתירה מזה: אע"פ וואָס די מסקנא בלייבט ניט ווי משה (נאָר ווי אהרן) ברענגט די תורה אויך סברת משה (ניט נאָר ווייל דאָס איז אַ סברא אמיתית ע"פ תורה מצד דרגת משה, נאָר נאָכמער) — ווייל אויך לאחרי המסקנא (אַז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן שעה און דורות), איז נוגע צו וויסן אַלס אַ הוראה בפועל, אַז מצד דרגת משה (מצד התורה און ווי וועלט שטייט אין תורה), איז דער אמת אַז ס'איז ניטאָ קיין חילוק ביניהם, און דאָס וואָס עס ווערט אַ חילוק — איז מצד דעם חסרון העולם (ווי אהרן האָט מרגיש געווען): וואָס די ידיעה העלפט אַז מ'זאָל וויסן וואו מ'דאַרף זיך משתדל זיין אין וועלט, אַז ווי זי שטייט במעמדה ומצבה — זאָל מען דאָרט אַריינברענגען דעם אמת, ווי וועלט איז ע"פ תורה.

וע"ד ווי דאָס איז אין עבודת האדם, אַז אפילו בעלי עסק, וואָס עיקר עבודתם איז אין מעשה, קיום המצוות (און ניט אין תלמוד תורה) — דאַרפן זיי האָבן קביעות עתים לתורה[62]].

ח. ולאחרי ווי די תורה ברענגט ביידע סברות, זאָגט די תורה די מסקנא בנוגע לפועל, אַז „וישמע משה וייטב בעיניו": בכדי וויסן אַז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, האָט דאָס משה געדאַרפט הערן (וישמע) פון אהרן'ען, ווייל בּאַ משה'ן מצד עצמו (מצד דרגתו) איז דער מצב פאַרקערט.

אָבער לאחרי ווי ער האָט דאָס פון אים געהערט איז „וייטב בעיניו": נוסף צו דעם וואָס ער האָט אָנגענומען דעת אהרן און האָט מיט אים מסכים געווען בנוגע לפועל (שריפת הקרבן דורות) — איז ער געווען דערפון צופרידן,

ביז נאָכמער, אַז דאָס האָט געבראַכט (ווי תושבע"פ און תרגום איז מפרש ומבאר) אַז „אפיק כרוזא במשריתא כו'", „הוציא כרוז לכל המחנה ואמר אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי". והביאור:

אַלע ענינים דאַרפן דורכגיין און נתגלה ווערן דורך תורה. כמבואר במ"א, אַז אפילו (די מעלה פון) תשובה, וואָס איז העכער פאַר תורה[63] — ווערט נתגלה דורך, אין תורה[64]. ועד"ז די מעלה פון מעשה — ווערט נתגלה אין תורה. והטעם לזה — ווייל בכדי אַז יעדער זאַך (תשובה ומעשה וכו') זאָל האָבן אַ תוקף אמיתי און זיין אויסגע־האַלטן ע"פ אמיתית הדברים — דאַרף

---

61) ראה לעיל הערה 54.

62) ראה אגה"ק ס"ה.

63) כמובן ממאחז"ל „שאלו לתורה כו' שאלו להקב"ה כו' יעשה תשובה ויתכפר לו" (יל"ש תהלים רמז תשב. ועוד).

64) ראה גם לקו"ש ח"ד ע' 1345. 1350. ועוד.

דאָס זיין אַ הוראה פון תורה, וועלכע איז מגלה חכמתו ורצונו של הקב"ה אין אַלע ענינים.

און דעריבער איז אפילו דער ענין אַז מצד גדרי העולם איז דאָ אַ חילוק אמיתי צווישן שעה און דורות (כסברת אהרן) — דאַרף דאָס גופא נתגלה ווערן דורך תורה.

און דערפאַר דערציילט די תורה אַז דער „וישמע משה" (שענינו תורה) האָט געבראַכט „וייטב בעיניו", ביז אַז ער (משה — תורה) האָט אָנגעזאָגט, אַז אין דעם ענין דאַרף זיין די הנהגה ווי אהרן האָט געזאָגט.

און דער אָנזאָג איז געווען אין אַן אופן של הכרזה, „הוציא כרוז בכל המחנה כו'" — ווייל היות אַז דער חילוק צווישן שעה און דורות (וואָס אהרן האָט מגלה געווען) איז אַ חידוש אין תורה (משה) ווי זי איז מצ"ע, דעריבער איז דאָס משה מודיע אין אַן אופן פון אַ כרוז.

ויש להוסיף הטעם פאַרוואָס „וייטב בעיניו" דוקא, ווייל גדול תלמוד שמביא לידי מעשה[65]. אפילו מצד די דרגא פון תלמוד (משה) — ווערט אין דעם אַ שלימות וגדלות דורך מעשה. און דערפאַר איז „וייטב בעיניו", ווייל נוסף לזה וואָס משה האָט געזען אַז דער חילוק צווישן שעה און דורות איז דער אמת לויט דרגת הנבראים, איז אין משה אַליין צוגעקומען דורכדעם גדלות.

[ועד"ז אין עבודת האדם: אויך אַזאַ וואָס איז „תורתו אומנתו", דאַרף מקיים זיין מצות צדקה[62]].

65) קידושין מ, ב.

ט. ע"פ כל הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס יציאת מצרים (און אמירת פרשת החודש) איז געווען דורך משה ואהרן:

אידן אין מצרים (פאַר דער גאולה) זיינען געווען פאַרשקלאַפט אַלס קנעכט צו די מצריים, אין „ערות הארץ"[66], „גוי מקרב גוי"[67], ביז אַז עס האָט זיך גע־קענט דוכטן אַז זיי זיינען בכמה ענינים עיקריים אַזוי ווי די מצריים, „הללו עובדי ע"ז הללו עובדי ע"ז" (ווי מלאכים האָבן גע'טענה'ט אפילו בא קריעת ים סוף[68], ועאכו"כ אַז אַזוי איז געווען נאָך זייענדיק אין מצרים, ווי אפילו משה רבינו האָט געזאָגט[69]).

ובלשון החסידות, אידן זיינען דע־מולט געווען פאַרזונקען אין די מ"ט שערי טומאה[70], ביז אַז עס שטייט[71] אַז אויב די אידן וואָלטן געבליבן נאָך אַ רגע אין מצרים, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט נגאל ווערן ר"ל!

און יציאת מצרים איז באַשטאַנען פון דעם, אַז ווי אידן זיינען געווען אַזוי טיף פאַרזונקען אין „ערות הארץ", מקום הזוהמא והטומאה, האָט דער אויבערשטער אַליין — „בכבודו ובעצמו"[72] — זיי פון דאָרטן אַרויסגענומען, „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה

66) מקץ מב, ט. יב. וראה קה"ר פ"א, ד (בסופו). וראה פרש"י לך יב, יט. אחרי יח, ג.

67) ואתחנן ד, לד. ראה גם מכתב ער"ח ניסן שנה זו (לקמן ע' 687 ואילך).

68) זח"ב קע, ריש ע"ב. מכילתא בשלח יד, כח.

69) שמו"ר פמ"ג, ח.

70) ראה אוה"ת שה"ש ע' רס ואילך. ובכ"מ.

71) הובא בהגש"פ עם לקוטי טעמים ומנהגים פיסקא מצה זו (ע' ל). וש"נ.

72) הגש"פ פיסקא ויוציאנו.

וגאלם"[73], און האָט אין זיי בוחר געווען, „הניח את העליונים ואת התחתונים ולא בחר בכולם כי אם בישראל עמו כו'"[74], „ובנו בחרת מכל עם ולשון" (וואָס דאָס גייט אויף „הגוף החומרי הנדמה[75] בחומריותו לגופי אומות העולם"[76]), „כדי לקרבם אליו בקירוב ויחוד אמיתי וכו'" בשעת מתן תורה[74].

וואָס איינער פון די ביאורים פאַרוואָס אידן האָבן געדאַרפט דורכגיין גלות מצרים, „ערות הארץ", ווייל דאָס האָט אויפגעטאָן דעם זיכוך ובירור פון עוה"ז הגשמי והחומרי, דער פיזישער און מאַטעריאַלע וועלט, אַלס הכנה צו מתן תורה, ווען דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה דאָ למטה, אין אַן אופן אַז מ'זאָל דערמיט קענען דורכנעמען די וועלט[77], „להבדיל בין החול ובין הקודש בין הטהור ובין הטמא", אַ וועלט וואו ס'איז דאָ דער „למצרים ירדתם כו'"[78].

ועפ"ז יש לומר איינער פון די טעמים פאַרוואָס יציאת מצרים איז געקומען דורך משה ואהרן: משה רבינו איז געווען מושיען של ישראל בשליחותו של הקב"ה, דורך אים האָט זיך אויפגעטאָן דער „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם". אָבער בכדי אַז דאָס זאָל נמשך ווערן און דורכנעמען אידן ווי זיי זיינען געווען „מקרב גוי", ביז אַז „הללו עובדי ע"ז" — האָט דאָס געדאַרפט אויך דורכגיין אהרן, ווייל משה מצד עצמו (און ווי אידן זיינען נכלל אין משה) איז געשטאַנען העכער פון מצרים[79], ובמכל שכן דערפון וואָס ער איז געווען העכער פון עולם בכלל, וואָרום זיין דרגא איז געווען תורה, און ווי וועלט שטייט אין תורה, כנ"ל.

י. מ'דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין:

ווי קומט עס טאַקע, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אידן זיינען געווען „מקרב גוי", און „עובדי ע"ז" (כטענת משה כנ"ל), האָט זיי דער אויבערשטער טאַקע אויסגעלייזט?

ובפרט נאָך באופן פון „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה" „בכבודו ובעצמו", וואָס לכאורה: אפילו „תפלה קלה לא התפלל בתוך הכרך לפי שהי' מלאה גלולים", און „דבור חמור כזה (החודש הזה לכם) לא כל שכן"[80] — איז ווי קומט עס אַז „מלך מלכי המלכים הקב"ה" „בכבודו ובעצמו" זאָל אַראָפּקומען בתוך ארץ מצרים, בעיר מצרים, בבית פרעה וכו'?!

וועט מען דאָס פאַרשטיין ע"פ אַ הלכה אין היינטיקן שיעור רמב"ם:

דער רמב"ם שרייבט[81], אַז בשעת איינער איז מקדש אַן אשה און דערנאָך ווייזט זיך אַרויס אַז זי האָט אַ מום, הענגט דאָס אָפּ צי ער האָט דערפון געוואוסט איידער ער האָט איר מקדש געווען. אויב ער האָט דערפון פריער געוואוסט, און אעפ"כ האָט ער איר מקדש געווען, איז דער דין אַז זי איז מקודשת, ווייל „שמע (וועגן דעם מום) ורצה".

---

73) הגש"פ פיסקא מצה זו.

74) תניא פמ"ו.

75) והדמיון לגופי אוה"ע הוא (לא רק לעיני בשר למטה, אלא) גם לגבי למעלה כביכול, שדוקא אז שייך ענין בחירה, בב' דברים דומים ושוים זל"ז.

76) תניא פמ"ט.

77) ראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 211 ואילך. ועוד.

78) שבת פח, ב.

79) ראה לקו"ת נצבים מט, ב, שמשה למטה (גם כפי שהי' במצרים כו') הי' בבחי' אצילות.

80) פרש"י בא יב, א.

81) הל' אישות פכ"ה ה"ב.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו די נישואין פון דעם אויבערשטן מיט אידן — „המקדש עמו ישראל בחופה וקידושין" — באַ יציאת מצרים און מתן תורה[82] [וואָרום „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל", מה שהוא עושה מצוה לאחרים לעשות[83]]:

וויבאַלד אַז נאָך איידער דער אויבערשטער האָט מקדש געווען את ישראל, און נאָך איידער אידן זיינען געגאַנגען אין גלות מצרים — האָט דער אויבערשטער געוואוסט וועגן די „מומים" וואָס אידן וועלן באַקומען אין מצרים זייענדיק „מקרב גוי" („עובדי ע״ז וכו'")[84], וואָרום דער אויבערשטער איז יודע עתידות ויודע כל תעלומות און זעט פאַראויס וואָס דערנאָך וועט זיין, און אעפ״כ האָט דער אויבערשטער מבטיח געווען (באַם ברית בין הבתרים) אַז „אחרי כן יצאו ברכוש גדול"[85] און ער וועט מקדש זיין אידן כו', איז דעמולט דער דין, אַז די קידושין איז חל, ניט קוקנדיק אויף די „מומים" וואָס אידן באַקומען, אפילו הארבע מומים.

און נאָכמער: דער לשון צחה וברורה אין רמב״ם איז, „שמע ורצה" ניט „שמע והסכים" אָדער „ויתר" וכיו״ב: וויבאַלד אַז דער בעל האָט פאַראויס געוואוסט וועגן דעם מום, איז דער דין אַז ער האָט ניט נאָר מסכים געווען אויף דעם, אָדער מוותר געווען אויף דעם, נאָר „רצה", ער וויל דאָס.

ועד״ז איז בנוגע צו דעם אויבערשטן: וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט געוואוסט פאַראויס וועגן די מומים וואָס וועלן זיין, איז אַ ראי' אַז „רצה" אַז אַזוי זאָל זיין. כמבואר בכ״מ[86], אַז דער גאַנצער ענין פון די מומים קומט מצד דעם וואָס דער אויבערשטער „נורא עלילה על בני אדם"[87], און רצונו של הקב״ה איז אַז עס זאָל זיין די ענינים הפכיים, בכדי אַז דורך דעם זאָל צוקומען (נוסף צו עבודת הצדיקים) אויך די מעלה פון עבודת התשובה,

ואדרבה — אין דעם איז דער אמת'ער רצון („רצה"), כמאחז״ל[88] אַז במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים עומדים שם, ביז אַז „אין יכולים לעמוד שם"[89].

און דעריבער, ניט קוקנדיק אויף אַלע מומים און העלמות כו' אין „ערות הארץ", ווערט דער נישואין פון דעם אויבערשטן מיט אידן, און נישואין בשלימותם — בנין עדי עד, לעד ולעולמי עולמים, באופן פון „והיו לבשר אחד"[90], ישראל וקוב״ה כולא חד[91],

ווי ס'וועט זיין בשלימות ובגלוי בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, וואָס „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[92].

יא. איינער פון די לימודים וואָס מ'קען דערפון אַרויסנעמען:

דער ענין פון „לקחת לו גוי מקרב גוי" ביציאת מצרים — די „הולדה" פון

---

82) יום חתונתו זה מתן תורה — ראה תענית כו, ב במשנה. ועוד.

83) תהלים קמז, יט. שמו״ר פ״ל, ט.

84) ראה שמו״ר פמ״ג, ח.

85) לך טו, יד.

86) ראה תו״ח תולדות ד״ה ויתן לך פ״י ואילך. לקו״ש חי״ח ע' 395. וש״נ.

87) תהלים סו, ה. תנחומא וישב ד.

88) ברכות לד, ב.

89) רמב״ם הל' תשובה פ״ז ה״ד.

90) בראשית ב, כב.

91) ראה זח״ג לג, א.

92) מיכה ז, טו.

עם ישראל — חזר'ט זיך איבער בימי הפסח מדי שנה בשנה.

ועאכו"כ ווען מ'געפינט זיך אין גלות, וואס כל הגלויות נקראות על שם מצרים[93].

האט מען די הוראה, אז אפילו ווען א איד געפינט זיך אין חושך כפול ומכופל פון גלות, און ער קען מיינען אז צו אים האבן זיך צוגעקלעפט ענינים בלתי רצויים פון גלות, און ווי קען מען דער־פון אויסגעלייזט ווערן — קען ער ווערן דערפון אראפגעפאלן וכו',

דארף מען וויסן אז דער אוי־בערשטער „שמע ורצה", דער אוי־בערשטער ווייסט פון די אלע „מומים", ואדרבה — אידן געפינען זיך אין גלות ברצונו של הקב"ה, דער אויבערשטער האט געוואלט אז זיי זאלן זיין אין א מצב וואו ס'איז דא אן אפשריות אויף „מומים", און ווייבאלד אז דער אוי־בערשטער ווייסט דערפון און וויל דאס — איז א ראי' אז ער שטייט צוזאמען מיט אידן (אויך אין גלות) אין אן אופן פון קידושין,

און די כוונה פון דעם גלות איז בכדי אז אידן זאלן מברר ומזכך זיין גשמיות וחומריות העולם לויט די הוראות התורה „להבדיל בין הקודש ובין החול" (ע"ד ווי עבודת אהרן), און מגלה זיין דעם אל"ף פון אלופו של עולם (וואס איז דא אויך) אין גלות[94], ביז אז זיי זאלן מאכן די וועלט ווי זי שטייט במקומה פאר א „תורה וועלט", לכל לראש — דורך דעם וואס זיי ווערן ניט נתפעל פון די נסיונות אין גלות, און אדרבה — דער גלות רופט בא זיי ארויס א פאר־שטארקונג אין זייער פארבונד מיט דעם אויבערשטן, דורך לימוד התורה וקיום המצוות.

יב. ויש לומר נאך אן ענין אין דעם:

דער יום הולדת פון יעדער איד איז בדוגמא צו דער יום הולדת פון כלל ישראל בשעת יציאת מצרים: כשם ווי בא יצי"מ איז געווען דער „לקחת לו גוי מקרב גוי", אזוי איז אויך דער יום הולדת פון יעדער איד, אז פון אן מצב של עיבור במעי אמו, ווערט ער געבארן, אלס א זעלבסשטענדיקער מציאות פאר זיך[95].

וכשם ווי יציאת מצרים (הולדת כלל ישראל) איז ע"ד דער ענין פון עבודת התשובה, אז מ'ווערט אויסגעלייזט פון א מצב פון „קרב גוי", אזוי דארף זיין דוגמתו בא יעדער יום הולדת.

ווי גערעדט לאחרונה[96], אז ס'איז כדאי אז יעדער איד זאל אנהויבן אויס־נוצן זיין יום הולדת אויף א הוספה אין טוב וקדושה, תורה ומצוות כו'.

וע"פ הנ"ל יש לומר איינער פון די טעמים פארוואס דאס איז געווארן לאחרונה א הוראה לרבים, און מיט א גאנצן טראסק ופרסום כו', כאטש אז בדורות שלפני זה איז דאס געווען נאר בא יחידי סגולה ובלי פרסום כלל —

ווייל ווייבאלד אז מ'האלט בא דעם סיום פון גלות, דארף מען פארענדיקן די לעצטע בירורים פון חול.

ווייל אז איינער פון די בירורים איז — אז א איד נוצט אויס זיין יום הולדת,

93) ב"ר פט"ז, ד.
94) ראה לקו"ת בהעלותך לה, ג. ועוד.
95) ראה גם מכתב ער"ח ניסן שנה זו.
96) שיחות כ"ה אדר וש"פ ויקרא שנה זו. ועוד.

וואס מצד עצמו איז א יום חול, און ער איז אין דעם מגלה ווי „מזלו גובר"[97], וואס „מזלו" פון א איד איז — בחי' אין[98], „אין מזל לישראל"[99], דער ענין הביטול, ביז בחי' אין פון יש האמיתי[100], אז ביום ההולדת שלו איז ער מגלה אז בחי' אין שבו איז גובר אויף זיין ישות ומציאות, ד.ה. אז אויך ווי ער געפינט זיך אלס א יש למטה, איז זיין גאנצע מציאות בטל ואין צו דעם אויבערשטן, און ער פארשטייט — ביז מרגיש ווי ער נעמט זיך פון אין האמיתי[101].

יג. ויהי רצון, אז די לעצטע בירורים פון חול אין זמן הגלות, זאלן בקרוב ממש מגלה זיין דעם אל"ף (פון אלופו של עולם) אין גלות, און עס ווערט „גאולת" — גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

און מ'וועט פראוועז חג הפסח אין ירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, צוזאמען מיט „משה ואהרן עמהם"[102], צוזאמען מיט „הקיצו ורננו שוכני עפר"[103],

ולא עכבן אפילו כהרף עין[104].

97) ראה ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח ובקה"ע שם.

98) או"ת להה"מ מט, ג. סב, ב. חנוך לנער ע' 48.

99) שבת קנו, א.

100) ראה דרושי פסח לאדמו"ר האמצעי (ד"ה תפול עליהם בתו"ח בשלח רסו, א ואילך).

101) ע"ד ובדוגמת התהוות הבריאה ע"י הקב"ה באופן של יש מאין בכל רגע ורגע מחדש (שעהיוה"א פ"א) — והרי האדם הוא שותף להקב"ה במעשה בראשית, ושותף אמיתי פירושו — שהוא בדומה לשותף השני (כביכול).

102) תודי"ה אחד — פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב.

103) ישעי' כו, יט.

104) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.



ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א
לאנ"ש שיחיו שברכו אותו, אור ליום ג' פ' שמיני,
י"א ניסן ה'תשמ"ח, לאחרי תפלת ערבית

עס זאָל מקויים ווערן באַ יעדערן, בתוך כלל ישראל, הבטחתו של הקב"ה אַז „כל המברך מתברך"[1] בברכתו של הקב"ה, וואָס „תוספתו מרובה על העיקר"[2], און — „מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"[3], לכל אחד ואחת, בתוך כלל ישראל, בכל המצטרך לו,

ביז אין דעם ענין העיקרי (ווי דערמאָנט[4]) — די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ובפרט אַז דאָס (די גאולה) איז אַן ענין שהזמן גרמא,

סיי מצד החודש, חודש ניסן — כהבטחת תורת אמת ותורת חיים, אַז „בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל"[5];

סיי מצד השבוע — יום השלישי שהוכפל בו כי טוב[6], וואָס די גאולה איז שלימות הטוב, ביז טוב כפול, טוב לשמים וטוב לבריות[7], ווי זיי שטייען פאַר־אייניקט אין אַ מציאות אחת (בכל רגע פון יום השלישי);

און סיי מצד השנה — שנת תִּשְׂמַח און תְּשַׂמַּח, און אויך אַ שנת הקהל, „הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[8], וואָס שלימות השמחה און שלימות פון הקהל וועט זיין בגאולה העתידה — „שמחת עולם על ראשם"[9], און „קהל גדול ישובו הנה"[10].

וואָס די קביעות מאַכט דער זמן נאָכמער מוכשר אויף דער גאולה האמיתית והשלימה, און אַלע אידן גיין, „קהל גדול ישובו הנה", לארצנו הקדושה, און מ'גייט בזריזות — „לא עכבן אפילו כהרף עין"[11], „עם ענני שמיא"[12].

1) ראה סוטה לח, ב. ירושלמי ברכות ספ"ח, הובא בתוד"ה ואברכה — חולין מט, א.
2) ב"ר פס"א, ד.
3) ברכה השלישית דברכת המזון.
4) בברכת אנ"ש.
5) ר"ה יא, א. וראה שמו"ר פט"ו, יא.
6) פרש"י בראשית א, ז. מב"ר פ"ד, ו.
7) קידושין מ, א. וראה אוה"ת בראשית לג, א ואילך. משפטים ע' א'קכז. ועוד.
8) וילך לא, יב.
9) ישעי' לה, י. נא, יא.
10) ירמי' לא, ז.
11) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.
12) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

און מ'האט שלימות הארץ, צוזאמען מיט „ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[13] — אלע עשר ארצות ואומות (נוסף אויף די שבע, אויך די שלשה ארצות קיני קניזי וקדמוני),

צוזאמען מיט שלימות עם ישראל, „קהל גדול" פון „האנשים והנשים והטף" (כנ"ל), און אין יעדער סוג באזונדער — שלימות פון יעדער פרט און פרט שבפרט, אין פרטי פרטים, ולאידך: יעדערער[14] אלס פרט (בלייבנדיק א באזונדער מציאות) ווערט א חלק פון דעם „קהל גדול", ביז נאכמער — ווי דער בעש"ט[15] זאגט אז העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו[16].

און די שלימות (פון עם ישראל) פועל'ט אויך אין דער גאנצער וועלט, וואס אויך זי באשטייט פון התחלקות, „מה רבו מעשיך"[17], „מה גדלו מעשיך"[18], ביז א התחלקות עד אין סוף[19] — ווערט ביחד עם זה נתגלה לעין כל אז די וועלט (און אלע אירע פרטים) איז א רשות היחיד ליחידו של עולם, ובאופן פון „ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[20], וכמבואר בספר תניא קדישא[21].

ועוד והוא העיקר — ולא עכבן אפילו כהרף עין, תיכף ומיד ממש ממש.

[א' מרבני אנ"ש ברך את כ"ק אדמו"ר שליט"א בברכת כהנים, ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:]

ולאחרי תחיית המתים, ווען עס וועט זיין „משה ואהרן עמהם"[22], וועט יעדער איד און אלע אידן — אלס חלק פון דעם עצם פון א קהל גדול — הערן די אלע ענינים וברכות — א ברכה גדולה[23] — פון אהרן כהן גדול, בבית המקדש השלישי — א בית גדול[24].



---

13) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובספרי ופרש"י שם.

14) ראה בארוכה בהשיחה (דאור לי"א ניסן) שלאחרי תפלת ערבית (ש. ז.). מכתב די"א ניסן ש. ז. (לקמן ע' 692 ואילך).

15) כתר שם טוב הוספות סקט"ז. וש"נ.

16) היינו שגם בתור מציאות בפ"ע (ולא בתור חלק מהקהל) — הרי הוא תופס כל העצם.

17) תהלים קד, כד.

18) שם צב, ו.

19) ראה ד"ה מים רבים תשי"ז (סה"מ מלוקט ח"א ע' נא ואילך) ס"ט. ובכ"מ.

20) ישעי' ל, כ.

21) פל"ו.

22) ראה תוד"ה אחד — פסחים קיד, ב. יומא ה, ב.

23) כי היא ברכה של הכהן גדול, שלמעלה מ(ברכת) שאר הכהנים — ראה ברכת ערב יוהכ"פ (להתלמידים שיחיו) תשמ"ז בתחלתה ובהערות שם.

24) כמש"נ גדול יהי' כבוד הבית גו' (חגי ב, ט) דכפשוטו קאי על ביהמ"ק הג' (זח"א כח, א).

משיחות אחרון של פסח ה'תשמ"ח

א. איינער פון די העכסט-וויכטיקע זאכן אין חג הפסח — דער חג הגאולה פון דעם אידישן פאלק — איז, דאס וואס ער איז א הכנה־צוגרייטונג צו דער לעצטער און אייביקער גאולה[1], די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

ווי עס שטייט[2] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", און (אזוי ווי) „בניסן נגאלו (אזוי איז אויך) בניסן עתי־דין ליגאל"[3], ביז אז עס שטייט[4] אז גאולת מצרים האט אויפגעעפנט דעם צנור און געגעבן דעם כח אויף אלע גאולות, אויך אויף דער גאולה העתידה[5].

אין די ימי הפסח גופא, איז באַוואוסט, אז מער בפרטיות, זיינען די ערשטע טעג פון פסח פאַרבונדן בעיקר מיט דער גאולה פון מצרים, און די לעצטע טעג פון פסח זיינען פאַרבונדן בעיקר מיט דער גאולה העתידה[6].

ווי ס'איז מרומז אין די הפטרות פון די ימים אחרונים (וואס די הפטרה איז „בענינו של יום"[7]): די הפטרה[8] פון שביעי של פסח איז שירת דודי[9] — „ווייל[10] בשביעי ואחרון של פסח איז גילוי משיח, וואס ער איז בן דוד כו'"[11]. און די הפטרה פון אחרון של פסח רעדט

---

1) ולכן אומרים בליל הסדר — „יגיענו למועדים כו' בבנין עירך כו' ונודה לך כו' על גאולתנו" (ברכת אשר גאלנו בהגש"פ. מפסחים קטז, ב במשנה). ובפרטיות: חציו השני של הסדר (לאחרי ברכת המזון — סיום ההלל (הפרקים המדברים בלעתיד לבוא (פסחים קיח, א), הלל הגדול ונשמת עד „לשנה הבאה בירושלים") שייך לגאולה העתידה (ראה הגדה של פסח עם לקוטי טעמים ומנהגים ע' לב).

2) מיכה ז, טו. וראה אוה"ת נ"ך עה"פ (ע' תפז). ולהעיר גם מישעי' יא, טו־טז (בהפטרת אחש"פ): „והחרים גו' והיתה מסילה גו' כאשר היתה לישראל ביום עלותו מארץ מצרים".

3) ר"ה יא, א. שמו"ר פט"ו, יא.

4) ד"ה כימי צאתך תש"ח פי"ב (סה"מ תש"ח ע' 164). וראה ד"ה הנ"ל תשמ"ב (סה"מ — מלוקט ח"ב ע' לז ואילך) ס"ג.

5) ולכן מזכירין יצי"מ (גם) לימות המשיח (ברכות יב, סע"ב) — ד"ה כימי צאתך הנ"ל. ולהעיר מהפירוש (לקו"ד ח"ג תכב, א) ב„להביא ימות המשיח" (ברכות שם), שעי"ז מביאים ומקרבים את ימות המשיח.

6) שיחת אחרון של פסח בסעודת הלילה הש"ת (ס' השיחות הש"ת ע' 72).

7) שו"ע אדה"ז או"ח הל' פסח סתפ"ח ס"ה־ו.

8) וגם בהקריאה דשביעי של פסח — שירת הים (ראה פרש"י ד"ה ויהי בשלח — מגילה לא, א, שבשש"פ קורין פ' ויהי בשלח פרעה „לפי שביום ז של פסח אמרו שירה כו'") — מרומז גאולה העתידה: בתחלת השירה — „אז ישיר" לשון עתיד, שר לא נאמר אלא ישיר מכאן לתחיית המתים כו' (סנהדרין צא, ב), ובסיום השירה — „מקדש אד' כוננו ידיך ה' ימלוך לעולם ועד", שקאי על ביהמ"ק השלישי שיבנה „בזמן שה' ימלוך לעולם ועד לעתיד לבוא" (בשלח טו, יז־יח ובפרש"י). וראה גם לקו"ש חכ"ב ע' 213.

9) מגילה לא, א. טושו"ע או"ח סת"צ ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סי"ג.

10) לקו"ד ח"ד תשא, א.

11) וגם לפי הטעם (על אמירת הפטרה זו בשביעי של פסח) ששירת דוד „היא ג"כ שירה כמו שירת הים (שהיתה בשביעי של פסח) שקראו בתורה" (שו"ע אדה"ז שם. וראה רש"י ד"ה ומפטירין וידבר דוד — מגילה שם) — הרי זה מרמז על גאולה העתידה, כבהערה 8.

זיך בגלוי וועגן די גאולה העתידה[12], כדלקמן.

און אין די ימים האחרונים פון פסח עצמם, איז די גאולה העתידה בעיקר אונטערשטראָכן אין אחרון של פסח — ווי מ'זעט עס בגלוי אין דער הפטרה פון דעם טאָג: די הפטרה רעדט בגלוי ובאריכה[13] וועגן דער גאולה העתידה ע"י משיח צדקנו און וועגן די פרטי היעוד וואָס וועלן דאַן מקויים ווערן[14] — „ויצא[15] חוטר מגזע ישי גו' ונחה עליו רוח ה' גו' והריחו גו'" (וואָס דאָס גייט בפשטות אויף משיח), און די הנהגה בימות המשיח — „וגר[16] זאב עם כבש גו' מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"[17], און קיבוץ גליות — „והי'[18] ביום ההוא גו' לקנות את שאר עמו גו' ומאיי הים גו' ואסף נדחי ישראל גו'", און — „והחרים[19] ה' גו' והניף ידו על הנהר גו'".

ב. די שייכות פון אחרון של פסח מיט דער גאולה העתידה ע"י משיח איז נתגלה געוואָרן נאָך שטאַרקער אין די דורות האחרונים — דורך דעם בעל שם טוב[20],

ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דערציילט, אַז באַם בעש"ט האָט די סעודה פון אחרון של פסח געהייסן „משיח'ס סעודה"[21], און דער טעם אויף דעם איז — ווייל „אחרון של פסח איז מאיר גילוי הארת המשיח"[22].

און נאָכדעם וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דאָס מגלה געווען ברבים און געהייסן דאָס מפרסם זיין, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז שייך צו כל אנשי הדור, אנשים נשים וטף — וואָרום ער איז דער נשיא הדור, והנשיא הוא הכל[23].

ויש לומר, אַז די הוספה (וואָס איז צוגעקומען אין גילוי הארת משיח) מצד סעודת משיח לגבי דער גילוי מצד

---

12) ויש לומר שגם בקריאת היום נרמז הגאולה העתידה — „עשר תעשר" (התחלת הקריאה דאחש"פ שחל בשבת), שי"ל שזהו ע"ד „עשר אעשרנו" בתפלת יעקב (ויצא כח, כב) שרומז על לע"ל (ראה תו"א ויצא כב, ד. תו"ח שם כז, סע"ד). וגם בהמשך הקריאה (והתחלת הקריאה בשאר השנים) — „כל הבכור גו'", שלע"ל יתעלו הבכורים ויהי' עבודה בבכורים (ס' הגלגולים פכ"ג. אוה"ת מקץ שדמ, א. בא ע' שמא. סד"ה כל פטר תרכ"ז. ועוד).

13) משא"כ בהפטרת שביעי של פסח ה"ז רק ברמז כו'.

14) הטעם על זה שבאחש"פ מפטירין „עוד היום בנוב לעמוד וגו'" (בפשטות) הוא לפי שבליל פסח היתה מפלתו של סנחריב (פרש"י ד"ה עוד היום מגילה לא, א. שו"ע אדה"ז שם). וצריך ביאור: (א) הרי מפלת סנחריב היתה בליל הראשון של פסח, ולא באחרון של פסח? (ב) ענין מפלת סנחריב הוא רק בהתחלת ההפטרה, וכל המשך ורוב ההפטרה: („ויצא חוטר מגזע ישי וגו'") מדבר במשיח? ולכן נ"ל, שהשייכות דהפטרה זו לאחש"פ היא (גם) מצד שאחש"פ שייך למשיח [וראה מחזור ויטרי] וגם פסוקים הראשונים שמדברים ב(מפלתו של סנחריב ו)נצחונו של חזקי' שייכים למשיח — כי ביקש הקב"ה לעשות חזקי' משיח (סנהדרין צד, א).

15) ישעי' יא, א־ג.

16) שם, ו־ט.

17) ראה רמב"ם סוף הל' מלכים.

18) ישעי' שם, יא־יב.

19) שם, טו.

20) הטעם שענין זה נתגלה דוקא ע"י הבעש"ט — ראה לקו"ש ח"ז ע' 273 ואילך. וראה שיחת אחש"פ תש"ד (ע' 109 ואילך).

21) „היום יום" כב ניסן, אחש"פ. וראה שיחת אחש"פ בסעודת הלילה הש"ת (ע' 75). תש"ג (ע' 188).

22) „היום יום" שם. וראה שיחת אחש"פ תש"ד (ע' 105. ע' 109 ואילך). תש"ה (ע' 100). — וראה לקו"ש ח"ד ע' 1298 ואילך — ביאור השייכות דאחש"פ לגילוי הארת משיח.

23) פרש"י חוקת כא, כא.

אמירת ההפטרה — איז דאָס וואָס די הארה פון דער גאולה אין אחרון של פסח נעמט דורך (נוסף למחשבתו ודיבורו של האדם באמירת ההפטרה) אויך די גשמיות וגוף פון אַ אידן (מעין דער גילוי אלקות וואָס וועט זיין בגאולה העתידה דוקא בגשמיות[24] כו'), דורך דעם וואָס ער עסט דעמולט אַ סעודה גשמית (וואָס ע"פ דין דאַרף אַ סעודה באַשטיין פון אכילה ושתי' גשמית, לחם וכו'), אַ סעודה וועלכע הייסט משיח'ס סעודה, און דאָס ווערט דם ובשר כבשרו[25].

ובמכל שכן ווי דאָס איז בנוגע צו יעדער סעודה, ובפרט סעודת שבת ויום טוב כו': בשעת אַ איד עסט אַ סעודה איז מכוונות העיקריות אין דעם — אַז דורך דעם זאָל ער אַריינברענגען ג־טלעכקייט און הייליקייט אין זיין גשמיות'דיקן לעבן, זיין אכילה ושתי'.

ביז אַז אויך בנוגע נטילת ידים, די הכנה צו דער סעודה, שטייט[26] אַז אַ איד טוט דורך דעם אויף „שאו ידיכם קודש וברכו את הוי'"[27], ער איז ממשיך („וברכו" מלשון ברכה והמשכה), דעם אויבערשטן (הוי') באַ זיך אין זיין סעודה גשמית כביכול, און ניט נאָר דער שם אלקים (וואָס דערפון נעמט זיך די גאַנצע בריאה), נאָר דעם שם הוי', וואָס איז העכער פאַר דער בריאה, און דאָס איז ער ממשיך אין זיין גשמיות.

על אחת כמה וכמה ווען עס רעדט זיך וועגן דער סעודה אַליין, און אַ סעודה וואָס קומט איין מאָל אַ יאָר („אחת בשנה") און (ניט אַ סתם סעודה, נאָר אַ סעודה וואָס) הייסט „משיח'ס סעודה", וואָס משיח איז אַ מלך, וואָס משכמו ומעלה גבוה מכל העם[28], און אין מלכות גופא — פון מלכות בית דוד[29], און אין דעם גופא — שלימות פון מלכות בית דוד[30] (ווי ס'וועט זיין לעתיד לבוא).

און די כוונה אין דעם איז (ווי אין אַלע מועדים וכיו"ב), אַז פון סעודת משיח באחרון של פסח, זאָל נמשך ווערן[31] די הארה פון משיח אין אַלע ענינים ופרטים פון דעם טאָג טעגלעכן לעבן (אויך בגשמיות) פון אַ אידן במשך אַ גאַנצן יאָר. ובפשטות — אַז אַלץ וואָס אַ איד טוט במשך דעם גאַנצן יאָר, אויך די גשמיות'דיקע זאַכן, זאָל זיין דורכגענומען מיט הייליקייט און קדושה (מעין ובדוגמא ווי ס'וועט זיין לאחרי ביאת המשיח), ביז מיט מסירת נפש פון יחידה שבנפש (בחי' משיח שבנפש[32]), און זאָל געטאָן ווערן בשלימות כדבעי למיעבד[33].

---

24) כמ"ש ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר גו' (ישעי' מ, ה).

25) תניא ספ"ה.

26) ד"ה שאו ידיכם תרפ"ז (סה"מ תרפ"ז ע' ריז). תרצ"ד (וד"ה וישא אהרן תרצ"ד — סה"מ קונטרסים ח"ב רחצ, ב ואילך). תשמ"ג. ועוד.

27) תהלים קלד, ב.

28) שמואל־א ט, ב. וראה אוה"ת וירא תשסד, ב. שה"ש ע' תיד־תטו. ועוד.

29) ראה רמב"ם הל' מלכים פ"א ה"ז ואילך.

30) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב. וראה לקו"ש ח"ו ע' 254.

31) להעיר מהטעם שאדה"ז לא הכניס בסידור לאחרי ההגדה „חסל סידור פסח", כי „חג הפסח ווערט נמשך שטענדיג" (שיחת אחש"פ תש"ג (ע' 75), נעתקה בהגדה של פסח עם לקוטי טעמים ומנהגים בסופו).

32) ראה רמ"ז לזח"ב מ, ב (נדפס במק"מ קמז, ב) ולזח"ג רס, ב (במק"מ קצ, ב). ל"ת להאריז"ל בראשית עה"פ ויתהלך חנוך. ועוד.

33) ראה כתובות סז, רע"א.

פון די טעמים פאַרוואָס דער ענין (פון סעודת משיח) איז נתגלה געוואָרן (דורך דעם בעש״ט) דוקא בדורות האחרונים (און ניט אין די דורות שלפני זה, כאָטש אַז דעמולט איז אויך געווען גילוי הארת משיח באחרון של פסח, און מ׳האָט געזאָגט הפטרת היום כו׳) — י״ל ווייל[34]: א) בשעת עס קומט צו אין חושך הגלות, קומט אויך צו אין גילוי אור וקדושה כו׳, בכדי קענען זיך איינקערן און באַלייכטן די וועלט אויך אין אַזאַ מצב של חושך. ב) קומענדיק נעענטער צו דער גאולה העתידה בפועל, איז מען מגלה מערער ענינים וועלכע זיינען מעין הגאולה, טועמי׳ חיים זכו[35], ע״ד ווי בערב שבת איז מען טועם מכל תבשיל ותבשיל פון שבת[36].

ג. דער ענין הנ״ל פון סעודת משיח באחרון של פסח שטייט נאָכמער בהדגשה ובגלוי היינטיקן יאָר, ווען אחרון של פסח איז ביום השבת, וואָס דעמולט גייט מען אַריין פון סעודת משיח (בסוף היום) גלייך (אָן הפסק סעודה אחרת) אין סעודת מלוה מלכה במוצאי שבת[37], וועלכע ווערט אָנגערופן „סעודתא דדוד מלכא משיחא״[38], ווייל דעמולט איז דאָ דער גילוי פון דוד מלכא משיחא אין אַ סעודה גשמית (סעודת מלוה מלכה).

וואָס דעמולט קומט צו, כמובן, אין דעם גילוי פון סעודת משיח, וויבאַלד אַז דערפון האָט מען דעם כח אויף גלייך אַריינגיין אין סעודתא דדוד מלכא משיחא.

וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים דער ביאור החילוק צווישן „סעודת משיח״ באחרון של פסח און „סעודתא דדוד מלכא משיחא״ במוצאי שבת — וואָס וויבאַלד אַז „סעודת משיח״ איז נאָר פעם אחת בשנה (באחרון של פסח) ובתור מנהג, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַנדערש פון „סעודתא דדוד מלכא משיחא״ וואָס איז דאָ בכל מוצאי שבת וכדין בשו״ע.

דער חילוק ביניהם איז אין כמה ענינים:

א) בזמן — „סעודתא דדוד מלכא משיחא״ איז בכל מוצאי שבת, און „סעודת משיח״ איז באחרון של פסח, כנ״ל.

ב) „סעודתא דדוד מלכא משיחא״ דאַרף קומען נאָך די ג׳ סעודות שבת שלפני זה. ב״ז אַז זי ווערט אַמאָל אָנגערופן בשם סעודה רביעית[39] [כנגד דעם רגל הרביעי פון מרכבה — דוד מלכא משיחא, וועלכע קומט לאחרי די ג׳ סעודות כנגד די ערשטע ג׳ רגלי המרכבה — הג׳ אבות[40]]. וואָס דאָס באַ־

---

34) ראה עד״ז לקו״ש חט״ז ע׳ 282 (וש״נ) בביאור הטעם דהתגלות החסידות (בכלל) בדורות האחרונים דוקא. וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 206 ואילך.

35) פע״ח שער יח רפ״ג. שער הכוונות ענין טבילת ע״ש.

36) ראה מג״א או״ח סר״ז סוסק״א. שו״ע אדה״ז שם ס״ח.

37) שבת קיט, ב. טושו״ע ושו״ע אדה״ז או״ח ס״ש.

38) סידור האריז״ל (לר״ש מרשקוב). ובכמה מקומות נקרא: סעודתא דדוד מלכא (פע״ח שער השבת פכ״ד. סידור האריז״ל (קול יעקב). של״ה מס׳ שבת קלג, ב מכנפי יונה (ח״ב ס״ג) ועוד).

39) ראה שער הכוונות ענין ויהי נועם. סידור יעב״ץ (מוצאי שבת). ועוד.

40) עשרה מאמרות מאמר חקור דין ח״א פכ״ג (בשם האריז״ל). הובא באוה״ת בשלח ע׳ תרג. וראה של״ה שם. וראה זח״ג פח, ב (וראה במק״מ שם. סידור עם דא״ח רא, ד). ובשער הכוונות ענין השלחן — שהג׳ סעודות הן כנגד הג׳ אבות.

ווייזט אַז זי דאַרף — אָנקומען צו דער הכנה ועבודה[41] אין די ג' סעודות[42] של שבת[43]. משא"כ „סעודת משיח" באחרון של פסח איז אַ באַזונדער סעודה, ניט פאַרבונדן מיט אַנדערע סעודות.

ג) בשם: די סעודה במוצאי שבת הייסט „סעודתא דדוד מלכא משיחא", משא"כ בא „סעודת משיח" דערמאָנט מען ניט „דוד", נאָר „משיח" סתם.

ד) כנ"ל — סעודת מלוה מלכה (דדוד מלכא משיחא) איז אַ דין אין שולחן ערוך[44]. סעודת משיח איז אַ מנהג ישראל, אײַנגעשטעלט דורך דעם בעש"ט און רבותינו נשיאינו.

ועוד.

ד. דער ביאור אין דעם י"ל:

אע"פ וואָס בכללות איז דאָ אַ קשר צווישן „דוד מלכא משיחא" און „משיח", זיינען זיי אָבער צוויי באַזונדערע מענטשן[45] (און ענינים). ווי די גמרא זאָגט[46] „עתיד הקב"ה להעמיד להם דוד אחר (שעתיד למלוך עליהם[47]) שנאמר[48] ועבדו את ה' אלקיהם ואת דוד מלכם אשר אקים להם, הקים לא נאמר אלא אקים, א"ל כו' והכתיב[49] ודוד עבדי נשיא להם לעולם, כגון קיסר ופלגי קיסר", ופרש"י: „מלך ושני לו, כן דוד החדש מלך מדכתיב ודוד מלכם אשר אקים, ודוד המלך שני לו כדכתיב נשיא להם ולא כתוב מלך".

דער אונטערשייד צווישן זיי (דוד המלך און משיח) וועט מען פאַרשטיין לאחרי ביאור בדיוק לשון הגמרא „קיסר ופלגי קיסר", וואָס לכאורה איז דאָס אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק:

א) „קיסר ופלגי קיסר" איז דער אָפּטייטש אין לשון רומי פון „מלך ומשנה למלך". ווערט די שאלה: אין אַ ריבוי מקומות אין גמרא שטייט דער לשון „מלך" (ביז אַז אפילו מלכי אוה"ע רופט אָן די גמרא בכ"מ בשם „מלך"). פאַרוואָס איז די גמרא מתאר דוד המלך און מלך המשיח (און ווי זיי וועלן זיין בהתגלות לעתיד לבוא) דוקא מיט דעם לשון „קיסר ופלגי קיסר", בלשון אומות העולם, וביניהם גופא — לשון רומי, דער עם וועלכע האָט חרוב געמאַכט דעם ביהמ"ק („לבנון באדיר יפול"[50]), און ניט „מלך ומשנה למלך" בלשון הקודש[51]?!

ב) נאָכמער: „קיסר" בלשון רומי נעמט זיך פון „לשון כרות בעברית"[52], „חתיכה וכריתה"[53] (= שניידן), על שם

---

41) להעיר גם מלקוטי לוי"צ אגרות ע' רנה־ו.

42) כמובן גם מזה שהוא כנגד רגל הד' דהמרכבה (כנ"ל בפנים), שהוא זקוק להג' רגלים אחרים, בכדי להעמיד המרכבה.

43) ויתירה מזה: מבחי' הסעודות (דשבת) אנו עושים סעודה ד' במוצאי שבת וכוונתה היא להמשיך אור קדושת סעודות שבת לכל ימי החול כו', וכנגד אור החוזר מפאת סעודת שבת אנו עושים סעודה בכל ליל מוצאי שבת, סעודה ד' (שער הכוונות שם. וראה גם סידור האריז"ל ופע"ח שם).

44) שבהערה 37.

45) כפס"ד הרמב"ם בהל' מלכים פי"א.

46) סנהדרין צח, ב.

47) פרש"י שם.

48) ירמי' ל, ט.

49) יחזקאל לז, כה.

50) ישעי' י, לד. גיטין נו, ריש ע"ב.

51) ולהעיר מגיטין שם, סע"א ואילך שקרא ריב"ז לאספסינוס (מלך רומי שע"י נחרב הביהמ"ק) בשם „מלכא". וראה שם לעיל שנקרא בגמרא בשם „קיסר". וראה גם שם, ב.

52) תוד"ה כל — ע"ז י, ב.

53) סדר הדורות ג"א תרס"ב.

א מלך פון רומי וואס האט געהייסן „קיסר" על שם זה וואס ער איז געבארן געווארן דורך דעם וואס „נתקשה (אמו) בלדתה וכרתו בטנה והוציאו הולד דרך דופנה"[53] (ובלשון הקודש — הייסט עס א לידה באופן פון „יוצא דופן"), „ועל שמו נקראו כל המלכים שאחריו קיסר"[54].

איז ווי קומט עס, אז די גמרא פארגלייכט דוד און משיח דוקא צו „קיסר" וואס ווייזט אויף א לידה באופן פון... יוצא דופן, און נאך פון א מלך רומי?!

ובפרטיות יותר, איז אויך אין דעם „נשמע" גופא (לימוד התורה בהבנה והשגה) פאַראַן ביידע ענינים: „ליגמר אינש והדר למסבר"[60]. לכל לראש דאַרף מען לערנען און פאַרשטיין די ענינים וואָס מ׳האָט געהערט מרבו, און איש מפי איש ביז משה רבינו שקבל תורה מסיני, וואָס באַ מתן תורה איז געגעבן געוואָרן מלמעלה כל התורה כולה, אויך מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש[61]; אָבער דערנאָך דאַרף זיין דער „למסבר" — לערנען תורה בכח עצמו, און מחדש זיין בתורה, און אַרויסברענגען מן הכלל אל הפרט ומן הכח אל הפועל, דאָס וואָס איז געגעבן געוואָרן באַ מתן תורה, ביז לאפשא לה[62].

ח. ויש לקשר זה אויך מיט דעם היינטיקן פרק אין פרקי אבות — לויט דעם מנהג צו לערנען פרקי אבות „כל שבתות הקיץ"[63], אויך נאָך חג השבועות, וואָס לויט דעם לערנט מען דעם שבת פרק ראשון (צום צווייטן מאָל בשנה זו[64]):

אין דער ערשטער משנה פון דעם פרק לערנט מען: „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה". און די משנה איז מסיים מיט „הם אמרו שלשה דברים, הוו מתו־נים בדין, והעמידו תלמידים הרבה, ועשו סיג לתורה".

וויבאַלד אַז דער מסדר המשנה האָט צוזאַמענגעשטעלט אַז אין איין משנה זאָלן שטיין ביידע ענינים — „משה קבל תורה מסיני ומסרה כו׳", און דעם מאמר פון אנשי כנסת הגדולה — איז פאַר־שטאַנדיק אַז ס׳איז דאָ צווישן זיי אַ שייכות.

ויש לומר הביאור בזה:

די משנה גיט אַרויס ביידע תנאים וואָס דאַרפן זיין אין לימוד התורה

שערי טומאה, „לטהרנו", לטהר בני ישראל להקב״ה ליום חתונתו זה מתן תורה [וזהו אחד מהטעמים דההנהגה דלימוד מס׳ סוטה* בימי הספירה**]. (ב) ההשתוקקות דבנ״י למתן תורה, ע״י העבודה בהתפשטות המדות מחסד שבחסד עד מלכות שבמלכות, מ״ט שערי בינה, עד לשער הנו״ן.

57) משפטים כד, ג.

58) שם, ז.

59) ראה לעיל ע׳ 420 ואילך.

60) שבת סג, א.

61) ראה שקלים פ״ו ה״א. מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. וראה תו״ש מילואים לכרך טז ס״א (ע׳ רג ואילך). ושי״נ.

*) להעיר שפרשת סוטה הוא בפרשתנו — פ׳ נשא, שקורין לעולם בסמיכות לחגה״ש, כנ״ל ס״א.

**) ולהעיר שטהרת האשה לבעלה הוא ע״י עפר בקרקע המשכן (פרשתנו ה, יז), המורה על תכלית הביטול, ועד שזהו למטה יותר אפילו מאדני המשכן ועצי שטים עומדים (עבודת מרר״).

62) זח״א יב, ב. וראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב ס״ב. אגה״ק סכ״ו (קמה, א).

63) סידור אדה״ז לפני פרקי אבות.

64) שמזה מובן שהוא בהבנה נעלית יותר מהלימוד בפעם הראשונה, ובמילא גם בתלמוד גדול שמביא לידי מעשה — „מילי דחסידותא" ו„מילי דנזיקין" (ב״ק ל, א), בהידור יותר וכו׳.

ועבודת ה' בכלל — ביטול און התפשטות:

לכל לראש דארף בא משה'ן זיין „קיבל תורה מסיני"[65]. דערנאך דארף אבער זיין דער „ומסרה כו'", ס'איז ניט גענוג אז ער זאל בלייבן א מקבל, נאר תורה דארף ביי אים זיין באופן של התפשטות, ער דארף איבערגעבן און לערנען תורה מיט אנדערע (ועד"ז בא יהושע — איז נוסף צו זיין ביטול וקבלה פון משה, ווערט דערנאך זיין השפעה „ויהושע לזקנים", און אזוי מדור לדור — „וזקנים לנביאים, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה"). און אין דעם באשטייט די שלימות פון „משה קבל תורה מסיני" — בשעת דאס קומט ארויס אין „ומסרה".

און דעריבער איז די משנה מסיים, אז אויך בא די אנשי כנסת הגדולה איז (ניט געווען נאר די קבלה פון די נביאים, נאר אויך) „הם אמרו" — אלס משפיעים, און ניט נאר איין ענין, נאר „שלשה דברים", ע"ד כללות התורה וועלכע איז „אוריין תליתאי"[66] דוקא[67].

און אויך דער תוכן פון די „שלשה דברים" איז נוגע צו דעם תוכן הנ"ל:

„והעמידו תלמידים הרבה": אע"פ וואס די הקדמה דארף זיין דער ביטול פון דעם תלמיד לרבו, און אויך דערנאך — מתון בדין שע"פ שכלו — זאגן די אנשי כנסת הגדולה א הוראה, אז ער קען דערביי ניט בלייבן, נאר ער דארף אויפטאן „והעמידו תלמידים הרבה", תלמידים לשון רבים, און אין דעם גופא — „הרבה", וואס דאס איז כולל די מערסטע צאל תלמידים וואס קען זיין.

„ועשו סיג לתורה": ס'איז ניט מספיק צו לערנען די תורה וואס מ'האט באקומען מרבו ביז צו משה רבינו בא מתן תורה, נאר דער תלמיד ותיק דארף בכח עצמו צוגעבן סייגי תורה (על יסוד כללי התורה שקבל מרבו), ביז דער הוראה „עשו משמרת למשמרתי"[68], לויט זיין אפשאצונג פון צרכי הדור.

ט. עפ"ז ווען מען אויך פארשטיין דער דיוק „והעמידו תלמידים הרבה", דלכאורה:

די מעלה פון א גוטן רב ומלמד איז, אז נוסף צו דעם וואס די ענינים וועלכע ער לערנט מיט די תלמידים איז ער זיי דאס מסביר בהסברה טובה — איז ער זיי אויך מדריך און לערנט זיי אויס אז זיי זאלן אליין קענען לערנען און מחדש זיין בכח עצמם.

וואס בכלל איז עס בדוגמת החילוק פון „עמידה" און „הליכה": בשעת דער תלמיד פארשטייט נאר דאס וואס דער רב האט אים משפיע געווען (ביז אפילו בשעת זיינע חושים ווערן כחושי הרב) — איז ער אן „עומד", ער בלייבט שטיין אויף אן ארט; משא"כ ווען ער איז מחדש בכח עצמו (לאפשא לה) — איז ער א „מהלך", ער האלט אין איין גיין מדרגא לדרגא, „ילכו מחיל אל חיל"[69].

ועפ"ז דארף מען האבן הסברה אין דעם דיוק הלשון „והעמידו תלמידים

---

65) ראה ביאורים לפרקי אבות כאן, שזהו הביאור בהלשון „מסיני", ולא „מהקב"ה" — כי סיני (מכיך מכל טוריא — מדרש תהלים (באבער) סח, יז) רומז על הביטול שצ"ל בקבלת התורה.

66) שבת פח, א.

67) ולכן מוסיף במשנה ומדייק שהיו „שלשה דברים" — דמניתא למה לי.

68) מו"ק ה, סע"א. ושי"נ.

69) תהלים פד, ח.

הרבה", דלכאורה איז די שלימות בזה ניט „והעמידו", נאָר ער זאָל זיי מאַכן פאַר מהלכים[70]?

ויש לומר, אַז דער ענין פון „העמידו" גיט צו, אַז אויך נאָך דעם וואָס דער תלמיד ווערט אַ מהלך און אַ מחדש, זאָל ער „שטיין" און זיינע חידושים זאָלן זיין געבויט אויף די יסודות וואָס ער האָט מקבל געווען מרבו. ביז אַז לאחר החידוש שלו — זאָל ער האָבן מן המוכן דעם ענטפער אויף דער שאלה (הרגילה בש"ס): מנא הני מילי.

י. דער לימוד דערפון לכל אחד ואחת מישראל — „והחי יתן אל לבו"[71]:

באַ יעדער איד דאַרפן זיין ביידע עבודות פון ביטול והתפשטות, אַזוי ווי ס'איז געווען באַ מתן תורה — „נעשה ונשמע".

ובפרט מצד דעם וואָס יעדער איד האָט בכח צו טאָן די עבודה פון שבט לוי, כפס"ד הרמב"ם[72], אַז „לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו'" (ובפרט אַז באַ מ"ת האָט זיך אויפגעטאָן אַז יעדער איד געהערט צו „ממלכת כהנים"[73]),

און דאָס איז אויך כולל ילדי ישראל — קטנים, כמרומז אין מנין שבט לוי אַז ער איז „מבן חודש ומעלה"[74] (און נאָך

70) ואף שענין ההליכה הוא שהתלמיד מחדש בכח עצמו, אעפ"כ, מכיון שזה (שהתלמיד נעשה מהלך ומחדש בכח עצמו) הוא ע"י הדרכת הרב, והרב צריך להדריך את התלמיד שיהי' „מהלך" — מהו הדיוק „והעמידו תלמידים הרבה"?

71) קהלת ז, ב.

72) סוף הל' שמיטה ויובל.

73) יתרו יט, ו.

74) במדבר ג, טו. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 252. ע' 256 ואילך.

פריער — „מן הבטן"[75]), און אויך קטנות — כמובן מזה וואָס די ראי' אַז מ'ציילט שבט לוי „מן הבטן" איז פון יוכבד, „אשר ילדה אותה ללוי במצרים עם כניסתה בפתח מצרים ילדה אותה ונמנית בשבעים נפשות כו' היא השלימה את המנין"[76] —

דאַרף באַ יעדער איד זיין די עבודה פון בני מררי (ביטול) און די עבודה פון בני קהת ובני גרשון (התפשטות) אין זיין משכן הפרטי[77]:

דער יסוד (די אדנים) והתחלת העבודה דאַרף זיין ביטול, ובכללות — ביטול צו דעם אויבערשטן און צו אַלע זיינע ציוויים, ובפרטיות — ביטול צו זיין רב פון וועמען ער לערנט תורתו של הקב"ה (וואָס דורך דעם ווערט ער בטל צו דעם אויבערשטן), וואָס דאָס עפנט פאַר אים אויף דעם וועג ער זאָל מקבל זיין תורה ומצוות, און זיי מקיים זיין בפועל, באופן פון „נעשה".

צוזאַמען דערמיט האָט מען געגעבן יעדער מענטשן זיין שכל און מדות, וועלכע ער דאַרף אויסנוצן במילואם, דורך דעם וואָס ער ווערט בכח עצמו אַ מהלך אין זיין עבודה, אַז ער לערנט תורה בהבנה והשגה שלו („נשמע") מיטן גאַנצן תוקף (און בלייבט ניט באַם ביטול פון „נעשה", אָן קיין פאַרשטאַנד), נאָר ער זאָגט „ונשמע" און טוט (נעשה) דעם ונשמע. און ניט נאָר וואָס דאָס שוואַכט ניט אָפּ זיין מעשה ח"ו וח"ו, וואָס המעשה הוא העיקר[78], נאָר

75) פרש"י במדבר שם (דמה שנמנו מבן חודש ומעלה הוא לפי שאז נתברר שיצא מכלל נפלים).

76) פרש"י במדבר שם.

77) ראה לקו"ת פרשתנו כ, ב ואילך.

78) אבות פ"א מי"ז.

אדרבה — דורך דעם קומט צו אז זיין מעשה זאל זיין אויף א העכערן אופן, וויבאלד אז דאס ווערט אויך א תוצאה פון זיין פארשטאנד און התבוננות.

און אזוי אויך אין זיין עבודת ה', איז נוסף צו דעם וואס ביי אים איז דא דער יסוד והקדמה פון יראת ה' (ביטול), איז ער אויך עובד ה' מתוך אהבה (קירוב והתפשטות), וואס דאס איז שלימות העבודה[79].

ועד"ז אויך בנוגע צו השפעה אויף א זולת — באנוגנט ער זיך ניט מיט דעם וואס ער בלייבט א תלמיד פון זיין רב, און אפילו ניט מיט דעם וואס ער לערנט תורת רבו אין אן אופן אז דאס ווערט זיין שכל ונקראת על שמו[80], נאר ער טוט אויך אויף „והעמידו תלמידים הרבה" — דורך הפצת התורה וה־יהדות, און ניט נאר איין תלמיד, נאר „תלמידים הרבה".

וואס יעדער מענטש האט כחות וועלכע מ'האט ספעציעל געגעבן צו אים און קיין אנדער מענטש האט זיי ניט, און במילא האט יעדערער זאכן וועלכע ער קען משפיע זיין צו אנדע־רעי[81], און מאכן פון זיי זיינע תלמידים, ביז אין אן אופן, אז יעדער תלמיד באזונדער בלייבט ניט שטיין באופן פון עמידה וביטול, נאר ער ווערט סוף סוף א מהלך — טופח על מנת להטפיח, א נר להאיר[82] אנדערע.

יא. אין דעם קומט צו א ספעציעלע הדגשה אין די דורות האחרונים בנוגע צו הפצת המעינות חוצה, ווי רבותינו נשיאינו האבן אנגעזאגט און געגעבן כחות צו מפיץ זיין די מעינות החסידות חוצה,

ובפרט אין אונזער דור — דער לעצ־טער דור פן גלות און (ער וועט זיין) דער ערשטער דור פון דער גאולה — דער דור וועלכן כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האט געמאכט יעדערן פון אנשי הדור, אנשים נשים וטף, פאר א שליח צו מפיץ זיין די מעינות חוצה, בתוך הפצת התורה והיהדות בכלל: ער האט געמאכט יעדערן פון דעם דור פאר אן „עסקן ציבורי", וועלכער טראגט די אחריות ניט נאר פאר זיך אליין, נאר אויך פאר פארשפרייטן אידישקייט ביי אידן ארום זיך.

וואס דערביי זיינען אויך דא די צוויי עבודות הנ"ל:

לכל לראש דארף זיין דער ביטול צו זיין נשיא, לערנען זיין תורה און אנגע־מען זיינע הוראות, ובתכלית הביטול,

ביז ווי ס'איז ידוע דער פתגם פון חסידים[83], אז זייער יום הולדת איז ווען

---

79) ראה רמב"ם הל' תשובה פרק עשירי. — ולהעיר מזהר פרשתנו קכח, א (שאומרים בתיקון ליל שבועות) „אנן בחביבותא תלייא מילתא, דכתיב ואהבת את ה' אלקיך, וכתיב מאהבת ה' אתכם וכתיב אהבתי אתכם אמר ה'". וי"ל הקשר עם מתן תורה — שג' אהבות אלו הם כנגד הג' עטרות שכתרו בעת מ"ת, אחת נתן המלך בראשו ושתים נתן בראשם של בניו (ויק"ר פכ"ד, ח. וראה ד"ה בששה"ק דערב חגה"ש תשמ"ז. ושי"נ).

80) ע"ז יט, א. וראה קידושין לב, סע"א ואילך.

81) כהוראת המשנה (אבות רפ"ד) „איזהו חכם הלומד מכל אדם", היינו שיש מה ללמוד מכל אדם. ולהעיר שגם עני ואביון חייב במצות צדקה (גיטין ז, ריש ע"ב. רמב"ם הל' מתנות עניים פ"ז ה"ה. טושו"ע יו"ד ר"ס רמח).

82) להעיר מהקשר לריש פ' בהעלותך (שקורין במנחת שבת זו) — „בהעלותך את הנרות, עד שתהא שלהבת עולה מאלי'".

83) „היום יום" ל שבט.

זיי זיינען געקומען דעם ערשטן מאָל צו זייער רבי'ן (צו דעם רבי'ן אין זיין דור), ווייל דעמולט איז (בטל געוואָרן זיין פריערדיקע מציאות און ער איז) געוואָרן אַ מציאות חדשה, כקטן שנולד דמי[84],

ועל־ד ווי מתן תורה, וואָס דעמאָלט זיינען אידן געוואָרן ווי אַ גר שנתגייר כקטן שנולד דמי[85] (וואָס דערפאַר לערנט מען אָפּ פון מ"ת דיני גירות[86]), אַ מציאות חדשה, עד כדי כך איז דעמולט געווען דער ביטול פון זייער פריערדיקער מציאות.

ויש לומר אַז מעין זה איז בשעת אַ חסיד קומט צו זיין רבי'ן — בנוגע צו לימוד פנימיות התורה באופן פון „יתפרנסון"[87] מיני' — אַז ביי אים איז דאָ דער תכלית הביטול פון זיין מציאות הקודמת, און ער ווערט אין דעם אַ מציאות חדשה.

דערנאָך מאָנט מען אָבער פון אים, אַז ער זאָל ניט בלייבן שטיין באַ די דרגא (פון עמידה וביטול), נאָר ער זאָל אויפטאָן בכח עצמו און ווערן אַ מהלך אין זיין עבודה, ועוד ועיקר — דורך אַרויסגיין אין חוצה און דאָרטן מפיץ זיין די מעינות החסידות וועלכע ער האָט מקבל געווען באַם רבי'ן, און „והעמידו תלמידים הרבה", ביז אַז זיי ווערן אויך מהלכים.

יב. דערביי קען ווערן אַ שאלה: וואָס איז אויב ער געפינט ניט אויף וועמען צו משפיע זיין אין אידישקייט און אין די מעינות החסידות. אָדער אויב ער לעבט אין אַן עיר שכולה חכמים וסופרים[88] — קען ער דאָך מיינען, אַז דעמולט האָט ער ניט די הוראה פון „והעמידו תלמידים הרבה"?

אויף דעם האָט מען אַ הוראה נפלאה פון היינטיקן שיעור רמב"ם:

דער רמב"ם שרייבט[89] וועגן דעם סדר הפרשת מעשר, אַז „אחר שמפרישין מעשר ראשון בכל שנה מפרישין מעשר שני כו', ובשנה שלישית וששית מפרישין מעשר עני" (און ווי ער האָט פריער מאריך געווען וועגן דעם סדר פון הפרשה, אַז דאָס דאַרף זיין בדיוק בסדר זה[90]).

פון לשון הרמב"ם „מפרישין" איז פאַרשטאַנדיק, אַז די הפרשה דוקא דאַרף זיין אין דעם סדר, משא"כ די נתינה בפועל קען זיין בסדר אחר.

---

84) „כקטן" בכ"ף הדמיון — כי יש לומר שיש בו מעלה לגבי קטן שנולד: (א) בקטן שנולד יש גם ירידה לכאורה מהמצב במעי אמו ששם הי' מלמדין אותו כל התורה כולה (נדה ל, ב). (ב) קטן שנולד לא שייך ללימוד התורה, וגם כשהגיע לגיל הבנה, הרי הלימוד הוא בסדר והדרגה, משא"כ בחסיד ורבו — הנה אף שגם בפנימיות התורה ישנם דרגות (מקרא שבו, משנה שבו וכו'), הרי החסיד מקבל תיכף כל הענינים שבפנימיות התורה, לא רק ה„אל"ף־בי"ת", אלא גם הענינים הכי עמוקים כו' (ע"ד מה שבמ"ת קיבלו בנ"י כל התורה, וגם פנימיות התורה, ואדרבה — לפני עשה"ד הי' גילוי דמעשה המרכבה ובאופן של „ריחזור" (משפטים כד, י־יא)).

85) יבמות כב, א. רמב"ם הל' עדות פי"ג ה"ב. טושו"ע חו"מ ס"ל סי"א.

86) יבמות מו, א־ב. כריתות ט, א. רמב"ם הל' איסו"ב רפי"ג.

87) לשון התקו"ז ת"ו בסופו. הקדמת המקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו"ז שם. ועוד.

88) ע"פ ל' חז"ל — אבות פ"ו, ט.

89) ריש הל' מעשר שני.

90) הל' מתנות עניים פ"ו ה"ב ואילך. הל' תרומות פ"ג הכ"ג.

וואס דאס איז דאך א חידוש בנוגע צו מעשר שני: בנוגע צו שאר המעשרות, איז יש מבארים[91] אז דער עיקר איז די הפרשה און ניט די נתינה, ווייל דורך דער הפרשה ווערט די תבואה אויס טבל (ובפרט בא מעשר שני וואו ס'איז ניטא קיין נתינה); אבער בא מעשר עני, וואס איז א גדר פון נתינת צדקה, איז דאך לכ־אורה דער עיקר אז דער עני זאל דאס מקבל זיין[92] און עס זאל אויפטאן „החיית[93] את נפש העני"[94] — אעפ"כ קומט אויס פון דעם רמב"ם אז די הפרשה אליין איז אן עיקר!

דערפון האט מען דעם לימוד ונפק"מ לפועל:

אפילו בשעת מ'געפינט זיך אין א מקום ומצב וואו ס'איז ניטא קיין עני, און אפילו ניט קיין גבאי צדקה — האט מען דעם חיוב פון הפרשת מעשר עני, ועד"ז מובן בנוגע צו הפרשה לצדקה — אז ער זאל מפריש זיין מממונו לצדקה (און ווען עס קומט די ערשטע געלעגנהייט גיט ער דאס אפ בפועל).

ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו צדקה רוחנית — הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה: אפילו אויב ער געפינט זיך אין א מקום ומצב וואו ער קען ניט געפינען קיין עני בדעת וועלכע דארף אנקומען צו זיין השפעה — האט ער אויך דעמולט אויף זיך דעם גאנצן חיוב פון „כל ישראל ערבים זה בזה"[95], און פון הפצת התורה והיהדות, אז ער מצדו דארף מפריש זיין פון זיינע כחות און זיך צוגרייטן און אפשאצן ווי ער קען העלפן א צווייטן אידן אין אידישקייט, צוגרייטן די אותיות בא זיך ווי צו מסביר זיין א צווייטן אידן די טייערקייט פון תורה ומצוות וכיו"ב, אזוי אז גלייך ווי עס קומט די ערשטע געלעגנהייט זאל ער דאס קענען גלייך טאן בפועל.

ע"ד ווי א „שולחני תגר, כשמביאין לו מעות לראות רואה, וכשאין מביאין לו הוא מחזר ומביא משלו" (ניט ווי א „שולחני עשיר כשמביאין לו דינרין לראות רואה וכשאין מביאין לו יושב ותוהא"[96], ווייל הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה איז „אומנתו", ניט נאר ווען ער האט א מקבל בפועל, נאר אויך ווען ער געפינט זיך אליין (ביז אפילו ווען ער שלאפט חלומ'ט ער וועגן דעם), ווי מ'זעט במוחש ביי א בעל־הבית בנוגע צו זיין עסק.

ס'איז מובן ופשוט, אז ער דארף טאן כל התלוי בו צו זוכן (אליין אדער ע"י שליח) אן עני (כפשוטו אדער עני בדעת) און אים העלפן, אבער אפילו אויב ער קען דאס ניט טאן מאיזה סיבה שתהי', האט ער אויך גלייך דעם חיוב פון מפריש זיין מצדו די (געלט אדער) כחות לזה.

און אויף דעם (די הפרשה) איז חל די גאנצע זריזות וואס דארף זיין פונקט ווי

---

91) מרגניתא טבא וקנאת סופרים לסהמ"צ להרמב"ם שורש יב. וראה רש"י יומא פג, א ד"ה כי פליגי. גיטין ל, א ד"ה ואע"ג.

92) ועד שהמאבד סלע מתוך ידו ומצאה עני והולך ונתפרנס בה מעלה עליו הכתוב כאילו זכה (ספרי כד, יט).

93) תנחומא משפטים טו.

94) ועד שכל ענין הצדקה הוא משום שיש מציאות העני, כמובן מדברי הקב"ה לדוד בטעם בריאת עשירים ועניים — ד„חסד ואמת מן ינצרוהו, אם יהיו כולם עשירים או עניים מי יוכל לעשות חסד" (תנחומא משפטים ט. שמו"ר פל"א, ה).

95) שבועות לט,. סע"א. ועוד.

96) ספרי ופרש"י דברים א, יג.

בא נתינת הצדקה[97].

ומובן אז ער דארף זיך דערנאך גלייך משתדל זיין זוכן דעם עני (אדער משפיע זיין אויף איינעם וואס יענער וועט געפינען דעם עני), און אים ארויס־העלפן. און וויבאלד אז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה[98], עאכו"כ בשעת ביי אים איז דא מעשה ההפרשה — שטעלט אים צו דער אויבערשטער די מעגלעכקייט ער זאל מקיים זיין די נתינה בפועל[99].

יג. איינער פון די העכסט־וויכטיקע הוראות וואס מ'דארף ארויסנעמען פון כל האמור לעיל — איז בנוגע צו די השתדלות וואס דארף זיין אין חינוך פון אידישע קינדער, ובפרט קומענדיק איצ־טער פון זמן מתן תורתנו, ווען אידן האבן באנייט זייער פארבונד מיט תורה און אידישקייט, און אויך — בנוגע צו חינוך פון זייערע קינדער, וואס „בנינו עורבים אותנו"[100]:

ליידער איז היינט א מצב (אויב מ'קען דאס אנרופן בשם מצב . . .) אז מ'דארף ניט זוכן אידישע קינדער וועלכע זיינען עניים בדעת, אין אל"ף־בי"ת פון תורה און אידישקייט.

עס זיינען פאראן הונדערטער טויזנ־טער אידישע קינדער, רחמנא ליצלן, וועלכע באקומען ניט קיין אידישן חינוך!!

און דער עיקר הבהלה איז, אז עס זיינען פאראן הונדערטער אידישע מוסדות, ומהם — אויך די וואס זייער תפקיד איז צו פארזארגן און פאר־שפרייטן אידישקייט און אידישן חינוך וכו', און אעפ"כ, לאחרי די אלע גוטע זאכן וואס מ'טוט, און פשיטא ופשיטא אז רבים הם, איז דאס — בנוגע צו חינוך — שלא בערך וויפל מ'דארף טאן. ומב־היל — דער מצב איז הולך ומתדרדר!

אפילו ווען א מצב פון לאפרושי מאיסורא — וואלט מען אויך ניט גע־טארט אויפהערן רעדן ביז מ'באווארנט דעם איסור, על אחת כמה וכמה בנדו"ד וואו עס רעדט זיך וועגן לאפרושי פון היפך החיים ממש, פקוח נפשות ברוח־ניות פון הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער, וועלכע באקומען ניט קיין תורה־חינוך, וואס היא חיינו ואורך ימינו!

ואין צורך כלל וכלל צו מאריך זיין אין די געוואלדיקע וויכטיקייט וכו' וכו' — אז אידישע קינדער זאלן באקומען א אידישן חינוך, אויף וויפל דאס איז נוגע צו דעם עתיד פון זייער לעבן און פון דעם גאנצן אידישן פאלק.

דער עיקר איז כפשוט, ניט אפשטעלן זיך בא די געשרייען וועגן דעם און די אסיפות וקאמיטעטן וואס מ'מאכט בקשר דערמיט — נאר די מעשה בפועל: אז קומענדיק איצטער פון זמן מתן תורתנו, 3300 יאר זינט די תורה איז געגעבן גע־ווארן, מיט אלע מעלות פון דעם זמן — זאל יעדער יחיד, ועאכו"כ — די מוס־דות וואס זיינען פארבונדן דערמיט, ובמיוחד אין ארץ הקודש, וואו ס'איז נאך לייכטער טאן אין דעם אלעם — זאלן אנהויבן טאן בפועל ממש אין דעם במיוחד און אויף אינגאנצן א נייעם פארנעם צו אריינברענגען אידישע קינ־דער אין א תלמוד תורה, א חדר, א ישיבה וכיו"ב,

---

97) ראה אגה"ק סכ"א.

98) קידושין מ, א. ועוד.

99) סה"מ תש"ב ע' 87.

100) שהש"ר פ"א, ד.

דורך אַרויסקומען מיט נייע מיטלען ווי צו דערגרייכן די קינדער אַליין, ומה טוב — דורך זייערע עלטערן, אָבער אפילו אויב ניט, איז כדאי רעדן מיט קינדער אַליין און זיי מסביר זיין די וויכטיקייט פון לערנען תורה און וועגן זייער אידישע נשמה און אידישקייט אין אַלגעמיין, לערנען די תורה וואָס זייערע עלטער־זיידעס און אידן במשך אַלע דורות האָבן געלערנט, און האָבן זיך דערמיט געהאַלטן ביז צו מסירת נפש ממש. ביז כדברי הרס"ג אַז „אומתנו איננה אומה כי אם בתורותי"[101]!

און אע"פ אַז עס געפינט זיך אַ פאָטער אָדער אַ מוטער וועלכע זיינען אַמאָל ניט מסכים דערמיט, איז שוין בלאו הכי מקויים געוואָרן דער סימן פון עקבתא דמשיחא, אַז „בת קמה באמה"[102] (ועד"ז בא בנים), דאַרף מען דאָס אויסנוצן לצד הטוב — בנוגע צו איינווירקן אויף קינדער, אַז זיי זאָלן וועלן לערנען תורה, און מאָנען דאָס בתוקף המתאים.

וכטבע פון קינדער — בשעת מ'וועט מיט זיי רעדן דברים היוצאים מן הלב וועגן די אמת'קייט און טייערקייט פון תורה, וועלן זיי זיך אָנכאַפּן אין דעם מיט אַ חיות והתלהבות, ביז אַז זיי וועלן קומען אַהיים און אויך משפיע זיין אויף זייערע עלטערן (מיט כבוד ודרך־ארץ) — „והשיב לב אבות על בנים ע"י בנים"[103].

יד. ויהי רצון, אַז די פּאָר ווערטער זאָלן זיין מועט המחזיק את המרובה — ובכל אופן וויפל מ'וועט נאָר רעדן וועגן דעם איז דאָס כלל וכלל ניט גענוג צו אויסמאָלן די ערנסטקייט פון דעם מצב — צו מעורר זיין אידן בכל מקום שהם, וועגן זייער אחריות אין הפצת היהדות און הפצת המעינות חוצה, ובמיוחד — בנוגע צו חינוך פון אידישע קינדער.

און דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז בקרוב ממש זאָל מען שוין אַרויסגיין פון גלות, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[104], „קהל גדול ישובו הנה"[105], יעדער איד און אַלע אידן, קיין איין און איינציקער איד וועט ניט בלייבן אין גלות, און מ'וועט אַלע געהעריקע צו גיין קדוש גיין אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, לבית המקדש השלישי, ובקדש הקדשים, ולא עכבן אפילו כהרף עין[106].

101) האמונות והדיעות מ"ג פ"ז.

102) מיכה ז, ו. סנהדרין צז, א.

103) סוף מלאכי ובפרש"י.

104) בא י, ט.

105) ירמי' לא, ז.

106) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

משיחות ש"פ בהעלותך, י"ט סיון ה'תשמ"ח

א. ידועה ההוראה[1] שצריכים לחיות עם הזמן — פרשת השבוע השייכת לזמן זה[2], כלומר, "לחיות" עם הלימוד וה־הוראה דפרשת השבוע.

וי"ל הרמז בלשון הכתוב[3] "והחי יתן אל לבו" — שכל מי שהוא בבחינת "החי", כאו"א מישראל, האנשים וה־נשים והטף, עליהם נאמר[4] "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים", צריך ליתן[5] אל לבו[6] (שבו משכן החיות, "הדם הוא הנפש"[7]) עניני התורה, "חיינו ואורך ימינו"[8], כולל ובמיוחד — עניני התורה השייכים לזמן זה, כפרשת השבוע, ליתנם אל לבו כדי להיות "וחי בהם"[9].

ובשבת זו, שבת פרשת בהעלותך — הרי, מכיון שנמצאים בזמן השייך למתן תורה, "ירחא תליתאי" שבו ניתנה "אוריאן תליתאי"[10], ובפרט ביום השבת (שב"ירחא תליתאי")[11] ששייכותו למ"ת מודגשת במארז"ל[12] "דכו"ע בשבת ניתנה תורה לישראל" — יש בפרשה זו (ובמיוחד — בראש והתחלת הפרשה, ופירוש רש"י[13]) לימוד והוראה בענין כללי ועיקרי בתורה, כדלקמן.

ב. בהתחלת הפרשה מעתיק רש"י תיבת "בהעלותך", ומפרש[14]: "למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשי־אים, לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשי־אים חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו, אמר לו הקב"ה חייך שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות".

פירוש רש"י זה נתבאר כבר בארוכה ובפרטיות במק"א[15], אבל, עדיין דרוש ביאור והסבר בדיוק לשון רש"י "חלשה דעתו":

הלשון הרגיל בענינים כגון־דא הוא — לשון של צער, או לשון של שאלה ותביעה, כמו בהמשך פרשתנו[16]: "למה נגרע", וכיו"ב; אבל "חלשה דעתו" — הוא לשון בלתי־רגיל, ועד שלא מצינו דוגמתו בפירוש רש"י על התורה!

---

1) "היום יום" ב' חשון. סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך.
2) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א).
3) קהלת ז, ב.
4) ואתחנן ד, ד. וראה אבות דר"נ ספל"ד.
5) "יתן" דייקא — "כל הנותן בעין יפה הוא נותן" (ראה ב"ב נג, רע"א. וש"נ).
6) ו"לבא פליג לכל שייפין" (ראה זח"ג קסא, רע"ב. רכא, ב) — שעל ידו נמשך בכל אברי הגוף.
7) פ' ראה יב, כג.
8) להעיר ממאמר הזהר ריש פרשתנו: אילנא דחיי דבי' אחיד בר נש חיין להאי עלמא וחיין לעלמא דאתי, דכל מאן דאשתדל באורייתא ואחיד בה אית לי' חיין . . בגין דהיא חיין וכל מלוי חיי, הה"ד כי חיים הם וגו'.
9) אחרי יח, ה.
10) שבת פח, א.
11) להעיר, ששבת פ' בהעלותך היא השבת השלישית ב"ירחא תליתאי".
12) שם פו, ב. וראה תרא יתרו ע, ג. ויקהל פח, א ואילך.
13) דמכיון ש"אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא" (פרש"י בראשית ג, ח), הרי זה שייך גם ל"בן חמש שנים למקרא"; וביחד עם זה, יש בו גם "ענינים מופלאים" (של"ה קסא, א) ו"יינה של תורה" ("היום יום" כ"ט שבט) — גם לגדול שבגדולים (נוסף לכך שגם הוא לומד פשוטו של מקרא).
14) ראה לקו"ש חי"ח ע' 92 הערה 1 — הדפוסים והמפרשים כו' שבהם הובא פירוש רש"י זה.
15) לקו"ש שבהערה הקודמת.
16) ט, ז.

והדיוק בלשון זה מודגש יותר כשמשווים לשון רש"י עם לשון המדרש[17]:

במדרש מצינו ש"הי' אהרן נפשו עגומה"[18], "הי' מיצר"[19], "הי' אומר אוי לי"[20]; **ואילו רש"י** משנה מלשון המדרש[21] וכותב לשון בלתי רגיל — "חלשה דעתו", שמזה מובן, שכוונת רש"י להדגיש את הענין ד"חלשה דעתו" (לא רק כתוצאה מהצער, אלא) כענין בפ"ע. כלומר, הדגשת ענין הדעת ("דעתו") של אהרן, שנעשה בו חלישות, "חלשה דעתו"[22].

ג. וההסברה בזה — מובנת גם לבן חמש למקרא[23]:

עיקר ותכלית ענין ה"דעת" — מעלתו של האדם לגבי שאר הנבראים שבעולם — לידע תכלית בריאתו ("אני נבראתי לשמש את קוני"[24]), ולהעמיק דעתו[25] בכל הקשור למילוי תכלית בריאתו בתכלית השלימות.

ובנדו"ד, "דעתו" של אהרן — עיקרה ותכליתה בנוגע לתפקידו המיוחד של אהרן — "לכהנו לי"[26], "שיהא כהן לי, ולשון כהונה שירות הוא"[27], משרת לה', "לעמוד לפני ה' לשרתו"[28], ע"י עבודתו במשכן, להעמיק דעתו בכל הקשור לעבודת המשכן שתהי' בתכלית השלימות.

ועפ"ז מובן ש"כשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה אז דעתו **כשלא הי'** עמהם בחנוכה" — דמכיון שהמציאות ד"דעתו" היא בעיקר בשביל העבודה במשכן, הרי, בראותו "שלא הי' עמהם בחנוכה", דהמשכן, נעשה אצלו חלישות במציאות הדעת ("חלשה דעתו"), כי, עיקר ענינה בשביל עבודת המשכן, ולפתע, **נוכח לדעת** שאינו יכול להשתמש בדעתו **בשביל חנוכת המשכן**.

ד. ליתר ביאור:

גם לאחרי שראה אהרן "שלא השתתף עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו" — ידוע ידע שמכל בנ"י **נבחר** הוא ושבטו "לעמוד לפני ה' לשרתו", היינו, שכללות העבודה במשכן נעשית ע"י אהרן[29]

---

17) המקור לפירוש רש"י, אלא, שרש"י מפרש כן בפשוטו של מקרא, ולא כותב "דרשו רבותינו", וכיו"ב.

18) תנחומא תצוה ב.

19) תנחומא פרשתנו ג. ה. במדב"ר פרשתנו פט"ו, ג — בנוגע לשבט לוי בכללותו.

20) במדב"ר שם, ו.

21) נוסף לכך שגם כשלשון רש"י הוא כלשון המדרש — צ"ל בהתאם לפשוטו של מקרא, שהרי, אין ענינו של רש"י להעתיק לשון המדרש, אלא לפרש פשוטו של מקרא (כדמוכח מהא שבכו"כ מקומות משנה רש"י מלשון המדרש בהתאם לפשוטו של מקרא), כמדובר כמ"פ בכללי רש"י.

22) בלקו"ש שם (הערה 22) מבואר שבנדו"ד לא היתה לאהרן תביעה ע"ד השייכות לחנוכת המשכן, מכיון שחשב שאינו ראוי להשתתף בחנוכת המשכן לפי שנשאר אצלו רושם מחטא העגל, ולכן, לא כותב רש"י הלשון "הי' מיצר", ששייך (בעיקר) כשחושב שמגיע לו הדבר, כי אם, חלישות הדעת בלבד, עיי"ש.

אבל, עדיין אינו מחוור הלשון "חלשה דעתו" כשלעצמו, היינו, לא רק תיאור מדת ותוצאת הצער כו', אלא, ההדגשה על ענין הדעת, ובאופן של חלישות, כבפנים. — וראה לקמן ס"ה.

23) שלכן, מסתפק רש"י במ"ש "חלשה דעתו", ואינו צריך להוסיף מאומה.

24) משנה וברייתא סוף מס' קידושין.

25) ראה תניא ספ"ג: והדעת כו' לשון התקשרות והתחברות, שמקשר דעתו בקשר אמיץ וחזק מאוד ויתקע מחשבתו בחוזק.

26) תצוה כח, ג.

27) פרש"י עה"פ.

28) עקב י"ד, ח.

29) וכפרט העבודה המיוחדת לאהרן (כה"ג)

ובניו, בעזרתם של הלוים ש"ילוו עליך וישרתוך"[30] (משא"כ שאר בנ"י[31]). ויתירה מזה — שגם ב"חנוכת הנשי־אים" הקריב אהרן את קרבנותיהם של הנשיאים.

אלא, שפעולתו של אהרן בהקרבת קרבנות הנשיאים אינה נחשבת להשתתפות בחנוכת המשכן — כי, חנוכת המשכן הו"ע של הוספה מיוחדת ויתירה כהתחלה ויסוד לכל המשך קיום המשכן, בדוגמת ענין החינוך[32] כפשוטו, "חנוך לנער"[33], שנותנים לו מתנות כו'[34], ואילו פעולת אהרן בהקרבת קרבנות הנשי־אים היא חלק מעבודתו הרגילה במשכן, ואין בה משום הוספה יתירה מצד הענין דחנוכת המשכן.

ולכן, "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה" — שהעדר השתתפותו בחנוכת המשכן בלבד (אף שכל שאר עניני עבודת המשכן היו על ידו) גרמה לחלישות הדעת, כי, מכיון שעיקר המציאות של דעתו היא בשביל עבודת המשכן, הרי, כשישנו ענין מסויים במשכן (ועאכו"כ ענין עיקרי כמו חנוכת המשכן) שנעשה ללא השתתפותו, ובמילא, אינו יכול להשתמש בדעתו בשביל עבודת המשכן בענין מסויים זה (אף שעוסק בכל שאר עניני עבודת המשכן), הרי זה פועל חלישות[35] במצי־אות הדעת כולה, שעיקרה בשביל עבודת המשכן.

ה. ויש להוסיף בביאור הענין ד"חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה":

במדרש[20] איתא ש"הי' (אהרן) אומר אוי לי שמא בשבילי אין הקב"ה מקבל שבטו של לוי", "על שהי' לי חלק בעגל", כמ"ש בת"כ ריש שמיני שהי' אהרן מתירא לקרב למזבח מטעם זה ביום השמיני"[36], כלומר, אהרן הי' סבור שעדיין נשאר רושם מחטא העגל, עד כדי כך, שבגלל זה לא זכה להשתתף בחנוכת המשכן, "לא הוא ולא שבטו", להיותו הנשיא דשבט לוי[37].

אמנם, מכיון שרש"י כותב רק "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה", ואינו מזכיר מאומה שאהרן חשש שסיבת הדבר היא באשמתו כו' — ע"ד פירושו בפ' שמיני[38] ש"הי' (אהרן) מצטער ואומר יודע אני שכעס הקב"ה עלי ובשבילי לא ירדה שכינה לישראל" — עכצ"ל, שרש"י סובר שכאן לא הי' מקום לחשש שהסיבה לכך "שלא הי' עמהם בחנוכה לא הוא ולא שבטו" היא באשמתו כו'.

וטעם הדבר — בפשטות — כי, ביום השמיני למילואים נתברר כבר שאין מקום לחשש זה, כדברי משה רבינו לישראל (במענה לדבריהם "כל הטורח שטרחנו שתשרה שכינה בינינו ונדע

בקדש הקדשים אחת בשנה — שבה נאמר (אחרי טז, יז) "וכל אדם לא יהי' באוהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו".

30) קרח יח, ב.

31) כולל גם "אנשי מעמד" (ישראל במעמדם) — שאינם עושים עבודה במקדש, אלא, עומדים על הקרבנות (בשליחותם של כל ישראל) כבעל הקרבן, מכיון ש"אי אפשר שיהי' קרבנו של אדם קרב והוא אינו עומד על גביו" (רמב"ם הל' כלי המקדש רפ"ו).

32) להעיר מפרש"י (צו ז, לז) "ולמילואים — ליום חינוך הכהונה".

33) משלי כב, ו.

34) תו"א וישב כט, ד. לקו"ת נשא כט, א. ובכ"מ.

35) חלישות דייקא, אבל לא ביטול הדעת ח"ו — שהרי דעתו יכולה וצריכה לפעול בנוגע לכל עניני עבודת המשכן.

36) פי' המהרז"ו לבמדב"ר שם.

37) קרח יז, יח.

38) ט, כג.

שנתכפר לנו עון העגל"[38]: "זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, אהרן אחי כדאי וחשוב ממני, שעל ידי קרבנותיו ועבודתו (דוקא) תשרה שכינה בכם ותדעו שהמקום בחר בו"[39], ומכיון שכן, הרי, כשנשלמה חנוכת הנשיאים — לאחרי שראו שהמקום בחר בו, ועומד ומשמש בכהונה י"ב ימים כו' — בודאי שאין מקום לחשוש מענין בלתי־רצוי כו'.

וי"ל שרש"י מדגיש ענין זה (שאין מקום לחשש כו') בכתבו "לא הוא ולא שבטו" — שהרי, בנוגע לשבט לוי כתב רש"י לפנ"ז[40] ש"כל השבט כשר", כלומר, שבט לוי הוא, אדרבה, היחידי מכל שבטי ישראל שכל אנשי השבט "לא טעו בעגל", ובמילא, לא יתכן לומר שדוקא שבט לוי לא ישתתף בחנוכת המשכן בגלל חטא העגל, בה בשעה ששבט לוי הי' בתכלית השלילה דחטא העגל יותר מכל שבטי ישראל!

ולכן מפרש רש"י "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה" — שהסיבה היחידה לחלישות הדעת היא (לא החשש שהדבר הוא באשמתו, סיבה לרגש של צער כו', כי אם) אך ורק העובדה "שלא הי' עמהם בחנוכה", שכן, בידעו שהמקום בחר בו בשביל כל עניני המשכן, חלשה דעתו מזה שלא נצטווה להשתתף (ובפרט) בחנוכת המשכן, כנ"ל.

ו. עפ"ז יש לבאר גם המסופר בהמשך הפרשה בענין פסח שני — "ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם גו' ויאמרו גו' אנחנו טמאים לנפש אדם למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו בתוך בני ישראל"[41]:

לכאורה אינו מובן[42]: אמירתם "אנחנו טמאים לנפש אדם" היא היא המענה לטענתם "למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו בתוך בני ישראל"?!

והביאור בזה — ע"ד האמור לעיל:

הן אמת — אמרו האנשים ההם — ש"אנחנו טמאים לנפש אדם", היינו, שידעו והבינו הטעם שאינם יכולים להקריב קרבן ה' במועדו, אבל אעפ"כ — טענו הם — כאשר כל בנ"י מקריבים קרבן ה' ואילו הם אינם יכולים להשתתף עם כל בנ"י (תהי' הסיבה איזו שתהי'), אזי נעשה גרעון בכל מציאותם — כדיוק הלשון "(למה) נגרע", היינו, לא רק שיגרע מאתנו דבר מסויים (חפצא של מצוה), אלא שאנחנו נגרע, מכיון שסוכ"ס חסרה לנו מצוה זו!

וע"ד האמור לעיל בנוגע לאהרן — שבראותו "שלא הי' עמהם בחנוכה", היינו, שחסר אצלו ענין מסויים (ועיקרי) בעבודת המשכן, נעשה חלישות (גרעון) בכללות דעתו (עיקר מציאותו).

אלא שאעפ"כ יש חילוק ביניהם:

האנשים שהיו טמאים כו' — מכיון שהי' אצלם ענין של חסרון (טומאה), אלא, שהחסרון לא הי' באשמתם, כי אם, מצד ציווי משה ("מישאל ואלצפן . . שהיו עוסקים בנדב ואביהוא"[43]), לכן

---

39) להעיר ממארז"ל (ויק"ר פי", ג) "אמר אהרן . . מוטב שיתלה הסרחון בי ולא בישראל (הובא בפרש"י תשא לב, ה) . . אמר לו הקב"ה לאהרן אהבת צדק אהבת לצדק את בני ושנאת מלחייבן על כן משחך אלקים . . חייך שמכל שבטו של לוי לא נבחר לכהונה גדולה אלא אתה", היינו, שפעולת אהרן בעשיית העגל (מסירת נפשו בשביל הצלת ישראל) היא הסיבה שנבחר לכהונה גדולה!

40) תשא לב, כו. במדבר א, מט.

41) ס, ו ואילך.

42) ראה ספורנו ואוה"ח עה"פ.

43) סוכה כה, רע"ב. ספרי עה"פ. ועד"ז לשאר

היתה להם טענה: „למה נגרע", היתכן ש„נגרע" בגלל קיום ציווי משה?! ואכן נתקבלה טענתם, וניתן להם הציווי דפסח שני כו'.

משא"כ אהרן — מכיון שלא הי' אצלו ענין של חסרון (כנ"ל ס"ה), ואדרבה, המקום בחר בו שכל עניני המשכן (מלבד החנוכה) יהיו על ידו דוקא — לא היתה לו עילה וסיבה לטעון „למה נגרע" (שהרי בודאי לא נגרע חלקו בה־משכן מכל הנשיאים), אלא שאעפ"כ „חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה", מכיון שסוכ"ס חסר אצלו הענין דחנוכת המשכן, ועל זה „אמר לו הקב"ה, חייך, שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות", היינו, שהפעולה דהדלקת (והטבת) הנרות היא גם ענין של חנוכה[44], ואדרבה, „חנוכה" שמעלתה גדולה יותר כו' (כמשנ"ת בארוכה במק"א[15]).

ז. ומענין זה — „חלשה דעתו" (של אהרן) — למדים הוראה נפלאה בעבודת האדם לקונו. ובהקדמה:

ענינו של אהרן שייך גם לעבודת כאו"א מישראל, שהרי, במתן תורה (בחודש זה, „ירחא תליתאי") נעשו ישראל „ממלכת כהנים"[45], „כהנים גדולים"[46], דרגתו של אהרן. וכפס"ד הרמב"ם בסוף הלכות שמיטה ויובל[47] „לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש . . אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו . . הרי זה נתקדש קדש קדשים" — דרגתו של אהרן, כמש"נ[48] „ויבדל אהרן להקדישו קודש קדשים".

ובפרטיות יותר:

עבודתו של כאו"א מישראל היא בענין המשכן (דוגמת עבודת הכהנים), כמ"ש[49] „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כאו"א[50], המשכן והמקדש הרוחני שבלבו פנימה, בביתו וד' אמותיו.

ובזה נכלל גם הענין ד„בהעלותך את הנרות" — כי, „הנשמה קרוי' נר כמ"ש[51] נר ה' נשמת אדם"[52], ועבודת האדם היא — „בהעלותך את הנרות" — להדליק את „נר ה' נשמת אדם" שתאיר ע"י „נר[53] מצוה ותורה אור"[54], הן בנוגע לעצמו, „נר ה'" שבו, והן בנוגע לפעולה על הזולת, „נר ה'" שבכאו"א מישראל עד לכללות בנ"י[55], ש„כללות נש"י נקרא מנורה ויש בה ד' נרות שהם ז' סוגי בנ"י בעבודת ה', יש עובד מאהבה משוך כמים ויש מאהבה כרשפי אש כו'"[52]

הדעות שם — „נושאי ארונו של יוסף היו", או ש„עוסקין במת מצוה היו".

44) להעיר מלשון המדרש (תנחומא שם — הובא בדפוס ראשון דפרש"י) „א"ל הקב"ה לאהרן ולבניו כל השבטים עשו לעצמם חנוכה ואתם לעצמכם עשו חנוכה כו'".

45) יתרו יט, ו.

46) בעה"ט עה"פ.

47) להעיר, שהתחלת הלימוד דהלכות אלו (בשיעורי הרמב"ם דג"פ ליום) — ביום ראשון, מוצאי שבת זו.

48) דה"א כג, יג.

49) תרומה כה, ח.

50) ראה אלשיך עה"פ. של"ה סט, א. ועוד. לקו"ת פרשתנו לד, ד. ובכ"מ.

51) משלי כ, כז.

52) לקו"ת ריש פרשתנו.

53) משלי ו, כג.

54) ובפרטיות יותר: נש"י נקראו נר ע"ש הכלי שבו השמן והפתילה, והמצוות נקראו נר מצוה ע"ש השמן והפתילה, ותורה היא האור הנתלה ונאחז בשמן ופתילה (ראה בארוכה — לקו"ת שם לג, ג ואילך).

55) ועל ידם — בכל העולם, דוגמת המנורה שממנה אורה יוצאה לכל העולם (ירושלמי ברכות פ"ד ה"ה).

(והולך ומפרט בכל ז' המדות[56]), היינו, לפעול בעבודתו ש„אל מול פני המנורה יאירו[57] שבעת הנרות" (דוגמת פעולתו של אהרן ש„הי' מעלה הנרות נש"י שיהי' לבם מכוון לא"ס ב"ה שהוא בחי' מול פני המנורה"[58]), עד שיהי' ניכר בגלוי לעין כל[59] שכל ישראל הם בבחינת „מנורת זהב כולה"[60].

ח. עפ"ז יש לבאר הלימוד וההוראה מהסמיכות דפרשת המנורה לפרשת הנשיאים — ש„כשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה":

כאשר יהודי רואה או שומע שכו"כ מישראל עסקו בענין שהוא בבחינת חנוכת המשכן, ולדוגמא: פעולת החינוך (חנוכה) של יהודי (קטן בשנים או קטן בידיעות) בעניני התומ"צ, וכן הדלקת המנורה [שגם זה ענין של חינוך[61], ואדרבה, „שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות"] להדליק „נר ה' נשמת אדם", כל ז' הסוגים דבנ"י, ב„נר מצוה ותורה אור", ע"י הפצת התורה והיהדות — הרי, כראותו שהוא „לא הי' עמהם בחנוכה", צריך להיות אצלו חלישות הדעת, „חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה"!

בסגנון אחר: „הבינו מדעו (לשון דעת) להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו" — צ"ל באופן שכל המציאות ד„מדעו" אינה אלא בענין ד„לעמוד לפני ה' לשרתו", ע"י העבודה במשכן, עד כדי כך, שכאשר נעשה דבר מסויים בעבודת המשכן ע"י אחרים והוא לא הי' עמהם, „חלשה אז דעתו", שנעשה אצלו חלי־שות בכל מציאות הדעת, מכיון שאינה אלא בשביל עבודת המשכן, „לעמוד לפני ה' לשרתו"; ואם לא חלשה דעתו מזה שלא הי' עמהם — הרי זו הוכחה שעדיין לא הגיע לדרגא ש„הבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו" (עכ"פ בשלימות), שזוהי כל מציאות דעתו.

ליתר ביאור:

מכיון שאמרו חז"ל[62] „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם"[63], הרי, המחשבה שהוא צריך להשתתף בכל פעולה ועבודה בעניני המשכן, עד כדי חלישות הדעת כשנעשה דבר מסויים ללא השתתפותו — אין בה משום גאוה.

---

56) להעיר שבלקו"ת שם לא ביאר מדת היסוד (וכן לא בהעתקתו שבאוה"ת פרשתנו ע' שלז), אבל נמצא הוא בד"ה זה שבאוה"ת ע' של. ועוד.

57) ועד לשלימות האור — אור השמש, שדוגמתו בעבודה — אור המשפיע (בניגוד ללבנה, אור המקבל). ולהעיר מזהר ריש פרשתנו: „רבי יהודה פתח והוא כחתן יוצא מחופתו וגו' . . שמשא דנהיר לכלא כו'", וראה לקוטי לוי"צ לשם (ע' שעג־ד) — נתבאר בארוכה בהתוועדות.

58) לקו"ת שם ל, סע"ד.

59) גם לאוה"ע, ע"ד מארז"ל (תנחומא פרשתנו ד — הובא בדפוס ראשון דפרש"י): „בהעלותך, לעלות אתכם בפני האומות שהיו אומרים היאך מאירים ישראל למי שמאיר לכל". ולהעיר מפרש"י אמור כד, ג: „עדות הוא (נר מערבי) לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל". וראה גם פי' האוה"ח ריש פרשתנו: „בדרך רמז ירמוז בז' נרות לאומות העולם שהם ע' אומות כ"א ירמוז לכלל העשירי, ורמז כי כולן מאירים לנוכח המערבי שהם ישראל שהם בחינת המערב כידוע ליודעי חן".

60) זכרי' ד, ב.

61) להעיר מפי' האוה"ח שם שבהדלקת המנורה „כל יום כעושה מעשה חדש שמחנך הוא המנורה בכל הדלקה והדלקה".

62) סנהדרין לז, סע"א — במשנה. וראה רמב"ם הל' סנהדרין פי"ב ה"ג.

63) שע"ז נעשה מעין גדו"ד אף שהוא במשכן הכללי דכל העולם.

אבל אעפ"כ, אין הכרח שהוא בעצמו ישתתף בכל פעולה ועבודה בעניני המשכן, שהרי, מכיון ש„כל ישראל ערבים זה בזה"[64], יכול הדבר להעשות ע"י אחר וכיו"ב.

ואעפ"כ, כשרואה או שומע שכו"כ מישראל עסקו בענין (של חנוכת המשכן) והוא לא הי' עמהם בחנוכה — הרי, אע"פ שהדבר לא הי' באשמתו, מכיון שהי' אנוס וכיו"ב, ויתירה מזה, שבשעה זו הי' עסוק בעבודה אחרת בעניני המשכן[65], מ"מ, כאשר כל מציאות הדעת שלו אינה אלא בשביל עבודת המשכן, „הבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו" — לא יועילו כל ההסברים להרגיעו, שכן, בידעו שמציאות הדעת היא בשביל עבודת המשכן, הרי, העובדה שנעשה דבר מסויים בעבודת המשכן ללא השתתפותו (תהי' הסיבה אשר תהי') פועלת אצלו חלישות הדעת!

ט. אמנם, בענין זה יש חילוק בין עבודת אהרן לעבודת כאו"א בעניני המשכן (הרוחני):

ובהקדים — דיוק הלשון „חלשה אז דעתו", שחלישות דעתו של אהרן לא היתה אלא לאחרי שנסתיימו י"ב ימים דחנוכת המשכן, כי, כל זמן שלא נסתיימה חנוכת המשכן הרי יתכן שסוכ"ס יצטווה גם הוא להשתתף בחנוכה, ורק לאחרי שנסתיימה חנוכת המשכן, ונוכח לדעת בוודאות „שלא הי' עמהם בחנוכה" — „חלשה אז דעתו".

אבל בנוגע לעבודת כאו"א בעניני המשכן (הרוחני) — הרי, כל זמן שמשיח צדקנו עדיין לא בא, לא נסתיימה חנוכה זו, ולכן, בראותו שכו"כ מישראל עוסקים בענין של חנוכת המשכן ללא השתתפותו — הרי, במקום שתהי' לו חלישות הדעת „כשלא הי' עמהם בחנוכה", עליו לנצל את חוזק הדעת לחפש דרכים כו' להשתתף עמהם בחנוכה, וכשיתקע מחשבתו ודעתו בחוזק (היפך הענין דחלישות הדעת לגריעותא) בודאי ימצא הדרך הנכונה להשתתף עמהם בחנוכה!

בסגנון אחר קצת: הסיבה לכך שבהשגחה פרטית ראה או שמע אודות פעולתם של כו"כ מישראל בענין של חנוכת המשכן, היא — לא כדי שתהי' אצלו חלישות הדעת „שלא הי' עמהם בחנוכה", אלא אדרבה — כדי שילמד הוראה בעבודתו לקונו, שגם הוא צריך לעסוק בעבודה זו, ע"י ההתבוננות בדעתו (בחוזק הדעת) כיצד יוכל אף הוא להשתתף עמהם בחנוכה.

י. וענין זה הוא בהדגשה יתירה בדורנו זה:

דורנו זה הוא דור האחרון של הגלות שיזכה להיות דור הראשון של הגאולה. וכמובן מההכרזה הידועה דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — לפני עשרות שנים — „לאלתר לתשובה"[66] לאלתר

---

64) שבועות לט, סע"א. וש"נ. רמב"ם הל' שבועות פי"א הט"ז. פרש"י בחוקותי כו, לז.

65) ולא עוד, אלא, שיתכן שבסופו של דבר (אף שלע"ע אינו יכול לידע זה) יתברר ש„שלך גדולה משלהם כו'".

66) כולל גם הפירוש הפנימי דתשובה — „שאין הפי' תשובה גשמיות מעבירות דהיינו עזיבת החטא בלבד . . אלא תשובה ומעשים טובים, דהיינו שלהיות המעשים טובים ומאירים באור ה' א"ס ב"ה צריך להיות בחי' תשובה שהוא להשיב את הנפש למקורה ושרשה כו'" (לקו"ת דרושי שמע"צ פה, א. ובכ"מ).

לגאולה"[67], מכיון שכבר עומדים בסיומה של העבודה, ולא נשאר אלא "לצחצח את הכפתורים"[68], ובימינו אלו — הצחצוח האחרון של הכפתור האחרון!

ומזה מובן, שבימינו אלו, כל פעולה ופעולה בעניני התומ"צ, ועאכו"כ הפעולה ד"בהעלותך את הנרות" ע"י הפצת נר מצוה ותורה אור, התורה והיהדות, שתוכנה חנוכת המשכן באופן ד"שלך גדול משלהם" (כנ"ל ס"ח) — מודגש בה ביותר וביותר הענין דחנוכת (חינוך והכנה) בנין ביהמ"ק השלישי[69].

ולכן, היתכן שכאשר כו"כ מישראל עוסקים בחנוכת והכנת בית המקדש השלישי, יעמוד מישהו מן הצד ולא יהי' עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו (ב"ב, תלמידיו וכו')?! — אלא ודאי ישתדל גם הוא להשתתף עמהם בחנוכה, לקרב ולזרז את חנוכת ביהמ"ק השלישי שיבנה במהרה בימיו ובימינו.

וכאמור, כל זמן שמשיח צדקנו עדיין לא בא, אין מקום לחלישות, ח"ו, בהדעת בחנוכה זו, אלא אדרבה — לחזק ולהוסיף ביתר שאת וביתר עוז, ומתוך זריזות הכי גדולה, ע"ד מ"ש בנדבת המשכן "והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר"[70], "לשני בקרים הביאו כל מלאכת המשכן"[71], ולא פסקו מלהביא עד ש"ויצו משה . . איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה גו'"[72], ואילו בנדו"ד, לא רק שאין רשיון ממשה רבינו שבדורנו, נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, להפסיק ח"ו בעשיית המלאכה, אלא אדרבה, ישנו ציווי מפורש להוסיף בה ביתר שאת וביתר עוז, עד שמשלימים מלאכת החנוכה דביהמ"ק השלישי.

יא. ויש להוסיף, שהצורך בהשתתפותו של כאו"א מישראל בחנוכת המשכן הרוחני ע"י הפעולה ד"בהעלותך את הנרות" (חנוכה באופן ד"שלך גדולה משלהם"), מודגש (לא רק בפירוש רש"י "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה", כנ"ל בארוכה, אלא) גם בפירוש רש"י בד"ה בהעלותך הב' — "בהעלותך, על שם שהלהב עולה כתוב בהדלקתן לשון עלי', שצריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'. ועוד דרשו רבותינו, מכאן שמעלה[73] היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב"[74].

ובהקדים — הביאור בפירוש רש"י, דלכאורה אינו מובן:

א) מדוע לא מסתפק רש"י בפירוש הראשון, וצריך להביא פירוש נוסף, ובפרט שמדגיש "ועוד דרשו רבותינו", היינו, שפירוש זה אינו פשוטו של מקרא, אלא ע"ד הדרש?

ב) מדוע כותב רש"י[75] (בפי' הב') "שעלי' הכהן עומד ומטיב"[76], ולא

---

67) "קול קורא" ב"הקריאה והקדושה" דשנת תש"א־ג (אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה (ע' שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך). ח"ו (ע' תל ואילך)). ועוד.

68) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

69) ראה גם קונטרס משיחות ש"פ ויגש תשמ"ז.

70) ויקהל לו, ג.

71) שמו"ר פמ"א, ב. תנחומא תרומה ג. ועוד.

72) שם, ו.

73) בדפוס ראשון: מעלות. ובספרי (פרשתנו), ובתמיד פ"ג מ"ט: אבן היתה לפני המזבח ובה שלש מעלות כו' (וראה רע"ב תמיד שם: כנגד ג' העלאות שכתובות במנורה, בהעלותך את הנרות, והעלה את נרותי', להעלות נר תמיד).

74) בדפוס ראשון — מסיים: את הנרות.

75) אף שכן הוא לשון רבותינו (ראה לעיל הערה 21).

76) ובפרט שרש"י אינו סובר כהרמב"ם (הל' תמידין ומוספין פ"ג הי"ב) ש"הדלקת הנרות היא

„מדליק ומטיב", כמ"ש בד"ה שלפנ"ז „שאתה מדליק ומטיב"[77] את הנרות"?

ויש לומר הביאור בזה[78]:

רש"י אינו מסתפק בפירוש הראשון ש„בהעלותך" (ולא „בהדליקך" וכיו"ב) הוא „על שם שהלהב עולה כו'", כי, עליית הלהב אינה פעולת המדליק („בהעלותך")[79], אלא, כהמשך לשון רש"י „שלהבת עולה מאלי'" (אלא ש„צריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'").

ולכן מוסיף רש"י פירוש שני, „ועוד דרשו רבותינו מכאן שמעלה היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב" — שלפירוש זה ישנה פעולה של עלי' אצל הכהן המדליק, שעולה ע"ג מעלה.

אלא, שפירוש זה רחוק מפשוטו של מקרא יותר מפירוש הראשון (ואינו אלא ע"ד הדרש, „דרשו רבותינו") — כי, בפסוק לא נאמר „בעלותך (עליית הכהן) אל הנרות", אלא „בהעלותך את הנרות", היינו, ש(פעולת)העלי' היא ב„הנרות", כפירוש הראשון, „על שם שהלהב עולה".

ומ"ש רש"י (בסיום פי' הב') „שעלי' הכהן עומד ומטיב" — י"ל, שכוונתו לרמז תירוץ (בדוחק עכ"פ) לשאלה על פירוש הראשון שעליית הלהב אינה פעולת הכהן המדליק (אלא שה„שלהבת עולה מאלי'") — ש„עלי' הכהן עומד ומטיב", ומכיון שפעולת ההטבה מסייעת לעליית הלהב, י"ל שגם עליית הלהב („שלהבת עולה מאלי'") מתייחסת לפעולת הכהן, „בהעלותך את הנרות".

יב. וביאור הענין בעבודת האדם — ועד להדלקת שבעת הנרות, דכללות ישראל, כל הסוגים דנש"י:

הדלקת „נר ה' נשמת אדם" במנורה דכללות נש"י היא באופן ד„בהעלותך" — שבזה ב' ענינים כלליים:

א) „צריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" — שפעולתו על הזולת להדליק „נר ה'" שבו (ע"י „נר מצוה ותורה אור") צ"ל באופן „שתהא שלהבת עולה מאלי'", היינו, ששוב אינו זקוק לפעולת המשפיע, מכיון ש„שלהבת עולה מאלי'", ע"י עבודתו בכח עצמו.

ב) „מעלה היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב" — שכאשר יהודי עוסק בהדלקת „נר ה'" שבבנ"י (ועאכו"כ שבציבור, או בקהילה, או בהמנורה דכללות ישראל), אזי עולה במעלה, שע"ז נעשה עלי' בכל מציאותו, מה־ראש עד לעקב שברגל. ולא עוד, אלא, שהעלי' במעלה קודמת לפעולת ההדלקה, היינו, שעולה במעלה בשביל להדליק המנורה, ויתירה מזה —

הטבתם" (ומצוה להדליק גם בבוקר*, שנאמר (תצוה ל, ז) „בבוקר בבוקר בהטיבו את הנרות"), אלא, ההטבה היא רק ההכנה להדלקה, ניקוי הבזיכין וכו' (וההדלקה אינה אלא בין הערביים), כפשטות הכתובים ופרש"י תצוה שם. ועוד (וכ"ה שיטתו בש"ס — שבת כב, ב. חגיגה כו, ב).

77) ראה לקו"ש חי"ח ע' 95, שרש"י מפרש כאן גם הטבת הנרות — להדגיש שגם ההטבה היא חלק מפעולת החנוכה, עיי"ש.

78) ראה גם מפרשי רש"י על אתר.

79) ומטעם זה מסתבר לומר שנוסח הברכה על הדלקת נרות המנורה (ראה מל"מ ריש הל' מעשה הקרבנות. שם רפ"י) הוא: אקב"ו להדליק כו' (כמו בנר שבת), אע"פ שבכתוב נאמר בלשון עלי'.

---

*) ולשיטתי' צ"ע הטעם שמדליקין נר חנוכה (זכר לנרות המקדש — ראה בארוכה רמב"ן ריש פרשתנו) רק בלילה, ואין מדליקין גם ביום (עכ"פ בלא ברכה), כמשנ"ת במ"א. ואכ"מ.

שקודמת אפילו להטבת הנרות („עלי׳ הכהן עומד ומטיב״), היינו, שגם כש־מחליט לעסוק בהכנות להדלקת המנורה נעשה אצלו עלי׳.

ובזה מודגש הצורך בהשתתפותו של כאו״א מישראל בחנוכת המשכן הרוחני ע״י הפעולה ד„בהעלותך את הנרות״ (חנוכה באופן ד„שלך גדולה משלהם״) — שענין זה נוגע לא רק לשלימות הדעת (היפך הענין ד„חלשה אז דעתו כשלא הי׳ עמהם בחנוכה״), אלא גם לכל מציאותו, כאמור, שע״י העלי׳ במעלה מתעלית כל מציאותו, לא רק הראש (דעת), אלא גם כל הגוף, עד לעקב שב־רגל[80].

וי״ל יתירה מזה — שענין זה נוגע לעלי׳ („בהעלותך״[81]) שהיא תכלית ומטרת ירידת הנשמה למטה, מאיגרא[82] רמא לבירא עמיקתא[83], שירידה זו היא צורך עלי׳, היינו, שע״י העבודה דהדלקת הנר (שבפרט ושבכלל, ועד להמנורה דכללות נש״י) ב„נר מצוה ותורה אור״, נעשה „בהעלותך את הנרות״, העלי׳ ד„נר ה׳ נשמת אדם״ למקום עליון יותר[84] מכמו שהיתה באיגרא רמא, קודם הירידה.

יג. המורם מכל האמור לעיל בנוגע למעשה בפועל — המעשה הוא העיקר[85]:

כאשר קוראין בתורה „בהעלותך את הנרות״ בכל שנה ושנה — אזי מודגש הציווי וההוראה ביחד עם נתינת־כח „לחיות״ („החי[86] יתן אל לבו״) בעניני העבודה דהדלקת המנורה ברוחניות, ועד להדליק הנרות דכללות נש״י שיאירו ב„נר מצוה ותורה אור״, להיות „מנורת זהב כולה״, כולל ובפרט בהפצת המעיינות (בחי׳ השמן שבתורה[87]) חוצה, בכל קצוי תבל.

ובענין זה ניתוסף לימוד והוראה מפירוש רש״י — הדגשת הצורך שה־פעולה בכל זה תהי׳ ע״י כאו״א מיש־ראל, עד כדי כך, שבראותו העוסקים בעבודה זו, „חלשה אז דעתו כשלא הי׳ עמהם בחנוכה״, ולכן משתדל גם הוא להשתתף עמהם בעבודה זו, ובפרט בידעו, שע״ז נעשה אצלו ענין העלי׳, ועוד ועיקר — שע״ז ממהרים ומזרזים

---

80) ואדרבה — העלי׳ במעלה היא ע״י ה(עקב שב)רגל, ועי״ז מתעלה כל מציאותו, עד וכולל הראש.

81) ועפ״ז יומתק (ע״ד הרמז) שכללות הפירוש „למה נסמכה פרשת המנורה כו׳ חלשה אז דעתו וכו׳״ קאי על תיבת „בהעלותך״, ולא על התחלת פרשת המנורה, „דבר אל אהרן וגו׳״ — לרמז שענין זה נוגע לכללות עליית הנשמה כו׳, כבפנים. ולהעיר גם מלקו״ת פרשתנו לא, ב — בהפירוש ד„בהעלותך״, עיי״ש.

82) ע״פ ל׳ חז״ל — חגיגה ה, ב.

83) כלומר, ירידה ממקום הכי עליון — „איגרא״ שלמעלה מכללות הבית, ובזה גופא „איגרא רמא״, עד למקום הכי תחתון — „בירא״ שלמטה משטח הארץ, ובזה גופא „בירא עמיקתא״.

84) ובפרטיות יותר: „שלש מעלות״, די״ל, שרומז לכללות סדר ההשתלשלות שנחלק לג׳ דרגות, היינו, שהעלי׳ היא למעלה (על גבי) מכל סדר ההשתלשלות.

ומ״ש רש״י „מעלה״ (או „מעלות״) סתם — י״ל הרמז ב„יינה של תורה״ (מלבד הפירוש הפשוט שבפשש״מ אין הכרח שהיו ג׳ מעלות), שהעלי׳ אינה מוגבלת רק ביחס לסדר ההשתלשלות, אלא עצם ענין העלי׳ (אפילו לא „מעלות״ לשון רבים, כברוב הדפוסים), למעלה מכל מדידה והגבלה.

85) אבות פ״א מי״ז.

86) להעיר מהמבואר בלקו״ת פרשתנו (לד, ג ואילך) הקשר דהדלקת המנורה עם הענין ד„החכמה תחי׳״.

87) ראה בארוכה אמ״ב שער הק״ש פנ״ד ואילך.

החנוכה דביהמ"ק השלישי, כנ"ל בארוכה.

יד. וכאן המקום להזכיר עוה"פ המדובר בהתוועדויות האחרונות[88] — אשר, מצד גודל ההבהלה שבדבר וה־הכרח הכי גדול לתקן המצב יש צורך לחזור ולעורר אפילו מאה פעמים[89], נוסף לכך ש„אין מזרזין אלא למזו־רזין"[90] — ע"ד גודל ההכרח בהפצת התורה והיהדות בימינו אלו שהיא בדומה לפיקוח־נפשות ממש, ומפקחין על צרכי ציבור בשבת[91], ועאכו"כ בענין של פיקוח־נפשות:

בכל העולם כולו, כולל ובמיוחד בארץ הקודש[92], מסתובבים מאות אלפי ילדי ישראל, וכן מבוגרים (אנשים ונשים), שאין להם ידיעה באל"ף־בי"ת של יהדות, להיותם „תינוקות שנשבו"[93], שלא נתחנכו בדרך התורה.

ומכיון שמדובר אודות מצב של פיקוח־נפשות, רחמנא ליצלן — פיקוח־נפשות ברוחניות, הקשור גם עם פיקוח־נפשות בגשמיות — הרי, צו השעה לפרסם ולהרעיש בכל מקום ומקום שחוב גמור על כאו"א לעסוק בהפצת התורה והיהדות חוצה! **ולא להסתפק בכך שישנם כו"כ שעוסקים בזה, אלא, כל יחיד ויחיד צריך להצטרף** ו„להיות עמהם בחנוכה", **חינוך בני ובנות ישראל** בדרך התורה, שעי"ז נעשה החינוך (הכנה) לגאולה העתידה.

ופשוט, שאין מקום לטענות של „דמוקרטיא" (היתכן להתערב באורח־חייו של הזולת) וכיו"ב — שהרי מדובר אודות ענין של פיקוח־נפשות ממש, מהיפך החיים, רחמנא ליצלן, לחיים רוחניים וגשמיים גם יחד. ואם יש מי שטוען שאין רצונו בכך, הרי, „יצרו הוא שתקפו"[94], ובמילא, יש להצילו מה„אנס" זה היצה"ר[95].

ובכל זה ישנה נתינת־כח מיוחדת (נוסף על הנתינת־כח מהקריאה בתורה בפ' בהעלותך את הנרות) בבואנו מיום ט"ו סיון[96], שבו התחילה פרשת המאסר והגאולה דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו[97] — נתינת־כח מיוחדת להפיכת החושך באופן דיתרון האור מן החושך[98], מכיון שלאמיתתו של דבר „אין עוד מלבדו"[99] [וחודר גם בלשון דאוה"ע, עד ללשון המדינה שבה הי' המאסר — כפי שניגנו בגאולה די"ב תמוז: „ניעט ניעט ניקאַווא כו'"[100]], וכל מציאות החושך אינה אלא בשביל העילוי ד„אתהפכא חשוכא לנהורא"[101], וכמ"ש[102] „וגם

---

88) חגה"ש: ש"פ נשא — לעיל ע' 473 ואילך.

89) ראה ב"מ לא, א. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ז.

90) ספרי נשא בתחלתו. במדב"ר פ"ז, ו. וראה מכות כג, א.

91) ראה שבת קנ, א. רמב"ם הל' שבת פכ"ד ה"ה. שו"ע אדה"ז או"ח סש"ו סי"ב.

92) שבה נקל יותר לפעול בהפצת התורה והיהדות, מצד מעלת אה"ק, אוירא דא"י כו' וכו'.

93) ראה רמב"ם הל' ממרים פ"ג ה"ג.

94) רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

95) להעיר משו"ת מהרשד"ם חיו"ד סר"ד (הובא בכנסת הגדולה לטור חו"מ ר"ס תכו) שנקט להלכה שיש בכגון־דא משום „לא תעמוד על דם רעך" (וראה לקו"ש קדושים שנה זו ס"ו, ובהערה 35).

96) שעלייתו ושלימותו באופן ד„ויכולו" — ביום הש"ק זה.

97) ראה אג"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"ב ריש ע' פ. ושי"נ.

98) קהלת ב, יג.

99) ואתחנן ד, לה.

100) ראה ספר התולדות אדמו"ר מוהריי"צ ח"ג ע' 221.

101) ראה זח"א ד, א.

102) משלי טז, ד.

רשע[103] **ליום רעה", ש"יעשה הרע . . יום ואור"**[104]**, עד להפיכת חושך הגלות — ע"י שממשיכים בו האל"ף, אלופו של עולם — שאז נעשה מ"גולה"** "גאולה"[105].

טו. ויה"ר שע"י העבודה ד"בהע־לותך את הנרות" נזכה בקרוב ממש לקיום היעוד בהפטרה דפ' בהעלותך: "ראיתי **והנה מנורת זהב כולה גו' ויאמר אלי זה דבר ה' אל זרובבל גו'"**[106]**, כמבואר בלקו"ת דפרשתנו**[107] **שאף ש"קאי ג"כ על זמן עכשיו", היינו שגם בזמן הגלות (ש"נקראו בשם זרובבל על שם וזרעתי' לי בארץ והם היו אז בגלות בבל"**[52]**) ה"ה בבחינת "מנורת זהב כולה", ואדרבה, "דוקא ע"י גלות בבל נעשה מנורת זהב", "מ"מ, עיקר בחי' זו קאי** אלע"ל"[108]**, כשהקב"ה פודה את בנו** בכורו — "**בני בכורי ישראל**"[109] **— "ממצרים", ממיצר הגלות**[110].

ואז גם רואים הדלקת המנורה ע"י אהרן — "בהעלותך את הנרות" כפשוטו (של מקרא) — בביהמ"ק השלישי, יראה כהן בציון (ש"הוא[111] **יכוננה עליון"**[112]**), אהרן הכהן עולה ועומד על שלש מעלות, בביהמ"ק השלישי, בגאולה השלישית.**

וכל זה — במהרה בימינו ממש, "לא עיכבן המקום כהרף עין"[113]**, מכיון שגם העבודה ד"בהעלותך את הנרות" תהי' ללא כל עיכוב, אפילו "כהרף עין" — יהי' ותחזינה עינינו.**

---

103) **ולהעיר מהפירוש ד"רשע" מלשון הצלחה ("בכל אשר יפנה ירשיע", "יצליח" — ש"א יד, מז. ובמצו"ד), שע"י הפיכת הרשע כו' ניתוסף ענין של הצלחה — שהיא מרובה וגדולה מטוב סתם.**

104) **תניא פכ"ז (לד, ב).**

105) **ראה ויק"ר ספל"ב. לקו"ת פרשתנו לה, ג. ובכ"מ.**

106) **זכרי' ד, ב־ו.**

107) **לג, רע"ג.**

108) **שם לה, ד.**

109) שמות ד, כב.

110) להעיר מהשייכות לפרשתנו — "כי לי כל בכור בבני ישראל גו' ביום הכותי כל בכור **בארץ** מצרים גו'" (ח, יז). ולהעיר גם משיעור היומי ברמב"ם (משנה תורה): "**מצות עשה לפדות כל איש** מישראל בנו שהוא בכור כו'" (הלכות בכורים רפי"א).

111) תהלים פז, ה.

112) כולל גם — **שציון (ירושלים) עצמה נעשית** בבחי' "עליון", **ע"י שבירושלים של מטה נמשך** ומתלבש ומתגלה ירושלים שלמעלה (**ראה תענית** ה, א. ובכ"מ).

ולהעיר מהמבואר בלקו"ת פרשתנו (**לא, ב**) השייכות ד"בהעלותך את הנרות", **פעולת אהרן** בעליית נש"י, למ"ש "ירושלים הבנוי' **כעיר שחוברה** לה יחדיו (**חיבור דירושמ"ע עם ירושמ"ט — תענית** שם) **ששם** עלו **שבטים גו'**".

113) **מכילתא ופרש"י בא יב, מא.**



משיחות ש"פ שלח, מבה"ח תמוז ה'תשמ"ח

א. שבת מברכים תמוז — וואס איז דער לעצטער שבת אין חודש סיון — לייענט מען (ברוב השנים) פרשת שלח. און לויט דעם וואס דער של"ה שרייבט[1], אז די פרשיות התורה זיינען פארבונדן מיט דעם זמן ווען מ'לייענט זיי, איז פארשטאנדיק אז ס'איז דא א שייכות צווישן דעם שבת מיטן תוכן פון פ' שלח:

אין אנדערע ווערטער: פון פ' שלח קען מען ארויסנעמען א (תורה) הוראה בנוגע צו דער ספעציעלער עבודה וואס איז אונטערשטראכן אין דעם שבת, וואס כל יומא ויומא עביד עבידתי'[2], עאכו"כ שבת מברכים תמוז, וועלכע איז אויך דער לעצטער שבת פון חודש סיון, חודש השלישי — דער חודש פון זמן מתן תורתנו.

ב. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים דעם ביאור פון מפרשים אין דעם טעם פארוואס משה האט געשיקט די מרגלים. דלכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק:

אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט משה רבינו „שלח לך אנשים"[3] זאגן חז"ל[4]: „שלח לך — לדעתך", אבער „אני איני מצוה אותך", „לפי שבאו ישראל ואמרו נשלחה אנשים לפנינו כו', ומשה נמלך בשכינה, אמר אני אמרתי[5] להם שהיא טובה כו'"[6].

שטעלט זיך די שאלה: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אידן אז ער וועט זיי ברענגען אין „ארץ טובה ורחבה"[5] — איז פארוואס האט משה געהאלטן אז מ'דארף שיקן מרגלים, ביז אז „וייטב בעיני הדבר"[7] — צי דען האט זיך משה ח"ו ניט פארלאזט לגמרי אויף הבטחתו של הקב"ה?!

זיינען מפרשים[8] מבאר, אז די כוונה אין שיקן די מרגלים איז געווען (ניט בכדי צו מברר זיין צי מ'זאל גיין כובש זיין ארץ ישראל, ווארום אויף דעם איז געווען א ציווי מפורש און א הבטחה פון דעם אויבערשטן, נאר) בכדי וויסן אין וועלכן דרך ואופן איז לייכטער כובש זיין ארץ ישראל. וכמפורש בכתוב[9] „נשלחה אנשים לפנינו גו' וישיבו אותנו דבר את הדרך אשר נעלה בה ואת הערים אשר נבוא אליהן".

ווי דער סדר איז ביי מלחמה וכיבוש ארצות, אז מ'שיקט פריער ארויס מרגלים „לדעת הדרכים ומבוא הערים" בכדי צו וויסן מיט וועלכע שטעט מ'זאל פריער מלחמה האבן און פון וועלכן דרך איז לייכטער איינצונעמען די לאנד וכו'.

---

1) חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א).
2) ראה זח"ג צד, ריש ע"ב.
3) ריש פרשתנו (יג, ב).
4) סוטה לד, ריש ע"ב (עפ"י גירסת הע"י). פרש"י עה"פ. ועוד.
5) שמות ג, ח.
6) פרש"י פרשתנו שם. וראה פרש"י סוטה שם.
7) דברים א, כג.
8) רמב"ן ריש פרשתנו. וראה גם אוה"ח שם.
9) דברים שם, כב.

און וויבאלד אז (ע״פ תורה) אין סומכין על הנס[10] און מ׳דארף זיך גרייטן צו מלחמה בדרך הטבע („כי הכתוב לא יסמוך בכל מעשיו על הנס אבל יצוה בנלחמים להחלץ ולהשמר ולהארב כו׳״[11]) — דערפאר האט משה געהאלטן („וייטב בעיני הדבר״) צו שיקן מרגלים. (נאר פונדעסטוועגן, האט ער זיך ניט געוואלט פארלאזן אויף דעת עצמו, און „נמלך בשכינה״).

ועפ״ז פארענטפערן מפרשים נאך א קשיא:

בנוגע די מרגלים וואס משה האט געשיקט „לרגל את יעזר״[12], שטייט ניט אפילו אז משה „נמלך בשכינה״, ער האט עס געטאן (לגמרי) לדעתו. ועד״ז אויך די מרגלים וואס יהושע האט געשיקט[13]. ולכאורה תמוה: ווי קומט עס אז משה און יהושע האבן געשיקט מרגלים מדעת עצמם, ובפרט נאך דעם ווי זיי האבן געזען די תוצאות וואס זיינען ארויסגעקומען פון שילוח המרגלים דפרשתנו?!

ועפ״כ כל הנ״ל מובן: דער ענין פון שילוח מרגלים בכדי צו וויסן „את הדרך אשר נעלה בה״, איז ניט נאר וואס ס׳איז ניטא אין דעם קיין חסרון, נאר אדרבה, דאס איז דער דרך (ע״פ תורה) צו מקיים זיין דעם ציווי הקב״ה צו כובש זיין ארץ כנען[14]. און דאס וואס פון די מרגלים דפרשתנו זיינען ארויסגעקומען תוצאות בלתי רצויות, איז עס מצד דערויף וואס זיי האבן (תיכף בהליכתן[15]) משנה געווען פון די שליחות וואס משה האט זיי געשיקט [און געגאנגען נאכקוקן (ניט „את הדרך אשר נעלה בה״, נאר) צי ס׳איז כדאי און צי מ׳האט בכח לכבוש את הארץ]. און דערפאר האבן משה און יהושע שפעטער זיך ניט אפגעהאלטן פון צו שיקן מרגלים, טראכטנדיק (און אזוי איז געווען בפועל) אז די מרגלים וועלן מקיים זיין די שליחות.

ג. לויט דעם אבער ווערט די שאלה לאידך גיסא: וויבאלד אז צוליב כיבוש הארץ דארף מען מרגלים, איז פארוואס האט דער אויבערשטער ניט מצוה געווען אויף דעם, און איבערגעלאזט עס לדעתו של משה?

איז דער ביאור אין דעם, אז אדרבה, היא הנותנת: וויבאלד אז בכדי לכבוש הארץ פאדערט זיך (ע״פ טבע) שילוח מרגלים — איז לאחרי ווי ס׳איז געווען דער ציווי פון דעם אויבערשטן צו כובש זיין ארץ כנען, איז שוין מובן מעצמו אז בכדי צו מקיים זיין דעם ציווי דארף מען שיקן מרגלים, און מ׳דארף ניט קיין ציווי פרטי אויף דעם פרט.

---

10) פסחים סד, ב.

11) רמב״ן שם.

12) חוקת כא, לב.

13) כדמשמע בפשטות הכתובים בתחלת ספר יהושע (הפטרת פרשתנו). וכן משמע ברמב״ן ובאוה״ת שבהערה 8. וצ״ע בלקו״ת פרשתנו רד״ה וישלח יהושע (נא, ג) ש„בודאי לא עשה יהושע מדעתו רק שהשי״ת ציוהו על כך״.

14) ומה שאמר הקב״ה „אני אמרתי להם שהיא טובה״, וגם משה עצמו הסכים לשילוח המרגלים רק משום שחשב „שמא תחזרו בכם כשתראו שאיני מעכב״ (פרש״י דברים א, כג) — הוא ע״פ כוונת בני ישראל בשילוח המרגלים לתור ולבחון אם צריכים לעלות ולכבוש כו׳ (ראה אוה״ח ריש פרשתנו). אבל שילוח המרגלים (כהאופן ששלחם משה) לתור באיזה אופן לכבוש — הרי זה דבר טוב ורצוי, כבפנים.

15) פרש״י פרשתנו יג, כו.

דוגמא לדבר:

ווען דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אברהם אבינו "קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק ולך לך אל ארץ המורי' והעלהו שם לעולה"[16] — האָט דער אויבערשטער אים ניט געדאַרפט אָנזאָגן אַז ער זאָל חובש זיין חמורו און מיטנעמען עצי עולה און אַ מאכלת ואש (נאָר אברהם האָט דאָס אַליין געטאָן[17]), וואָרום לאחרי ווי ס'איז דאָ דער ציווי ה' צו אברהם'ן "והעלהו שם לעולה" — וואָס קיום ציווי ה' דאַרף זיין ע"י אברהם — איז מובן מעצמו, אַז דערצו דאַרף אברהם צוגרייטן און האַבן עצים, אש און אַ מאכלת, און לפני זה — חבישת חמור, וואָס מיט דעם אַלעם וועט מען גיין לארץ המורי'!

ועד"ז איז אויך בנוגע צו אַלע מצוות התורה, אַז אויף די "מכשירי מצוה" איז ניטאָ קיין ציווי. ווי, לדוגמא, מצות מילה, איז ניטאָ קיין ציווי אויף צוגרייטן אַן איזמל וכו'.

[ועפ"ז קען מען אויך מבאר זיין וואָס מן התורה איז ניטאָ קיין מצוה מפורשת ובפני עצמה צו מחנך זיין בניו ובנותיו. ובכלל איז אין דעם ענין פון חינוך אַ שקלא וטריא בגדרי חיובו וכמה דעות בזה[18].

ולכאורה תמוה: ס'איז מובן בפשטות, אַז הנהגת האדם בגדלותו (תיכף לכשיגדל) איז תלוי אין זיין וויסן וועגן דעם, אין דעם חינוך בקטנותו[19]. איז היתכן אַז ס'איז ניטאָ קיין ציווי (מן התורה) צו מחנך זיין?

דער פּלא איז נאָך גרעסער: מ'זעט בפועל אַז דער עיקר החינוך איז אָפּהענגיק פון דער מוטער[20] [ובפרט ביי אַ קליין קינד, תינוק הצריך לאמו]. און אעפ"כ איז מצות החינוך (אפילו) מדברי סופרים נאָר על האב און ניט על האם!

ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם[21], אַז אדרבה: וויבאַלד אַז חינוך [ובפרט חינוך האם] איז אַ דבר המוכרח ע"פ טבע האדם[22] איז פשוט אַז מען וועט עס טאָן כדי אַז כשיגדל לתומ"צ, זאָל ער זיי מקיים זיין[23]].

ויש לומר דעם טעם אויף דעם בפנימיות הענינים: דאָס וואָס ס'איז ניטאָ קיין ציווי אויף צוגרייטן די ענינים וועלכע זיינען לצורך קיום מצוה, איז עס בכדי צו געבן די מעגלעכקייט אַ אידן צו טראַכטן און האָרעווען מיט זיין

---

16) וירא כב, ב.

17) שם ג, ו.

18) נזיר כט, א. רמב"ם הל' ציצית פ"ג ה"ט. הל' לולב פ"ז ה"ט. שו"ע אדה"ז הל' שבת סשמ"ג ס"ב. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חנוך בתחלתו. ושי"נ.

19) כמ"ש חנוך לנער ע"פ דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה (משלי כב, ו).

20) וראה של"ה שער האותיות מד, א (נעתק ב"חנוך לנער" ע' 34) "הנשים מצוות על תוכחת בניהם כמו האב ויותר מהם, מטעם שהם פנויות ומצויות יותר בבית כו'".

21) ראה בארוכה שיחת חגה"ש תשמ"ז. עוד ביאור בזה — ראה שיחת אחש"פ תשמ"ז.

22) משא"כ בכו"כ (רוב ה)בע"ח, כנראה בפשטות.

23) והא שיש ציווי "ושננתם לבניך" (ואתחנן ו, ז) — אף שגם זה הוא (לכאורה) דבר המוכרח, כמ"ש ברמב"ן שם "אנחנו מצווים שידעו בנינו המצוות, ואיך ידעו אותם אם לא נלמדם" — כי זהו הוספה לגודל וחשיבות הענין.

ואולי יש לומר, לפי שזה (ללמד תורה לבניו הקטנים) אינו מוכרח, כי ע"י שיחנכום במצוות ידעו איך לקיימם.

אייגענעם שכל ווי צו מקיים זיין די מצוה.

ועפ"ז יש לומר דעם פירוש אין דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו „שלח לך לדעתך אני איני מצוה לך" — אז די וועג ווי צו מקיים זיין דעם ציווי פון כיבוש הארץ, אויף דעם זאגט מען ניט קיין ציווי, דאס דארף זיין „לדעתך" — ער דארף הארעווען אויף דעם מיט זיין אייגענעם דעת.

ד. ויש להוסיף, אז די צוויי ענינים הנ"ל (בנוגע אופן קיום הציווי דכיבוש הארץ — (א) אז דער כיבוש זאל זיין ניט ע"פ נס נאר ע"פ טבע (שילוח המרגלים), און (ב) אז דער אופן קיום הציווי זאל זיין „לדעתך" פון דעם אדם המקיים את המצוה — זייַנען שייך במיוחד צו כיבוש הארץ:

ס'איז מבואר אין לקוטי תורה פרשתנו[24] (די „חסידישע פרשה"), אז דאס וואס די מרגלים האבן ניט געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל איז געווען מצד דעם וואס זיי האבן ניט געוואלט זיך אראפנידערן פון דעם הויכן גייסטיקן מצב של התבודדות אין מדבר, וואו מ'איז געווען העכער פון ענינים ארציים, אן דאגות הפרנסה (ווייל דער אויבערשטער האט זיי אלץ צוגעשטעלט אין מדבר — לחם מן השמים[25], מים מבארה של מרים[26] און ענני הכבוד וועלכע האבן זיי געפירט און באשיצט וכו'[27]), און מ'קען לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן במנוחה שלימה, בשלימות הלימוד והעשי'.

24) לז, ג ואילך.

25) בשלח טז, ד.

26) פרש"י חוקת כ, ב.

27) פרש"י בהעלותך י, לב. עקב ח, ד.

אבער די שיטה (פון די מרגלים) איז געווען א „טעות גדול"[28]. ווייל דער תכלית הכוונה איז צו מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים, אז גשמיות העולם זאל ווערן פארוואנדלט אין רוחניות און ג־טלעכקייט. און דערפאר האט מען געדארפט אוועקגיין פון מדבר און אריינגיין אין ארץ ישראל, אן ארץ נושבת וואו מען האט זיך געדארפט פארנעמען מיט ענינים גשמיים (חרישה, זריעה וכו'), בכדי צו מאכן פון די גשמיות א דירה צום אויבערשטן.

און וויבאלד די כוונה אין כיבוש הארץ און התיישבות בארץ איז בכדי צו מאכן די „תחתונים" פאר א דירה לו יתברך — דעריבער איז אויך דער אופן הכיבוש וההתיישבות דארף זיין פארבונדן מיט גדרי ה„תחתון": (א) אז דער כיבוש זאל האבן אן אחיזה (עכ"פ) בדרך הטבע, און (ב) אז די וועג צו כובש זיין זאל זיין (ניט ע"פ ציווי מלמעלה, נאר) „לדעתך" פון דעם „תחתון"[29], פון דעם אדם המקיים את הכיבוש.

ה. ע"פ הנ"ל וועט מען פארשטיין דעם קשר פון פ' שלח מיט שבת מברכים תמוז בסיום חודש סיון:

חודש סיון און חודש תמוז באשטייען פון צוויי באזונדערע עבודות[30]:

28) ל' הלקו"ת שם לז, ב. וראה שם לח, ב.

29) ויש לומר (בפנימיות הענינים), שזהו גם הטעם על זה שההצעה לשלוח מרגלים באה (לא ממשה אלא) מישראל. ויתירה מזו — שההצעה מישראל היתה באופן ד„ותקרבון אלי כולכם — בערבוביא" (דברים א, כב ופרש"י שם).

30) החילוק דלקמן הוא גם בהתאם לזה שחודש סיון הוא חודש השלישי* (ראה הערה הבאה) וחודש

*) ולהעיר מהקשר ל: (א) הפרק שלומדים בשבת זו — פרק שלישי, והתחלתו היא — „הסתכל

ענינו פון חודש סיון (חודש השלישי) איז — מתן תורה[31] (מלמעלה). און אויך די קבלת התורה וואָס אידן האָבן מקבל געווען, איז אין אַן אופן ווי אידן שטייען לעבן הר סיני און הערן די דברות ווי זיי קומען מלמעלה, פון אויבערשטן. משא"כ ענינו פון חודש תמוז (דער חודש וואָס נאָך קבלת התורה[32]) איז ווי אידן גייען אַוועק פון הר סיני און הויבן אָן זייער עבודה בכח עצמם צו מאַכן די וועלט פאַר אַ דירה לו יתברך, לויט די הוראות וועלכע זיי האָבן מקבל געווען פריער בּאַ מתן תורה.

ויש לומר, אַז דאָס איז אַ רמז אין דעם וואָס שבת מברכים תמוז איז אין דעם לעצטן שבת פון חודש סיון — ווייל די ברכה ונתינת כח אויף דער עבודה אין וועלט (בחודש תמוז) באַקומט מען פון דעם שבת האחרון אין חודש השלישי, די שלימות וסך־הכל פון מתן תורה, אוריין תליתאי[33].

ו. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין די הוראה — „והחי יתן אל לבו"[34] — וואָס קומט צו אין שבת מברכים תמוז פון פ' שלח:

אַזוי ווי אַלע ענינים אין תורה וועלכע איז נצחית, איז אויך דער ציווי אויף כיבוש הארץ אַ ציווי נצחי בכל זמן ובכל מקום — יעדער איד האָט דעם ציווי צו „איינגעמען" (כובש זיין) זיין גוף ונפש הבהמית וחלקו בעולם, „מלאו את הארץ וכבשוה"[35], און מאַכן דערפון אַ כלי צו אלקות (ארץ ישראל — וועלכע איז מקודשת מכל הארצות[36]), כפתגם הידוע פון דעם צ"צ[37] — „מאַך דאָ ארץ ישראל".

און די עבודה שטייט בהדגשה אין חודש תמוז (וואָס קומט נאָך דעם חודש פון מתן תורה), ווען אַ איד גייט אַריין אין וועלט צו כובש זיין, איינעמען איר מיט תורה און אידישקייט.

און אין דער עבודה האָט ער די הוראה פון פ' שלח — אַ צוויייענדיקע אָנווייזונג:

תמוז הוא חודש הרביעי — כמבואר בכ"מ ההפרש בין שלישי ורביעי, ששלישי מורה בעיקר על בחי' המשפיע ורביעי מורה בעיקר על בחי' מקבל (ראה בארוכה שיחת ש"פ קרח תשמ"ז. ושי"נ).

31) דאף שמ"ת הי' בתחלת החודש — הרי זה שייך וקשור לכל החודש, כמודגש בזה שבתושב"כ נזכר שמ"ת הי' „בחודש השלישי" (יתרו יט, א) ולא נזכר באיזה יום כחודש [עד שיש בזה ב' דיעות בגמרא (שבת פו, ב)], וכן בתושבע"פ (שם פח, א) — „ירחא תליתאי" [ומש"נ (יתרו שם, טז) „ביום השלישי", „יומא תליתאי" — הי"ז לא יום השלישי בחודש, כ"א מימי הכנה (הגבלה) למ"ת].

32) להעיר מזה שהבעש"ט הי' מחבב במיוחד יום השני דתגה"ש, להיותו יום הראשון שלאחרי מתן תורה (ס' השיחות תש"ד ע' 135). וראה לקו"ש ח"ד ע' 1028, שהמעלה דהיום שלאחרי מ"ת הוא — שאז התחיל ענין העבודה דהמטה. עיי"ש בארוכה.

כשלשה דברים כו'", ובזה גופא — שלשה בבות (ראה בארוכה לעיל ס"ע 434 ואילך). (ב) שיעור היומי ברמב"ם (הל' ביהב"ח פ"ז ה"א) — שלש מחנות היו במדבר מחנה ישראל ומחנה לוי' ומחנה שכינה, וכנגדן לדורות מפתח ירושלים עד הר הבית כמחנה ישראל ומפתח הר הבית עד פתח העזרה שהוא שער ניקנור כמחנה לוי' ומפתח העזרה ולפנים מחנה שכינה — שהם (כהנים לויים ישראלים) כנגד חג"ת (תקו"ז חס"ט (קד, א). וראה לקוטי לוי"צ לזהר פרשתנו ע' שעה).

---

33) שבת שם.

34) קהלת ז, ב.

35) בראשית א, כח.

36) רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ז הי"ב — שיעור היומי דש"ק זה.

37) אגרות קודש אדמו"ר (מהוריי"צ) ח"א ע' תסה.

ערשטנס בנוגע צו זיין עצם עבודה: א איד קען דאך מיינען אז ס'איז גלייכער בלייבן בא „הר סיני" און לערנען תורה, איידער אראפגיין טאן די עבודת המצות, עבודה אין דער גשמיות'דיקער וועלט, טראכטנדיק אז וואס דארף ער זיך ארײנלאזן אין די נסיונות וספיקות וועל־כע קענען ווערן אין דעם וואכעדיקן לעבן, מצד דעם וואס „עז העם היושב בארץ"[38], און אפשר גאר אז „לא נוכל לעלות גו' כי חזק הוא ממנו"[39], ביז אז „ארץ אוכלת יושבי'"[40], בעסער בלייבן זיצן באשיצט אין ד' כותלי בית המדרש ובית הכנסת.

אויף דעם לערנט ער זיך אפ פון טעות המרגלים — אז דער אוי־בערשטער האט אנגעזאגט אז די תכלית הכוונה פון ירידת הנשמה בגוף איז דוקא ארײנגיין און כובש זיין ארץ כנען און מאכן דערפון ארץ ישראל. ואדרבה — „טובה הארץ מאד מאד"[41], דוקא דורך דער עבודה אין ארץ הגשמיית ווערט נתגלה תכלית השלימות פון טוב, ביז אין אן אופן פן „מאד מאד", וואָרום נתאוה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים דוקא[42].

ביז אז דאס טוט אויף תכלית השלימות אין דעם אידן, אז ניט נאר וואס די וועלט שטערט אים ניט, נאר אדרבה — „לחמנו הם"[43], דאס ווערט זיין לחם וועלכע איז אים מחי' און טוט אין אים אויף אן עלי' באין ערוך.

38) פרשתנו יג, כח.

39) שם, לא.

40) שם, לב.

41) פרשתנו יד, ז.

42) לקו"ת פרשתנו לז, ב ואילך.

43) פרשתנו שם, ט.

דערצו איז אויך דא א הוראה פון כיבוש הארץ — בנוגע צו אופן העבודה, אז דאס דארף זיין „לדעתך": צו טראכטן און הארעווען מיט זיין שכל ודעת צו אויסזוכן אלע וועגן (לויט טבע העולם) ווי צו כובש זיין די גשמיות'דיקע וועלט און מאכן דערפון „ארץ ישראל".

ז. ובפרטיות יותר — איז אין דעם פאראן א לימוד במיוחד פאר אונזער דור:

משה רבינו פון אונזער דור — כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — האט גע־געבן יעדערן פון דעם דור, דער דור האחרון אין גלות, די שליחות צו פאר־ענדיקן די לעצטע שיריים פון דער עבודה אין „מדבר העמים" פון גלות, און צוגרייטן די וועג פאר דער כניסה וכיבוש בשלימות פון ארץ ישראל, און פון דער גאנצער וועלט (שעתידה ארץ ישראל תתפשט על העולם כולו[44]).

נשיא דורנו האט געשיקט אלע אידן — „שלח" — אלס שלוחים אויף „ויתורו את ארץ כנען", ארומקוקן און געפינען די בעסטע וועג צו איינגעמען די וועלט דורך הפצת התורה והיהדות, ובמיוחד — הפצת המעינות חוצה.

אין דעם באשטייט די שליחות פון אונזער דור — דעריבער קען קיין איד זיך ניט באפרייען פון דער אחריות און זיך שטעלן אויף א זייט אדער זיך „נאכ־שלעפן", נאר אדרבה — יעדערער דארף זיך משתדל זיין צו גיין פאראויס — „חלוצים תעברו לפני אחיכם בני ישראל כל בני חיל"[45], און מ'האט א

44) יל"ש ישעי' רמז תקג. פסי"ר פ' שבת ור"ח. וראה לקו"ת מסעי פט, ב.

45) דברים ג, יח.

הבטחה אז „ונכבשה הארץ לפניכם"[46].

ח. עס זיינען פאראן אזוינע וואס בשעת זיי באקומען א הוראה צו טאן אין הפצת היהדות און הפצת המעינות חוצה — ווערן זיי גלייך צוטומלט און קומען מיט כל מיני שאלות: וואו איז דער „חוצה": וועלכען ספר בנגלה, אדער קונטרס חסידות וכיו"ב דארף מען מפיץ זיין; וואס זאל מען דעם צווייטן זאגן; וועלכע הכנות דארף מען דערצו האבן, וכו' וכו'.

האט מען די הוראה הנ"ל, אז לאחרי ווי מ'האט א ציווי פון נשיא דורנו צו טאן א שליחות מסויימת אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה — פאדערט זיך אז דער שליח, זייענדיק א בר דעת"[47], זאל אליין צולייגן זיין שכל און אויסזוכן די וועגן און בעסטע וועגן ווי צו מקיים זיין די שליחות — לא מיבעי בנוגע צו די דברים מוכרחים וואס ער דארף האבן בכדי מקיים זיין שליחותו, נאר אויך צו אפשאצן דעם מצב פרטי, געפינען די ריכטיקע אותיות ווי ער זאל מיט דעם צווייטן רעדן, וועלכן ספר, קונטרס ער זאל מפיץ זיין וכיו"ב.

מ'דארף ניט זיין ווי א „צעפעשצעטער בן יחיד", וואס מ'דארף אים יעדער קלייניקייט צושטעלן. ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל געזאגט אויף א משולח וועמען ער האט געגעבן א געוויסע שליחות, און יענער האט אנגעהויבן פרעגן פרטים און פרטי פרטים ווי ער זאל מקיים זיין שליחותו — איז לאחרי ווי יענער איז ארויס פון „יחידות" האט כ"ק מו"ח אדמו"ר געזאגט, אז ער פירט זיך ווי א צעפעשצעטער בן יחיד, און זאגט „שאוני והטילוני אל הים"[48]!

א איד איז טאקע א „בן יחיד" של הקב"ה, און ווי א בן יחיד שנולד להורים לעת זקנותם און נאך טייערער (כתורת הבעש"ט[49]) — אבער צוזאמען דערמיט דארף מען ניט זיין א צעפעשצעטער: בשעת מ'הייסט אים עפעס טאן, דארף ער ניט ווארטן ביז מ'וועט אים אויסטייטשן, ובפרטיות: אז דאס מיינט מען עם ממש, און ניט נאר אלס שומע, נאר זיין מעשה בפועל, „ואפילו" בימי המעשה בעניני חול פון חבריו מיט וועמען ער פירט מסחרים, איז זיך מתייעץ וואו צו קויפן אכו"ש, וכיו"ב.

די עצם שליחות וואס ער האט און די זאכן וואס ער וואלט אליין ניט געוואוסט אדער פארשטאנען — זאגט מען אים; אבער די זאכן וואס ער קען און דארף אליין פארשטיין — דארף מען עס אים ניט זאגן, ווייל דאס איז מובן ומוכרח מעצמו, אזוי ווי מ'האט ניט געדארפט זאגן אברהם'ען אז ער דארף נעמען א חמור און א מאכלת ואש ועצי עולה וכו', כנ"ל (ס"ג), נעמען דעם חומר גופו ונה"ב וכו'.

ועוד ועיקר: דאס וואס מ'זאגט אים ניט אלע פרטים בנוגע קיום השליחות — איז עס א זכות פאר עם, בכדי צו מזכה זיין אים אז ער זאל מקיים זיין די שליחות בכח עצמו.

ונוסף לזה: ס'איז מובן ופשוט, אז דער משלח גיט אים אלע כחות צו מצליח זיין אין זיין שליחות, און אויך צו מכוון זיין

46) מטות לב, ט.

47) שזהו תנאי בשליחות (רמב"ם הל' שלוחין ושותפין פ"ב ה"ב. טושו"ע חו"מ סקפ"ח ס"ב).

48) ל' הכתוב — יונה א, יב.

49) כתר שם טוב הוספות סקל"ג.

בנוגע די ענינים וועלכע ער דארף אליין מבחין זיין. און גלייך ווי ער (דער שליח) לייגט נאר צו זיין אצבע קטנה[50], איז ער מצליח און — ביז למעלה מן המשוער.

אזוי ווי ס'איז געווען ביי אברהם אבינו, אז לאחרי ווי ער האט גענומען זיין חמור און אלע צרכים צו קענען מקיים זיין ציווי ה', און האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, ביז אז ער איז אויך ניט נתפעל געווארן פון די נסיונות שבדרך — האט דער אויבערשטער אים געהאלפן און מצליח געווען, ווי עס שטייט אין מדרש[51], אז דער שטן "הלך ונעשה לפניהם (אברהם ויצחק) נהר גדול, מיד ירד אברהם לתוך המים . . כיון שהגיע עד חצי הנהר הגיע המים עד צווארו . . מיד נער הקב"ה את המעין ויבש הנהר ועמדו ביבשה".

ט. לאידך גיסא איז אויך פארשטאנדיק פון סיפור המרגלים, אז דאס וואס מ'לאזט איבער פאר דעם שכל השליח ("לדעתך") — איז עס נאר בנוגע צום אופן קיום השליחות. משא"כ בנוגע צו די עצם שליחות (צי ער זאל דאס מקיים זיין) — אין דעם האט ער קיין דיעה ניט:

וויבאלד אז דער משלח — משה רבינו שבדורנו — האט אים געזאגט אז אין דעם באשטייט זיין שליחות, דארף ער דאס מקיים זיין, און טאר אין דעם ניט אריינמישן זיין שכל, אז אפשר איז דאס צו שווער, "עז העם" וכיו"ב.

ולהוסיף א דבר המובן מעצמו, אז אויך בנוגע צו פרטי אופן קיום השליחות (וואס ער דארף אליין מבחין זיין) — דארף עס זיין מיוסד אויף די כללים פון תורה און פון דעם ציווי מיוחד פון דעם משלח. און בשעת ער שטייט על יסוד זה — דעמולט זיינען די אלע פרטים מתאים צו רצון המשלח.

און ס'איז זיכער, אז דער משלח זאגט אן א ציווי ברור, באופן אז מ'זאל דערפון קענען אליין וויסן ווי צו ארויסנעמען די פרטים שבזה ובאופן אז זיי זאלן זיין מתאים צו רצון המשלח. ווארום מ'האט דעם כלל אז איני מבקש כו' אלא לפי כחן[52].

י. ויה"ר אז אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[53], זאלן בקרוב ממש אריינגיין און כובש זיין ארץ ישראל, און בקרוב ממש בשלימות, אויך קיני קניזי וקדמוני[54], און דורך דעם — מוסיף זיין נאכמער אין קדושת ארץ ישראל (נוסף אויף דער קדושה וואס ארץ ישראל האט בכל זמן[55]).

און אין ארץ ישראל גופא (וועלכע איז "מקודשת מכל הארצות"[56]) — וועט מען נתעלה ווערן אין די אלע "עשר קדושות הן בארץ ישראל"[56]*, ביז אין

---

50) ראה שהש"ר וקה"ר בתחלתו.
51) תנחומא וירא כב.

52) במדב"ר פי"ב, ג.
53) בא י, ט.
54) ספרי ראה יב, כ. פרש"י שופטים יט, ח.
55) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך ארץ ישראל ס"ב. וש"נ.
56) שיעור היומי ברמב"ם — הל' ביהב"ח פ"ז הי"ג. וצ"ע הטעם (ע"פ נגלה*) שמחלק העשר קדושות בארץ ישראל מקדושת ארץ ישראל לגבי שאר הארצות. ולא כללם ביחד — ש"אחד עשר קדושות הן".

*) הטעם פנימי לזה י"ל — כי עשר הוא מספר השלם (פרדס שער ב), המורה על שלימות (כמו עשר ספירות, עשרה מאמרות כו').

ירושלים און אין ביהמ"ק השלישי,

און מ'וועט מקיים זיין מצות יראת המקדש, "ולא מן המקדש אתה ירא אלא ממי שצוה על יראתו"[57], ביז שלימות היראה[58],

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש, כן יהי רצון אמן[59].

57) רמב"ם הל' ביהב"ח רפ"ז.

58) ראה סידור אדה"ז הערה לתיקון חצות.

59) סיום וחותם הערה הנ"ל. — ומבואר במ"א ממשמעות הרמב"ם (הל' פרה אדומה ספ"ג) שזהו סיום בכ"מ שמדובר בגאולה השלימה (לקו"ש חוקת תשמ"ז).



משיחות ש"פ קרח, ג' תמוז ה'תשמ"ח

א. ג' תמוזי הוא היום שבו התחילה גאולת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (בשנת תרפ"ז) — כי, בו ביום יצא מבית האסורים (על מנת ללכת לעיר מקלט), ובהמשך ובסמיכות לזה באה גם שלימות הגאולה — בי"ב־י"ג תמוז[2].

והנה, כללות ענין הגאולה די"ב־י"ג תמוז, כולל גם התחלת הגאולה בג' תמוז — שייך לכאו"א מישראל:

נוסף לכך שכל עניניו (ועאכו"כ ענין עיקרי כהגאולה) של נשיא הדור שייכים לכל הדור, מכיון ש"הנשיא הוא הכל"[3] — הרי, כל ענין המאסר והגאולה הי' על עבודתו בהרבצת התורה לכלל ישראל, היינו, לא בתור איש פרטי, יחיד ומיוחד, כי אם, בתור מנהיג כלל ישראל.

וכפי שכותב בעל המאסר והגאולה במכתבו הידוע (לחגיגת י"ב תמוז הרא־שונה)[4] — "לא אותי בלבד גאל הקב"ה בי"ב תמוז, כי אם גם את כל מחבבי תורתנו הק', שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה", היינו, שזוהי גאולה דכלל ישראל, כל הסוגים דבנ"י, לא רק רוב בנ"י, אלא כל בנ"י ממש.

ו"הימים האלה נזכרים ונעשים"[5] — שבבוא ימי הגאולה (החל מג' תמוז) בכל שנה ושנה יש להתבונן בפרשת ימים אלה, ולקבל החלטות טובות להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בהרבצת התורה והמצוות, הפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה, שעי"ז ממהרים ומזרזים את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו[6].

ב. והנה, נוסף על הענין הכללי דימי הגאולה (שהתחלתם בג' תמוז), מסתבר לומר, שיש ענין ולימוד מיוחד גם מה־ענין הפרטי דג' תמוז — שהרי, כל ענין שבעולם הוא בהשגחה פרטית ויש בו לימוד והוראה בעבודת האדם לקונו[7], ועאכו"כ בנוגע לגאולה דנשיא הדור, שיש לימוד והוראה גם מפרטי הגאולה, ולכל לראש, מהתחלת הגאולה בג' תמוז.

ויתירה מזה: מכיון שבג' תמוז היתה התחלת[8] הגאולה גם די"ב־י"ג תמוז,

---

1) להעיר ממארז"ל (תענית כט, א. וש"נ) מגלגלין זכות ליום זכאי — שבג' תמוז אירע הנס ד"שמש בגבעון דום גו'" (סדר עולם רבה פי"א), שיש לו שייכות לתוכן הנס דהתחלת גאולה, כמשנ"ת בארוכה במק"א (לקו"ש ח"ד ע' 1315־6. ח"ח ע' 114 ואילך. שיחת ש"פ קרח ג' תמוז תשמ"ה).

2) פרשת המאסר והגאולה — ראה לקו"ד ח"ד תרי, א ואילך. ספר התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 105 ואילך.

3) פרש"י חוקת כא, כא. וראה רמב"ם הל' מלכים פ"ג ה"ו "לבו (של המלך) לב כל קהל ישראל".

4) אגרות־קודש שלו ח"ב ע' פ. וש"נ.

5) אסתר ט, כח. וראה רמ"ז בס' תיקון שובבים. הובא ונת' בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

6) להעיר, שכל עניני גאולה שייכים זל"ז — "כיון דשם גאולה עלה" (פרש"י מגילה יז, ב), ועאכו"כ בגאולת י"ב תמוז, שאינה גאולה פרטית, אלא גאולה כללית, עד לגאולה דכל בנ"י ממש, כנ"ל בפנים.

7) ראה בארוכה כש"ט הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

8) להעיר ש"כל ההתחלות קשות" (מכילתא

מסתבר לומר, שיש בה עילוי בענין מסויים גם לגבי הגאולה די״ב־י״ג תמוז[9].

ויובן בהקדם הביאור בתוכן פרשת השבוע — כפתגם הידוע[10] ש„צריכים לחיות („והחי יתן אל לבו״[11]) עם הזמן״, וכדברי השל״ה[12] ש„המועדים[13] של כל השנה . . (גם) מועדי דרבנן . . בכולם יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן״ — ובנדו״ד, שבכמה שנים קורין פ׳ קרח בשבוע שבו חל ג׳ תמוז, ועאכו״כ בקביעות שנה זו, שג׳ תמוז חל ביום הש״ק דפ׳ קרח, כדלקמן.

ג. בפ׳ קרח (כבכל פרשיות התורה) יש ריבוי ענינים, עד אין־סוף, אבל, כולם נרמזים בשמה של הפרשה[14] — „קרח״.

ומתעוררת שאלה פשוטה (גם אצל בן חמש למקרא):

היתכן שפרשה שלימה בתורה תקרא „קרח״, שמו של רשע, שלא עשה תשובה[15], היפך מ״ש[16] „ושם רשעים ירקב״, „דלא[17] מסקינן בשמייהו״?!

[ולהעיר, שאף שמצינו דוגמתו בפ׳ בלק[18] — הרי (נוסף לכך שאין זה מתרץ הקושיא בנוגע ל„קרח״) הקושיא בנוגע ל„קרח״ גדולה יותר מהקושיא בנוגע ל„בלק״, כמובן בפשטות (גם לבן חמש למקרא) שיהודי שנפל לדרגת רשע, רחמנא ליצלן, גרוע יותר (מבחינה מסויימת) מגוי רשע].

לכאורה, יש מקום לתרץ, שמחלוקת קרח על הכהונה הו״ע של ירידה צורך עלי׳, כמובן מהענין דמתנות כהונה שבהמשך הפרשה — „לפי שבא קרח וערער כנגד אהרן על הכהונה, בא הכתוב ונתן לו (לאהרן) כ״ד מתנות כהונה בברית מלח עולם״, שעי״ז ניתוסף תוקף בענין הכהונה, „הריני כותב וחותם לך ומעלה בערכאין״[19]; אבל זהו דוקא ע״י ביטול לגמרי דקרח „ויאבדו מתוך הקהל״[20] (דלא כבני קרח שעשו תשובה[21]), ולכן מסתבר לומר, שיש עילוי גם ב„קרח״, שלכן, נקראת הפרשה על שמו.

ד. והביאור בזה[22]:

מחלוקת קרח (ועדתו) היתה בגלל

ופרש״י יתרו יט, ה), מכיון שעי״ז נעשה פתיחת הענין כולו.

9) כמודגש גם בפרשת הגאולה כפשוטה — שהגאולה ממאסר בג׳ תמוז היא (בכמה פרטים) הצלה גדולה יותר מהגאולה מגלות דעיר המקלט בי״ב־י״ג תמוז.

10) „היום יום״ ב׳ חשון. סה״ש תש״ב ע׳ 29 ואילך.

11) קהלת ז, ב.

12) חלק תושב״כ ר״פ וישב (רצז, א).

13) להעיר מלשון כ״ק מו״ח אדמו״ר במכתבו (אגרות־קודש הנ״ל ע׳ תכ. ושי״נ): „במועד ימי הגאולה . . הנקבע . . כמועד המועדים״ — ע״ד מ״ש בנוגע לחג הגאולה י״ט כסלו: „חג החגים״ (מכתב הנעתק ב„היום יום״ בהקדמה. ובכ״מ).

14) ראה שעהיוה״א בתחלתו: „וזה שמו אשר יקרא לו בלשון הקדש כו׳״, היינו, שהשם מורה ומבטא תוכן הענין.

---

15) שרק בני קרח עשו תשובה (ראה סנהדרין קי, סע״א. תנחומא פרשתנו יא. זח״ג נו, ב. פרש״י פרשתנו טז, ז. פינחס כו, יא).

16) משלי י״ד, ז.

17) יומא לח, ב.

18) הביאור בנוגע לפ׳ בלק — ראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 166 ואילך.

19) פרש״י יח, ח.

20) טז, לג.

21) נסמן לעיל בהערה 15.

22) בהבא לקמן — ראה גם לקו״ש חי״ח ע׳ 186 ואילך.

רצונו להיות כהן גדול — "ובקשתם גם כהונה"[23], "מבקשים כהונה גדולה"[24], היינו, שרצה להיות בדרגא נעלית יותר, עד לאופן של הבדלה, משאר בנ"א, כדרגתו של כהן גדול שנאמר בו[25] "ויבדל גו' להקדישו קודש קדשים".

וענין זה — הרצון להיות בדרגא של כהן גדול — הוא בודאי דבר טוב, וכדברי משה רבינו "אף אני רוצה בכך"[24], שגם הוא רצה להיות בדרגא של כהן גדול (אלא, שבנוגע לפועל — "אין לנו אלא . . כהן גדול אחד"[24]).

ויומתק יותר מעלת קרח — ע"פ המבואר בלקו"ת דפרשתנו[26] (הפרשה החסידית) "שרש הענין במחלוקת קרח . . (ש)לעתיד יהיו הלוים כהנים . . ולכן רצה קרח לעשות (כן) גם עכשיו . . אך באמת שגה ברואה, כי הנהגה זו אי אפשר להיות כי אם אחר שלימות הבירורים . . משא"כ עכשיו היום לעשותם כו'".

ומזה תובן מעלת קרח, שרצה לפעול בזמן הזה העילוי דלעתיד לבוא[27].

ועפ"ז י"ל הטעם דקריאת הפרשה בשם "קרח" — להדגיש את הענין הטוב ד"קרח", הרצון להיות כהן גדול כו', שרצון זה הו"ע טוב, וי"ל שצריך להיות אצל כאו"א מישראל (אלא, שצ"ל זהירות וכו' באופן המשכת רצון זה בנוגע למעשה, כדלקמן ס"ו).

ה. ויש לומר, שענין זה מרומז גם ב"יינה של תורה"[28] שבפירוש רש"י[29] בהתחלת הפרשה — שיש לפרש ע"ד הרמז (גם) למעליותא:

א) "ויקח קרח" — "פרשה זו יפה נדרשת במדרש רבי תנחומא": עוד לפני שרש"י מתחיל לפרש פשוטו של מקרא, מקדים שישנו פירוש ב"מדרש (רבי תנחומא[30])" — דרוש שמגלה התוכן של "פרשה זו" באופן של טוב (אע"פ שע"ד הפשט, בגלוי ובחיצוניות, הרי זה דבר בלתי־רצוי וכו'), ולא עוד, אלא ש"יפה נדרשת" — לא רק טוב סתם, אלא גם באופן של יופי, "יפה נדרשת".

ב) "ויקח קרח" — "לקח את עצמו", עצם מציאותו, היינו, שלקח (גילה בפועל) עצם מציאותו, נשמתו, "לצד אחד"[31], כדי "להיות נחלק מתוך העדה . . ואתפלג . . להפליג משאר בני אדם", היינו, חלוקה והפלגה למעלה משאר בני האדם, דוגמת העילוי דכהן גדול שהוא מובדל מכל העם, "ויבדל גו' קודש קדשים".

---

23) טז, י"ד.

24) פרש"י שם, ו.

25) דה"א כג, יג.

26) נד, ב ואילך.

27) ועפ"ז מובן החילוק בין טעותו של קרח לטעותם של המרגלים: המרגלים — אף שהיתה אצלם כוונה טובה, להשאר במדבר, במעלת הרוחניות כו', ולא להכנס לארץ שבו יצטרכו לעסוק בענינים גשמיים, הרי, "טעו בזה טעות גדול", כיון ש"העיקר הוא לעשותם בארץ דוקא", דירה בתחתונים דוקא (ראה לקו"ת שלח לז, ב ואילך), כלומר, טעות המרגלים היא בשיטתם; משא"כ קרח — שיטתו כשלעצמה אינה טעות, ואדרבה, זוהי השלימות דלעתיד לבוא, והטעות אינה אלא שעדיין לא הגיע הזמן לשלימות זו.

28) "היום יום" כ"ט שבט.

29) הביאור ע"ד הפשט — נתבאר בארוכה בשיחת ש"פ קרח תשכ"ה.

30) מלשון נחמה, שתוכנה — שאפילו בדבר בלתי־רצוי מוצאים הענין הטוב שבו.

31) כן הוא — "לצד אחד" (ולא "לצד אחר") — בדפוס שני, ברוב הדפוסים ובכמה כת"י שלפנינו.

ג) בפירוש השני, „ד"א ויקח קרח . . כמו שנאמר קח[32] את אהרן, קחו[33] עמכם דברים" — קיחה בשביל עניני קדושה, ענין הכהונה („קח את אהרן") וענין התשובה („קחו עמכם דברים ושובו אל ה'").

ד) נוסף על המפורש בקרא מעלת יחוסו, „קרח בן יצהר בן קהת בן לוי"[34] — מוסיף רש"י גם יחוסו ליעקב[35], „והיכן נזכר שמו (של יעקב) על קרח, בהתייחסם על הדוכן בדברי הימים, שנאמר[36] אביאסף בן קרח בן יצהר בן קהת בן לוי בן ישראל" (ולא רק „בן יעקב", אלא „בן ישראל", שם המעלה).

ה) „הלבישן טליתות שכולן תכלת", היינו, שהיו במעמד ומצב ד„טליתות שכולן תכלת" — „תכלת (ש)דומה לרקיע (וכסא הכבוד)"[37], המורה על גודל מעלתם הרוחנית.

ו) „כולם קדושים"[38], „כולם שמעו דברים בסיני מפי הגבורה . . לא הי' לך לברר לאחיך כהונה, לא אתם לבדכם שמעתם בסיני אנכי ה' אלקיך, כל העדה שמעו"[39] — היינו, שמצד הענין דמתן תורה (בסיני) ראויים כל ישראל לכהונה גדולה, מכיון שבמתן תורה נעשו כל ישראל „ממלכת כהנים"[40], „כהנים גדולים"[41].

ו. ויש להוסיף, שבקריאת הפרשה בשם „קרח" מרומז (לא רק הענין הטוב ד„קרח"[42], הרצון להיות בדרגת כה"ג, אלא) גם השלילה והזהירות באופן גילוי והמשכת הרצון בנוגע למעשה (שבזה נכשל קרח) — ענין המרומז בג' האותיות ק' ר' ח'[43]:

הענין המשותף בצורת האותיות[44] (שצורתן נשתלשלה משרשן ותוכנן

32) חוקת כ, כה.

33) הושע יד, ג.

34) שמצד זה ראוי הוא לענינים נעלים כו', ובפרט מצד ענינו של „לוי" — „ילוה אישי אלי" (ויצא כט, לד), המורה על ענין ההתחברות עם הקב"ה (ראה תו"א ר"פ ויחי. לקו"ת ר"פ שמיני. ובכ"מ).

35) דאף שהכתוב „לא הזכיר בן יעקב, שבקש רחמים על עצמו שלא יזכר שמו על מחלוקתם כו'", אין זה מבטל, ח"ו, יחוסו ליעקב, והכתוב עצמו מייחסו ליעקב בענין עיקרי, בהתייחסם על הדוכן. ויתירה מזה — שרש"י מזכיר היחוס ליעקב גם כאן!

36) דברי הימים-א ו, כב-כג.

37) פרש"י ס"פ שלח. ומקורו במנחות מג, ב. ושי"נ.

38) טז, ג.

39) פרש"י עה"פ.

40) יתרו יט, ו.

41) בעה"ט עה"פ.

42) וי"ל שגם בשם „קרח" — מלשון „קרחה" — מרומז ענין טוב: (א) „קרחה" רומז על פילוג למעליותא (כנ"ל בפי' „ואתפלג"). (ב) „קרחה", שלילת שערות וצמצומים, היינו, שרצה שלא תהי' השפעה מצומצמת ע"י שערות, אלא שיומשך מבחי' המקיף שלמעלה כו' (לקו"ת פרשתנו נד, ב. ובכ"מ. וראה ד"ה ויקח קרח שנאמר בהתוועדות).

43) בהבא לקמן — ראה גם לקו"ש ח"ח ס"ע 107 ואילך.

44) להעיר מהידוע אודות דרך הלימוד דאל"ף-בי"ת, להסביר לילדים התוכן הפנימי דצורת האותיות (ראה „היום יום" ח' אדר א'. לקו"ד ח"ד תרמא, א), ולדוגמא: אות בי"ת — התחלת התורה — „שהעולם דומה לב' שהוא מסובב משלש רוחותיו ורוח צפונית אינה מסובבת" (מדרש הנעלם לשה"ש בזהר חדש בתחלתו. רבותינו בעה"ת ר"פ בראשית. ועוד), כדי לרמז שעבודתו של יהודי לסבב רוח הצפונית, שעי"ז נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית; אות יו"ד — כלשון הרגיל שקורין ליהודי „א יוד", שצורתה נקודה בלבד, „די פינטעלע איד", ומספרה רומז לעשרת הדברות. וכיו"ב בשאר האותיות.

הפנימי[45]) ק' ר' ח' — **שלשתן דומות לצורת אות ה"א, אלא, שיש בהן שינוי בנוגע לרגל** השמאלי: **באות** קו"ף — **רגל השמאלי יורד למטה מן השורה, באות** רי"ש — **חסר רגל השמאלי**[46], **ובאות** חי"ת — **רגל השמאלי מחובר למעלה.**

וי"ל ביאור הענין:

אות ה"א שייכת ובה נברא עוה"ז — כמארז"ל[47] "בה"א נברא העולם הזה". ותמונתה בג' קוין — קו למעלה וקו מימין המורים על מחשבה ודיבור, וקו משמאל, שנפסק ואינו מחובר למעלה, מורה על המעשה, כמו שיש הפסק בין המחשבה ודיבור ובין המעשה[48]. כלומר, העבודה בעוה"ז — שבשביל זה נבראו גם העולמות העליונים[49] (עוה"ב שנברא ביו"ד[47]) — צריכה להיות באופן דציור דאות ה"א, היינו, שלא מספיקה עבודה רוחנית במחשבה, וגם לא די בעבודה בדיבור, אלא צ"ל הירידה במעשה (השלילה דאות רי"ש), **ובזה גופא — שאינו יורד למטה מקו הימין** (השלילה דאות קו"ף), **כיון שהמעשה צ"ל חדור ומונהג ע"פ המחשבה והדיבור, ולאידך, שאינו מחובר לקו העליון והימין אלא יש הפסק ביניהם** (השלילה דאות חי"ת), **כיון שמרגיש שע"י הירידה לעולם המעשה, עוה"ז שמעשיו קשים**[50], **ה"ה בהפסק מקו העליון והימין, וזה מעוררו ויש לו תשוקה כו' — עבודת התשובה.**

ובזה היתה טעותו של קרח — **שרצה לעשות שינוי ברגל השמאלי דאות ה"א, ענין המעשה, כאמור, שהרצון שלו** (להיות כהן גדול) **הי' כדבעי, אלא שה־מעשה בפועל הי' באופן בלתי־רצוי, לא בציור דאות ה"א, כי אם בשינוי, אות ק', אות ר' ואות ח' — "קרח"[51].**

וההוראה מזה בעבודת האדם — שצריך ללמוד ממעלת קרח, בנוגע לה־רצון, **שירצה ויחפוץ להיות בדרגת הקדושה דכהן גדול, אבל, העבודה צ"ל בציור דאות ה"א דוקא** (ולא בציור האותיות ק' ר' ח'), **היינו, שביחד עם הרצון והתשוקה לעלות למעלה, עליו לדעת שצ"ל הירידה בעולם המעשה דתורה ומצוות** (ואדרבה — "המעשה הוא העיקר"[52]), **ובאופן שאינו יורד למטה מן השורה, השורה דדין תורה, ולאידך, באופן של הפסק מהקו העליון, כנ"ל.**

---

45) ראה שעהיוה"א פי"ב (בהגהה) ש"כל אות ואות מכ"ב אותיות התורה היא המשכת חיות וכח מיוחד פרטי . . לכך גם תמונתן בכתב כל אות היא בתמונה מיוחדת פרטית המורה על ציור ההמשכה כו'". וראה ספר הערכים חב"ד ב"מבוא" לערך אותיות (צורתן).

46) שינוי עיקרי הבולט, משא"כ השינוי לגבי אות דל"ת, שיש לה "הוספה" למעלה בצד ימין — אינו אלא תג (שו"ע אדה"ז חאו"ח סל"ו) והיא למעלה ובקרן זוית.

47) מנחות כט, ב.

48) תו"א מג"א צה, סע"ב. לקו"ת ר"פ בלק. ובכ"מ.

49) שהרי, "תכלית השתלשלות העולמות וירידתם ממדרגה למדרגה אינו בשביל עולמות העליונים הואיל ולהם ירידה מאור פניו ית', אלא התכלית הוא עוה"ז התחתון, מכיון שנתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים" (תניא פל"ו).

50) תניא ספ"ו.

51) ובפרסיות — אות קו"ף — המחלוקת על חיוב ציצית בטלית שכולה תכלת, אות רי"ש — המחלוקת על חיוב מזוזה בבית מלא ספרים, ואות חי"ת — המחלוקת על כהונת אהרן (נתבאר בלקו"ש ח"ח ע' 110 ואילך).

52) אבות פ"א מי"ז.

ז. ומכאן למדים הוראה נפלאה בנוגע לעבודה דהרבצת התורה — תוכן ימי הגאולה (שהתחלתם בג' תמוז), „גאולת ישראל העוסקים בהרבצת תורה"[51]:

כאשר פוגשים יהודי שבגלוי וב־חיצוניות נראה במעמד ומצב בלתי־רצוי, דוגמת מצבו של קרח בפשטות הכתובים, יכול מישהו לחשוב: מה לו וליהודי שמקומו ב„שאול", רחמנא ליצלן?!...

על זה בא המענה בפרשת השבוע — פרשה בתורה ששמה „קרח", שבה מוד־גשת מעלתו של קרח:

„פרשה זו יפה נדרשת", כלומר, יהודי זה שפגש אומר לו „דרשני" — לדרוש ולמצוא את הנקודה הטובה והיפה שבו („יפה נדרשת").

יש לדעת ולזכור יפה שכל יהודי, באיזה מעמד ומצב שיהי', אפילו מעמד ומצב ד„קרח" לגריעותא — ה"ה מתייחס ליעקב, ועד — שהוא „בן ישראל" („אע"פ שחטא ישראל הוא"[53], „ישראל" דייקא, שם המעלה), ובלשון בעל המאסר והגאולה[52]: „כל איש ישראל (כולל גם „את אשר בשם ישראל יכונה", היינו, את אשר נדמה לו שהשם ישראל (בנוגע לעצמו) אינו אלא כינוי[54]), מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצוות, לבו תמים עם ה' ותורתו".

ולכן, בכחו וביכלתו „ליקח את עצמו", היינו, לגלות את עצמותו ומהותו, ו„להיות נחלק מתוך העדה . . ואתפלג נחלק משאר העדה", למעליותא, היינו להתעלות לדרגת הקדושה דכהן גדול, „כמו שנאמר קח את אהרן, קחו עמכם דברים".

ח. ליתר ביאור:

הפעולה דהרבצת התורה בנוגע ליהודי אשר בשם ישראל יכונה — יכולה להיות ע"י הידיעה שסופו לעשות תשובה, כי לא ידח ממנו נדח[55]:

אבל, החידוש דפרשת קרח — ש„קרח" הוא פרשה בתורה — הוא, שה־פעולה עם יהודי אשר בשם ישראל יכונה צריכה להיות (לא רק בגלל שיעשה תשובה בעתיד, אלא) בגלל מצבו בהוה, היינו, שגם במצב ההוה רואים את הטוב והיפה שבו („יפה נדרשת"), להיותו „בן ישראל", ש„לבו תמים עם ד' ותורתו".

ובעומק יותר:

יש להסתכל על יהודי ש„בשם ישראל יכונה" לא רק בזה שירידתו למצב זה היא צורך עלי', כדי שיוכל לבוא אח"כ למעלת התשובה (עי"ז ש„יקח את עצמו"), אלא יתירה מזה — שהמצב ד„בשם ישראל יכונה" גופא הוא התחלת

53) סנהדרין מד, רע"א.

54) להעיר, ש„כנוי" בגימטריא „אלקים" (תקו"ז בהקדמה (טו, סע"א). ועוד. וראה גם לקוטי לוי"צ לזח"ב ע' קנח. ועוד), כלומר, מחד גיסא — שייכותו אפילו לשם אלקים (שלמטה משם הוי') אינה אלא באופן של גימטריא, מצד „מיעוט האור והחיות מיעוט אחר מיעוט עד שלא נשאר ממנו אלא בחי' אחרונה שהוא בחי' החשבון ומספר כו'" (שעהיוה"א ספ"ז), אבל לאידך גיסא — ה"ה שייך לשם אלקים, משבעה השמות שאינם נמחקים, ולא עוד, אלא, שעי"ז יש לו שייכות גם לשם הוי' — „שמש ומגן הוי' אלקים". ועד"ז בנדו"ד — שגם יהודי אשר בשם ישראל יכונה, יש בו העצם כו'.

55) ע"פ שמואל־ב יד, יד. וראה תניא ספל"ט. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד סה"ג.

העלי', ש"לקח את עצמו להיות נחלק מתוך העדה . . ואתפלג . . להפליגך משאר בני אדם", היינו, התחלת העלי' לדרגת בעלי תשובה המובדלת משאר בני אדם — "מקום שבעלי תשובה עומדין צדיקים גמורים אינם עומדין"[56], ועד ש"אין . . יכולין לעמוד בו"[57].

אלא, שצריך להשפיע ועד — לפעול עליו שענין זה יומשך בעבודת התשובה בפועל, היינו, שלא ישאר ברצונו הפנימי בלבד, אלא יתגלה גם במעשה (רגל השמאלי): או בקצה השני, שלא יפליג לגמרי משאר בני אדם להשאר במעלת הרוחניות בלבד, "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה"[58], דוגמת התשובה דר"א בן דורדיא[59] ש"געה בבכי' עד שיצתה נשמתו"[60], כי אם, שעבודתו תהי' גם (ואדרבה — בעיקר) באופן של ירידה והמשכה למטה במעשה (רגל השמאלי), נשמה בגוף בעוה"ז הגשמי[61] (ובלשון הקבלה והחסידות — אורות דתוהו בכלים דתיקון): ובזה גופא — שהמעשה (רגל השמאלי) יהי' בציור דאות ה"א[62], ולא בציור דאות קו"ף או חי"ת, כנ"ל.

ט. עפ"ז יש לבאר גם הקשר והשייכות לג' תמוז — שבו מודגש (לא רק שהירידה היא צורך עלי', אלא יתירה מזה) שהירידה עצמה היא התחלת העלי':

בעת היציאה מבית האסורים בג' תמוז דשנה ההיא, לא ידעו עדיין שזוהי התחלת הגאולה, מכיון שהיציאה מבית האסורים היתה (לא לחפשי, אלא) לגלות, ובלשונו של בעל המאסר והגאולה: בו ביום (ג' תמוז) הוכרחתי לצאת בגולה[63] אל עיר מקלטי כו'.

וכמודגש גם בשיחתו הידועה לפני נסיעתו לעיר מקלטו[64]: נושאים אנו תפלה להשי"ת, יהי[65] ה' אלקינו עמנו . . לא מרצוננו גלינו וכו', היינו, שיש צורך בתפלה ובקשה נוספת מצד חומרת המצב כו'.

אמנם, לאחרי הגאולה בי"ב־י"ג תמוז איגלאי מילתא למפרע שהיציאה מבית האסורים בג' תמוז היא התחלת הגאולה.

---

56) ברכות לד, ב.

57) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

58) קהלת ז, יב.

59) וי"ל, שראב"ד פתח הצינור לכאו"א מישראל (ובפרט בזמן הגלות שעיקר העבודה היא בענין התשובה) שיוכל להיות אצלו דרגת התשובה דראב"ד, ויתירה מזה (שהרי לאחרי שראב"ד הגיע לדרגא זו, אין זה דבר חידוש, אלא צ"ל באופן נעלה יותר) — נשמה בגוף דוקא, אורות בכלים, כבפנים.

60) ע"ז יז, סע"א.

61) וי"ל, שענין זה מרומז בפסוק "קחו עמכם דברים" — כמבואר בדרושי חסידות (לקו"ת דברים דרושי ש"ש סה, א) ש"דברים הם התורה והמצוות כו'", היינו, שהתשובה ("שובה ישראל גו' קחו עמכם דברים ושובו אל ה'") צ"ל באופן שנמשכת בעניני התומ"צ שנתלבשו בדברים גשמיים דוקא.

ועפ"ז יומתק שרש"י אינו מסתפק בפסוק "קח את אהרן", אלא מוסיף גם הפסוק "קחו עמכם דברים" (אף שמביא ראי' על קיחה בדברים, ולא על קיחת הדברים עצמם) — כי, ב"קחו עמכם דברים" מודגשת הן תנועת ההעלאה שבתשובה בעילוי יותר מתנועת ההעלאה ד"קח את אהרן", והן לאידך גיסא, שאין להשאר בתנועת ההעלאה, אלא צ"ל ההמשכה למטה בעניני התומ"צ.

62) להעיר מהשייכות דאות ה"א לענין התשובה — "תליא כרעי' (השמאלי) דאי הדר בתשובה מעיילי לי'" (מנחות כט, ב).

63) להעיר דגלות — "שקול כמעט כצער מיתה" (חינוך מצוה תי).

64) לקו"ד ח"ד תרצא, ב ואילך. ועוד.

65) מלכים־א ח, נז.

ומזה מובן העילוי המיוחד דג' תמוז בזה גם לגבי י"ב־י"ג תמוז — שרואים בגלוי שענין של גלות („הוכרחתי לצאת בגולה") הוא באמת התחלה של גאולה.

כלומר: בימי הגאולה י"ב־י"ג תמוז נתגלה שהמאסר (והגלות) הוא באופן של ירידה צורך עלי' (ככל המועדים הקשורים עם הצלה וגאולה), היינו, שנתברר שכוונת ירידת המאסר, היא, שעי"ז יתוסף (לאח"ז) עילוי גדול יותר (כבנדו"ד, שכתוצאה מהמאסר והגאולה ניתוסף בהרבצת התורה והיהדות בכל קצוי תבל וביתר שאת וביתר עוז[66]), אבל, ירידת הגלות כשלעצמה היא בודאי מצב בלתי־רצוי; משא"כ בג' תמוז — הרי, ההליכה לגלות היא (לא רק לצורך גאולה, אלא היא עצמה) התחלה של גאולה.

וזהו הקשר לפ' קרח — ש„קרח" עצמו הוא (לא רק לצורך עלי', אלא, הוא עצמו) ענין נעלה (מצד הרצון כו'), פרשה בתורה ופרשה ש„יפה נדרשת".

ודוגמתו בעבודה דהרבצת התורה („חג גאולת ישראל העוסקים בהרבצת תורה") — שהגישה להשפיע ולפעול על הזולת (גם על אשר בשם ישראל יכונה) היא לא (רק) מפני שיודעים שירידתו היא צורך עלי' (לאחרי עבודת התשובה), אלא שמוצאים ומגלים את הטוב והיפה שבמצבו ההוה, ועד להכרה שירידתו היא התחלת העלי' „להפליגך משאר בני אדם", כנ"ל.

י. וענין זה מודגש ביותר בג' תמוז שחל ב(שבת)פ' קרח:

ג' תמוז שחל ב(שבת)פ' קרח, מלמד ונותן כח לעבודה דהרבצת התורה תוך כדי הכרת מעלתו של הזולת, למצוא ולגלות את הטוב והיפה שבו, שעי"ז נקל יותר לפעול בו ש„יקח את עצמו . . להפליג משאר בני אדם", „כמו קח את אהרן, קחו עמכם דברים", היינו, העלי' לדרגת הקדושה דכהן גדול, וביחד עם זה, שאינו נשאר במעלת הרוחניות בלבד, אלא יורד ונמשך גם במעשה („קחו עמכם דברים"), ובאופן הרצוי, כציור אות ה"א דוקא, כנ"ל.

ולהעיר, שחיבור ב' הקצוות הנ"ל — תנועת התשובה באופן של הפלגה משאר בני אדם, ביחד עם הירידה בעניני מעשה — מודגשת גם ביום השבת (שבת פ' קרח, וג' תמוז שחל בשבת), כי:

שבת ענינו תשובה — „שבת אותיות תשב", תשובה עילאה[67], „והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", היינו, תנועה של הפלגה למעלה כו'.

וביחד עם זה, העילוי ד„המענג את השבת"[68] (למעלה מקדושת השבת ש„מקדשא וקיימא" מצ"ע[69]) נעשה ע"י „עונג אכילה ושתי'", בשר ויין, „תבשיל שמן ביותר ומשקה מבושם"[70], תענוג מדברים גשמיים (וחומריים, לכאורה), שגם לאינם־יהודים יש חוש ותענוג בהם —

להדגיש, שתכלית הכוונה היא (לא להשאר בתנועה של הפלגה למעלה,

---

66) ומרומז גם בזמן התחלת המאסר — ט"ו סיון — שבו קיימא סיהרא באשלמותא, ובמיוחד השלימות ד„ירחא תליתאי", החודש דמתן תורה.

67) אגה"ת ספ"י.

68) שבת קיח, סע"א.

69) ביצה יז, א.

70) רמב"ם הל' שבת פ"ל ה"ז. טושו"ע ואדה"ז או"ח ר"ס רמב.

אלא) לברר ולזכך החומריות[71] דגוף ונה"ב וחלקו בעולם, עד שלא ישאר כי אם התוקף שניתוסף בקדושה, ע"ד המבואר בענין „משכני אחריך נרוצה"[72] (ל' רבים), שע"י בירור נה"ב ניתוסף התוקף והמרוצה בעניני קדושה.

יא. ויש להוסיף, שג' תמוז — שבו מודגש שירידת הגלות היא התחלת העלי' — פועל גם בנוגע לכללות ענין הגלות[73]:

נתבאר במק"א[74] די"ל הטעם הפנימי דקביעת חג הגאולה בחודש הרביעי, ולפני „צום הרביעי" — כיון שבדורנו זה, דור האחרון של הגלות ודור הראשון של הגאולה, מתחילה כבר ה„טעימה" וה„התנוצצות" מעין הגאולה העתידה, כולל גם שיוכלו להרגיש ולטעום הפנימיות ד„צום הרביעי" (התחלת „בין המצרים", כללות ענין החורבן והגלות) — „ששון ושמחה" (כפי שיהי' בגילוי לעתיד לבוא), היינו, לא זו בלבד שהצום (חורבן וגלות) הוא בשביל ששון ושמחה (הגאולה), אלא יתירה מזה, שהצום גופא, בפנימיותו, הו"ע של ששון ושמחה (התגלות פנימיות האהבה, „כמשל מלך גדול ונורא הרוחץ בכבודו ובעצמו צואת בנו יחידו מרוב אהבתו"[75]), ולכן, נתגלה בדורנו זה שבחודש הרביעי ישנו חג הגאולה, ועוד לפני „צום הרביעי" — נתינת כח לגלות הפנימיות ד„צום הרביעי", ש„יהי' לששון ולשמחה ול־מועדים טובים"[76].

וענין זה מודגש ביותר בג"[77] תמוז — שבו רואים בגלוי שההליכה לגלות היא עצמה (ה"ה לא רק צורך עלי', אלא) התחלה של גאולה, כנ"ל.

יב. המורם מכל האמור לעיל בנוגע למעשה בפועל — המעשה הוא העיקר:

בעמדנו ביום הש"ק ג' תמוז, יש לעורר — „מפקחין על צרכי ציבור בשבת"[78] — ע"ד ההכנות המתאימות לימי הגאולה י"ב־י"ג תמוז, בימים שלפנ"ז החל מג' תמוז, והימים שלאחריו, ובפרט ימי הקריאה (וימי הכניסה[79]), ועאכו"כ ביום השבת, וב־

---

71) להעיר גם מתורת הבעש"ט על הפסוק „כי תראה חמור שונאך גו' עזוב תעזוב עמו" („היום יום" כ"ח שבט. כש"ט הוספות סט"ז. וש"נ).

72) שה"ש א, ד. וראה לקו"ת ויקרא ב, ד. ראה יט, ג. ובכ"מ.

73) נוסף על הפעולה בנוגע לגלות הפרטי — שהירידה לגלות ד„בשם ישראל יכונה" (נוסף על הגלות דכללות ירידת הנשמה בגוף) היא (לאמיתתו של דבר) התחלת העלי'.

74) לקו"ש ח"ח ע' 308 ואילך.

75) אגה"ק סכ"ב (קלד, סע"ב).

76) זכרי' ח, יט. וראה רמב"ם הל' תעניות בסופן.

77) יום השלישי בחודש, וי"ל דשייך להעילוי ד„שלישי"* ש„הוכפל בו כי טוב", הדגשת הענין ד(יום)טוב. ולהעיר, שגם י"ז תמוז (שקביעותו בימי השבוע באותו יום שבו חל ג' תמוז**) בגימטריא טוב, היינו, שה„טוב" דג' תמוז מגלה את ה„טוב" די"ז תמוז. וענין זה מודגש ביותר בקביעות שנה זו — ביום השבת, שהתענית נדחה, וכפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר (סה"ש הש"ת ע' 157): הלואי שידחה באמת ויהפך לששון ולשמחה.

78) ראה שבת קנ, א. רמב"ם הל' שבת פכ"ד ה"ה. טושו"ע (ואדה"ז) או"ח סשו"ס (סי"ב).

79) מגילה בתחלתה.

---

*) נוסף על הרמז ל„אוריאן תליתאי . . בירחא תליתאי", ע"ד האמור לעיל (הערה 66) בנוגע למאסר בט"ו סיון.

**) וביום זה חל גם תשעה באב, וכן יום א' דפסח — ראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 313 ואילך ובהערה 55.

לשונו של בעל המאסר והגאולה[79]: „לקובעו ליום התוועדות והתעוררות לחיזוק התורה והיהדות בכל אתר ואתר לפי ענינו".

ולהדגיש גם הלימוד וההוראה הנ"ל — שהפעולה בחיזוק התורה והיהדות תהי' מתוך הכרת מעלתו של הזולת, גם של זה אשר בשם ישראל יכונה, במצבו ההוה, עד כדי כך, שירידתו היא התחלת העלי', כנ"ל בארוכה.

יג. ועוד ענין עיקרי בזה — הדגשת חובתו (וזכותו) של כאו"א לעסוק בחיזוק התורה והיהדות:

יכול מישהו לטעון שחפצו ורצונו „להפליג משאר בני אדם" ולעסוק אך ורק בענינים רוחניים בלבד, **לימוד התורה, נגלה דתורה ונסתר דתורה, להיות „טלית שכולה תכלת", לסגף גופו בתעניות, „שיהא חלבי ודמי שנתמעט כאילו הקרבתיו לפניך"[80] וכו': אבל, מה לו — טוען הוא (ולפעמים ברוגזא גדולה) — וליהודים שנמצאים בדרגא תחתונה, „בשם ישראל יכונה", יהודי שנראה במצב של „קרח"?!**

והמענה לזה — מפ' קרח גופא: השלילה **בתוקף ד„קרח" באה ללמדנו שהעבודה צריכה להיות בציור דאות ה"א, היינו, לא להשאר בעולם המחשבה והדיבור, אלא לירד למטה (רגל השמאלי) לעולם המעשה, ואדרבה, המעשה הוא העיקר; ולאידך,** הטוב **ד„קרח" בא ללמדנו שיש למצוא את הטוב והיפה שבכאו"א מישראל. ולכן צריך לירד ממעלתו הרוחנית עד למקום ה„חוצה" כדי לעסוק עם יהודי אשר בשם ישראל יכונה[81].**

ולאמיתתו של דבר, אין זו ירידה בשבילו, אלא אדרבה, זוהי העלי' **שלו, מכיון שעי"ז ממלא תכלית הכוונה דירידת הנשמה למטה, שכן, כדי להיות בתנועה של עלי' והפלגה בענינים רוחניים לא הוצרך לירד לעוה"ז, כי מצב זה הי' גם (ואדרבה — בשלימות נעלית יותר) בהיות הנשמה למעלה, אלא, כוונת הירידה למטה היא כדי לפעול בירור המטה.**

וכדאיתא בגמרא[82] „בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה (ואח"כ) **קבעת עתים לתורה"[83],** כלומר, השאלה הראשונה **ששואלים לאחרי ק"כ שנה, היא (לא בנוגע ללימוד התורה, אלא)** „נשאת ונתת באמונה": **האם המשא ומתן שלך, שבשבילם ירדה נשמתך למטה — בירור המטה, ע"י הפצת התורה והיהדות בכל מקום — הי' באופן ד„נשאת ונתת באמונה", בכל התוקף והשלימות, כולל גם מלשון אומנות[84]!**

---

80) ברכות יז, א.

81) ויתירה מזה — שיש ללמוד ממנו, כהוראת המשנה ברפ"ד דאבות (שלומדים בשבת זו) „איזהו חכם הלומד מכל אדם".

ולהעיר, שמאמר זה נאמר ע"י „בן זומא" — שכניסתו לפרדס היתה באופן של עלי' וכניסה בלבד (דלא כר"ע שנכנס בשלום ויצא בשלום), ולכן, מדגיש כאן שצ"ל גם הירידה והיציאה למטה, לראות מעלתו של „כל אדם", אדם אתם, היהודי שנמצא למטה, וללמוד ממנו.

82) שבת לא, א.

83) ומה שאמרו „אין תחלת דינו של אדם אלא על דברי תורה" (קידושין מ, ב. סנהדרין ז, א) — הרי זה בנוגע להתחלת העונש והדין, אבל (בנוגע הדו"ח שכאו"א עתיד ליתן ה)שאלה, שואלים תחלה על משא ומתן באמונה ואח"כ שואלים על קביעת עתים לתורה (תוס' שם).

84) תניא ספמ"ב.

יד. ובפרטיות יותר — בנוגע לדורנו זה:

כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — בעל המאסר והגאולה — הטיל על כאו"א את התפקיד והשליחות לעסוק בהפצת התורה והיהדות.

נשיא דורנו אומר שעבודתו של כאו"א צריכה להיות בדוגמת עבודת שבט לוי, כלשון הכתוב בפרשתנו "ואני הנה לקחתי את אחיכם הלוים . . נתונים להוי'"[85], "אני חלקך ונחלתך"[86], ובלשון הרמב"ם[87] ש"הובדל לעבוד את ה' לשרתו ולהורות דרכיו הישרים ומשפטיו הצדיקים לרבים, שנאמר[88] יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל", ומסיים[89], "לא שבט לוי בלבד, אלא כל איש ואיש כו' הרי זה נתקדש קודש קדשים, ויהי' ה' חלקו ונחלתו לעולם ולעולמי עולמים . . ה'[90] מנת חלקי וכוסי אתה תומיך גורלי"[91].

והוסיף לפרש ולבאר בנוגע לפרטי העבודה — החל מלימוד אל"ף בי"ת עם תינוקות, הן כפשוטו, חינוך הקטנים[92], והן אל"ף בי"ת של יהדות לקטנים בידיעות, בתוככי כל שאר הפעולות דחיזוק התורה והיהדות בכל מקום ומקום לפי ענינו.

ולכן, אף אחד אינו יכול להשתמט ח"ו משליחות זו ולומר האמתלא ששליחותו בענין אחר, ואפילו לא להתנהג כמו "בן יחיד מפונק" באמרו שאינו יודע מה וכיצד עליו לפעול וכו'"[93] — מכיון שנשיא דורנו אמר בפירוש ששליחותו של כאו"א היא לעסוק בהפצת התורה והיהדות, ופירש גם דרכי ואופני הפעולה כו', ובמילא, אין הדבר תלוי ברצוננו לבחור לו איזו שליחות שרוצה, אלא, צריך לקיים השליחות שהוטלה עליו, אפילו אם הדבר הוא בניגוד לרצוננו שבגלוי, ובלשון המשנה בסיום וחותם פרק רביעי דאבות שלומדים בשבת זו — "על כרחך אתה חי", היינו, שגם אם הדבר הוא "על כרחך", מ"מ, "אתה חי", צריך אתה לחיות בזה (באופן ד"החי יתן אל לבו").

וכאשר עוסק בענינים אחרים, אפילו ענינים הכי נעלים — שואלים אצלו "נשאת ונתת באמונה":

עסקת אמנם בענינים הכי נעלים, ובשכר זה תקבל ש"י עולמות וכו' וכו', אבל, השאלה (ויתירה מזה — השאלה הראשונה) היא, מה עם המשא ומתן בענין העיקרי, שבשביל זה "הניח הקב"ה את העליונים ואת התחתונים"[94] והתעסק ומתעסק בכל יום ליתן בך הנשמה ומשמרה בקרבך בעולם הזה; היכן הם "הילדים" שלמדת עמהם אל"ף בי"ת (דיהדות), היכן הם היהודים שקרבת ליהדות?!...

ובפרט בהתחשב עם המצב המבהיל בימינו אלו שהוא בדומה לפיקוח נפשות

---

85) יח, ו.
86) שם, כ.
87) הל' שמיטה ויובל פי"ג הי"ב.
88) ברכה לג, י"ד.
89) הלכה יג.
90) תהלים טז, ה.
91) "הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך" (פרש"י ס"פ נצבים).
92) כידוע בפרשת המאסר והגאולה שעיקר המס"נ היתה על העבודה בחינוך הקטנים והנוער כו'.

93) ראה גם לעיל ע' 496־7.
94) ל' אדה"ז בתניא פמ"ו (סה, ב). וראה גם שם רפמ"א.

ממש, שמסתובבים מאות אלפי "ילדי" ישראל ללא ידיעה באל"ף בי"ת של יהדות (כולל — בארץ הקודש, שאף שישנם מפלגות דתיות וכו', עיקר הנשאת ונתת שלהם, באמונה — אינם בחינוך הנוער ליהדות), כמדובר כמ"פ בהתוועדויות האחרונות[95], ופשוט, שאין די במחשבה ודיבור, עריכת אסיפות וקבלת החלטות טובות ואפילו לא במצב ד"מתניכם חגורים"[96], אלא, צריך ומוכרח וחיוני הוא כנ"ל, ללכת בפועל ולפעול במעשה בפועל, ובלשון הידוע[97] "טאפּארו דאָ פלאָחו" (להפעיל הגרזן בהבול־עץ, לעשותו כלי).

טו. ובכל זה ניתוסף הציווי וההוראה, ביחד עם נתינת־כח, מימי הגאולה, החל מהתחלת הגאולה בג' תמוז — "להוסיף אומץ בהרבצת תורה והחזקת היהדות"[*].

והדגשה יתירה בהנתינת־כח — בדברי בעל המאסר והגאולה בג' תמוז (הנ"ל ס"ט) "נושאים אנו תפלה להשי"ת — יהי ה' אלקינו עמנו כאשר הי' עם אבותינו אל יעזבנו ואל יטשנו, שיש בזה גם בקשה וגם הבטחה, אשר השי"ת יהי' עמנו כאשר הי' עם אבותינו, הגם שאין אנו יכולים להידמות לאבותינו כו'".

כלומר, כשמתעוררת שאלה או ספק כו' האם יש לו הכחות הדרושים למילוי השליחות דהפצת התורה והיהדות — אומרים לו, שג' תמוז פועל גאולה מכל השאלות והספקות כו', מכיון שנשיא דורנו הכריז "יהי ה' אלקינו עמנו כאשר הי' עם אבותינו", ש"הגם שאין אנו יכולים להידמות לאבותינו", מ"מ, ישנה הבטחה ברורה ש"יהי ה' אלקינו עמנו", ולא עוד, אלא, "כאשר הי' עם אבותינו", ולכן בודאי שניתנו הכחות הדרושים למילוי השליחות בהצלחה ובשלימות, ואין הדבר תלוי אלא ברצונו של כל אחד ואחת.

טז. ועוד ענין בזה — בהמשך דברי בעל המאסר והגאולה בג' תמוז, "לא מרצוננו גלינו כו' ולא בכחותינו אנו נשוב כו', אבינו מלכנו ית' הגלנו כו' והוא ית' יגאלנו כו'", שבזה מרומז ענין נפלא:

כיון שהגאולה היא "לא בכחותינו כו'" אלא ע"י "אבינו מלכנו ית'", הרי, מובן וגם פשוט, שגם כאשר חסר משהו ב"מעשינו ועבודתינו", אין זו סיבה לעכב, ח"ו וח"ו, אפילו לרגע אחד בלבד, את פעולתו של הקב"ה, ש"יגאלנו ויקבץ נדחינו כו' ויוליכנו קוממיות ע"י משיח גואל צדק לארצנו הקדושה במהרה בימינו אמן".

ועאכו"כ לאחרי שכבר "כלו כל הקיצין"[98], וכבר נסתיימה כל העבודה, גם "צחצוח הכפתורים"[99], הרי בודאי שהגאולה צריכה לבוא תיכף ומיד ממש.

ולכן ובמילא, כל האמור לעיל אודות תפקידו ושליחותו של כאו"א לעסוק בהפצת התורה והיהדות, אינו מחליש כלל וכלל ואפילו משהו, ח"ו, מהבקשה והדרישה של הגאולה בכל התוקף — "עד מתי"!

---

95) חגה"ש: ש"פ נשא (לעיל ע' 7־476). בהעלותך (לעיל ע' 488). ועוד.
96) ל' הכתוב — בא יב, יא.
97) סה"ש ה'ש"ת ע' 105. תש"ב ע' 84. תש"ד ע' 104. ועוד.
98) סנהדרין צז, ב.
99) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

יז. ויה"ר שמהדיבור אודות הגאולה, ובפרט בימי הגאולה שמתחילים בג' תמוז — נזכה ונכנס ממש בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש, "לא עכבן כהרף עין"[100].

ובהמשך לזה ובמילא, נחגוג את ימי הגאולה י"ב־י"ג תמוז ביחד עם בעל הגאולה, נשמה בגוף, "הקיצו ורננו שוכני עפר"[101], והוא בראשם,

ובבוא שבעה עשר בתמוז — ידחה "צום הרביעי", ובפרט בקביעות שנה זו ששבעה עשר בתמוז חל בשבת, שבעבר נדחה התענית בקביעות כזו, וכדברי נשיא דורנו אז[102]: הלואי שידחה באמת, ויתירה מזה, שיהפך לששון ולשמחה ולמועדים טובים.

100) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.
101) ישעי' כו, יט.

102) נסמן לעיל בהערה 77. וראה בארוכה לקמן ע' 526 ואילך.



משיחות ש"פ חוקת, י' תמוז ה'תשמ"ח

א. היינט איז דער שבת צווישן ג' תמוז[1] און י"ב־י"ג תמוז[2] — דער חג הג־אולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, ווען ער איז באפרייט געווארן (אין שנת תרפ"ז) פון דעם מאסר און גלות[3] אין וועלכן מ'האט אים איינגעזעצט צוליב זיין עבו־דה אין „הרבצת התורה וחיזוק הדת"[4] במדינה ההיא.

און דאס איז געווען ניט קיין גאולה פרטית פאר אים אליין, נאר ווי ער שרייבט אין זיין באוואוסטן בריוו[5] (לח־גיגת י"ב תמוז הראשונה)[6], אז „לא אותי בלבד גאל הקב"ה בי"ב תמוז, כי אם גם את כל מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה".

און דערפאר שרייבט דער בעל הגאולה אז ס'איז ראוי צו באשטימען דעם טאג, „יום חג גאולת ישראל העוס־קים בהרבצת התורה", פאר אלע אידן „ליום התועדות והתעוררות לחיזוק התורה והיהדות בכל אתר ואתר לפי ענינו כו', להוסיף אומץ בהרבצת התורה והחזקת היהדות כו'".

והימים האלה נזכרים ונעשים[7] — ווען עס קומען די ימי הגאולה מדי שנה בשנה, ווערט נאכאמאל באנייט דער כח וואס די גאולה האט ארייגעגעבן צו יעדער אידן אין זיין עבודה בהרבצת התורה והמצוות וחיזוק היהדות, יעדער איד באקומט דעמולט נייע כחות צו אויסגעלייזט ווערן פון זיין „מאסר" פרטי און „גלות" פרטי וואס שטערט אים צו מרביץ זיין תורה ויהדות בא זיך און בא די ארום זיך. און דערפאר דארף יעדער איד זיך דעמולט פון־דאס־ניי דערמאנען און אריינטראכטן אין פרשת הגאולה, על מנת אז דורך דעם און דערפון זאל זיין „ונעשים" — במעשה בפועל.

ואדרבה — בכל שנה ושנה דארף אין דעם צוקומען א הוספה ועלי' (מעלין בקודש[8]), ביז באופן פון תוספתו מרובה על העיקר[9].

ב. דארף מען פארשטיין:

דער בעל הגאולה שרייבט אז די גאולה איז אויך פאר אזא וואס „בשם

---

1) ובפרט ששבת זו היא שבוע שלם, שבעת ימי ההיקף לאחרי ג' תמוז (שהי' בשבת שעברה), ששבוע כולל כל שינויי הזמן (מיום ראשון עד יום השבת), כמובן גם מזה שביום השבת היא העלי' (דכל ימי השבוע) לבחי' שלמעלה מהזמן, ואח"כ מתחיל היקף חדש, ולכן אומרים היום יום ראשון בשבת, יום שני וכו', אף שכבר עברו רבבות ימים מששת ימי בראשית עד עתה (לקו"ת שה"ש כה, סע"א. ועוד).

2) דמשבת זו מיני' מתברכין כולהו יומין (זח"ב סג, ב. פח, א), ובפרט הימים דכאין דשבוע הבא.

3) ביום ג' תמוז יצא כ"ק מו"ח אדמו"ר מבית האסורים על מנת ללכת בגלות לעיר מקלס, וביום י"ב תמוז נתבשר שחופשה ניתנה לו (גם מגלות בעיר מקלס), וניתנה לו תעודת השחרור למחרתו — יום י"ג תמוז.

4) ל' המכתב שבהערה הבאה.

5) נדפס בסה"מ תרפ"ח ע' קמו. תש"ח ע' 263. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' פ.

6) בשנת תרפ"ח — לפני ששים שנה. — ולהעיר מחנוכה שלשנה אחרת קבעום כו' (שבת כא, ב).

7) ל' הכתוב — אסתר ט, כח. וראה ס' תיקון שובבים להרמ"ז הובא בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

8) ברכות כח, א.

9) שהרי נצטוו ישראל „והלכת בדרכיו", ודרך הנהגתו (ברכתו) של הקב"ה הוא באופן דתוספתו מרובה על העיקר (ב"ר פס"א, ד).

ישראל יכונה", ד.ה. אזא איד וואס מיינט אז דער נאמען „ישראל" איז פאר אים בלויז א כינוי, ווארום בגלוי האט ער (דערווײלע) קיין שייכות ניט צו תורה ומצוות.

שטעלט זיך די שאלה: וואס האט די גאולה אין אים אויפגעטאן[10]?

בא מרביצי תורה (בכל מקום[11]) — האט די גאולה זיי געגעבן א נייעם כח צו מרביץ זיין תורה, כנ"ל, אבער אזא וואס „בשם ישראל יכונה" האט דאך קיין שייכות ניט צו הרבצת התורה, איז וואס האט אין אים אויפגעטאן[12] די גאולה[13]?

איז דערפון גופא פארשטאנדיק, אז די גאולה האט אויפגעטאן [נוסף צו דעם פרט פון חיזוק הרבצת התורה (די חוצאה פון, אבער — נאך דער גאולה), וואס איז שייך נאר צו מרביצי תורה — אויך] אן ענין כללי אין אלע אידן — סיי אין מרביצי תורה (בנוגע זייער עבודה פון הרבצת התורה) און סיי אין אזא וואס „בשם ישראל יכונה".

לאידך גיסא איז פארשטאנדיק: וויבאלד אז די גאולה איז אין דעם ענין פון הרבצת התורה והיהדות (ווי דער לשון אין בריוו: „חג גאולת ישראל העוסקים בהרבצת התורה") האט די פעולה כללית פון דער גאולה (אויך צו אזא וואס „בשם ישראל יכונה") צוגע־געבן במיוחד אין דער עבודה פון הר־בצת התורה, ביז אז דאס האט אויפגע־טאן און ארייגעגעבן כח אז די וואס „בשם ישראל יכונה" זאלן סו"ס ווערן מרביצי תורה.

ג. וועט מען דאס פארשטיין לויט דעם וואס דער בעל הגאולה שרייבט אין בריוו, אז „כל איש ישראל, מבלי הת־חשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות, לבו תמים עם ה' ותורתו" (און דערפאר איז די גאולה שייך צו יעדער איד)[14]:

דער עצם פון יעדער איד — דאס פינטעלע איד — איז אלעמאל פאר־בונדן מיט דעם אויבערשטן. א איד, ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקות[15]. ווי דער רמב"ם פסק'נט[16],

10) דמה שנאמר בהמכתב „כי כל איש ישראל, מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות, לבו תמים עם ה' ותורתו" — ה"ז רק ביאור השייכות דגאולה בהרבצת התורה גם למי „אשר בשם ישראל יכונה"; אבל אינו מבאר לכאורה פעולת הגאולה במי „אשר בשם ישראל יכונה". וראה הערה 14.

11) כמובן מלשון המכתב שי"ב תמוז הוא „יום חג גאולת ישראל העוסקים בהרבצת התורה כו'", לא רק של המרביצי תורה במדינה ההיא (ששם נתברר ש„מותרת היא על פי חוקי המדינה"), כ"א גם המרביצי תורה בכל העולם.

12) דאף שברור הוא שגאולת נשיא הדור (שהנשיא הוא הכל — פרש"י פרשתנו כא, כא) שייכת לכל א' מישראל, אבל מ"מ מהו הפעולה בפועל דהגאולה במי אשר בשם ישראל יכונה?

13) ואף שע"י הגאולה בהרבצת התורה והיהדות נעשה אפשרי (גם ע"פ חוק המדינה) להרביץ תורה ויהדות גם למי „אשר בשם ישראל יכונה" (ע"י יסוד חדרים, שיעורי תורה וכיו"ב) — הרי מלשון המכתב („לא אותי בלבד גאל כו' כי אם גם כו'") מובן, שכל אחד נגאל בגאולה זו (ולא רק שהגאולה פועלת עליו באמצעות (הרבצת תורה של) אחרים).

14) ע"פ הביאור דלקמן יש לומר, שההוספה „כי כל איש ישראל כו' לבו תמים עם ה' ותורתו" היא לא רק הסברה על זה שהגאולה (דהרבצת התורה כו') שייכת גם למי „אשר בשם ישראל יכונה" (כבהערה 10), כ"א גם הסברה בפעולת הגאולה בכל ישראל (גם במי אשר בשם ישראל יכונה) — לגלות אמיתית מציאותו, שגם בכחות ובחיצוניות שלו יהי' ניכר פנימיות לבבו, שלבו תמים עם ה' ותורתו.

15) „היום יום" כא סיון.

16) הל' גירושין ספ"ב.

אז א איד בטבעו וויל מקיים זיין דעם אויבערשטן'ס רצון.

אבער צוליב ירידת הנשמה בגוף גשמי, ובעולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו, ווערט אמאל באהאלטן (לפי שעה) די אמת'ע מציאות ורצון פון א אידן, זיין עצמיות'דיקער פארבונד מיטן אויבערשטן.

און כל זמן וואס „עולם כמנהגו נוהג", קען דאס בלייבן בהעלם. ביז אז אויך בנוגע צו א שומר תומ"צ, קען דעמולט זיין א מצב אז ער איז מקיים תומ"צ מיט זיינע כחות גלויים כו', אבער ניט דוקא מיט זיין עצם הנפש.

בשעת עס ווערט אבער א גזירה וכיו"ב וואס קען אנרירן ח"ו די אמונה פון א אידן, איז דער אלטער רבי מבאר אין תניא[17], אז דעמולט איז אפילו א קל שבקלים זיך מוסר נפש, ווארום דער נסיון פון קידוש השם איז מעורר זיין עצם הנפש.

ד. עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם מאסר וגאולה פון י"ב תמוז:

די גזירה ומאסר וגלות בשנת תרפ"ז האט געשטעלט אין סכנה דעם המשך פון אידישקייט ר"ל, ווארום דאס איז געווען א העלם אויף כללות קיום והפצת התורה והיהדות פון נשיא הדור ובמילא פון אלע אידן (ווארום הנשיא הוא הכל), וואס אין דעם איז תלוי קיום עם ישראל[18].

דערפון איז פארשטאנדיק אז דורך דער גאולה — וואס האט אנטפלעקט „נודע גלוי לעין כל"[19] דער נצחון פון דעם אמת פון אלקות, אידן און תורה ומצותי', ועד כדי כך אז „מותרת היא על פי חוקי המדינה", ד.ה. אז דאס איז אמת (ניט נאר מצד התגברות הקדושה, נאר) אויך מצד גדרי וחוקי העולם — איז דורך דעם נתגלה געווארן דער עצם פון אידן, ווי זיי זיינען פארבונדן און זיי־נען איין זאך מיטן אויבערשטן, און דורך דעם קשר עצמי זיינען אידן נצחיים בכל זמן ובכל מקום אזוי כביכול ווי דער אויבערשטער איז נצחי, כמ"ש[20] „אני ה' לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם".

וואס דאס איז דער אמת'ער אינהאלט פון גאולה בכלל: גאולה מיינט אז עס ווערט אויסגעלייזט און אנטפלעקט די אמת'ע מציאות פון דעם מענטשן וואס איז געווען אין גלות. אין גלות געפינט זיך דער מענטש ניט אין זיין (געוויינ־לעכן) ארט און מעמד ומצב, און במילא איז ער באגרעניצט און ער קען זיך ניט מתפשט זיין און זיך אויפפירן אין זיין נאטירלעכן שטייגער (מצד זיין פנימיות ועצם) ווי ער איז בא זיך אין זיין אייגע־נער שטוב. גאולה איז דער טייטש אז ער ווערט אויסגעלייזט פון די אלע הגבלות, און קומט צוריק צו זיין אמת'ן און ריכ־טיקן מקום ומעמד ומצב, און במילא קען ער זיך אויסדריקן און אויפפירן בהת־פשטות ובהרחבה, ווי ביי אים קומט אויס.

---

17) פי"ח־יט.

18) וכמאמר הרס"ג (האמונות והדעות מ"ג פ"ז) „אומתנו איננה אומה כי אם בתורתי".

19) ומובן שנוסף להצד השוה שבכל הגאולות (שע"י כולם נתגלה אמיתית הדבר), הרי כל גאולה מגלה בפרט האמת בענין זה שבו הי' המאסר והגלות, ובנדו"ד — ע"י גאולת י"ב תמוז נתגלה („נודע גלוי לעין כל") האמת בדרך העבודה שחידש בעל הגאולה בהרבצת התורה וחיזוק היהדות.

20) מלאכי ג, ו.

ובשעת עס רעדט זיך וועגן גלות פון אַ אידן, ועאכו"כ פון אַ נשיא בישראל בנוגע צו זיין עבודה כללית אַלס מנהיג ישראל אין הרבצת התורה ויהדות, איז פאַרשטאַנדיק אַז דער גלות פאַרדעקט (לפי שעה) אויף דעם אמת פון אידן, תורה ומצוות און אלקות און אויף דעם קשר אמיתי צווישן אידן מיטן אויבערשטן (וואָרום מצד זייער אמת'קייט און נצחיות, האָבן זיי געדאַרפט שטיין בגלוי בכל זמן ומקום, בלי שינויים):

און דורך דער גאולה — איז נתגלה געוואָרן דער עצמיות'דיקער פאַרבונד צווישן אידן מיטן אויבערשטן, כנ"ל.

ה. עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס די גאולה איז אַ גאולה פון אַלע אידן, „לא אותי בלבד כו', כי אם את כל כו'", ביז אויך אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה":

בשעת אידן זיינען עובד עבודתם ע"ד הרגיל זיינען דאָ חילוקים צווישן זיי אין דרגת העבודה שלהם: מרביצי תורה, מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי מצוה, ביז אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה":

בנוגע אָבער דעם עצם פון אַ איד, אין דעם זיינען אַלע אידן גלייך.

עד"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק לאידך גיסא: אויב די גאולה לייזט ניט אויס אַלע אידן, און עס זיינען דאָ אידן (ווי אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה") וואָס בלייבן אין גלות — איז אַ ראי' אַז דאָס איז ניט קיין גאולה אמיתית (באמת לאמיתתו) וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם עצם התקשרות בין הקב"ה וישראל (וואָרום מצד דעם קשר איז „אני ה' לא שניתי ואתם בני יעקב (יעדער איד, אָן אויסנאַם) לא כליתם").

ע"ד כביכול ווי דאָס איז בנוגע צו דעם אמת פון דעם אויבערשטן אַליין — „אמיתת המצאו" (ובפרט אַז „כל הנמ־צאים לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו"[21]):

כשם ווי דער אמת פון דעם אויבער־שטער איז „לא שניתי", און שלימות גילוי האמת פון „אמיתת המצאו" בכל הנמצאים איז דוקא בשעת דאָס ווערט אַנטפּלעקט און נעמט דורך יעדער פרט ופרט פון יעדער נמצא (ובלשון הכתוב[22] — אין עוד מלבדו), ווייל אויב ס'איז דאָ נאָך אַ מציאות (אמיתית) אין וועלכע ס'איז ניט ניכר (דער אמת) אַז זי נעמט זיך פון „אמיתת המצאו", איז אפילו אויב זי איז אַ מציאות טפלה, ווייזט עס אויף אַ „שינוי" אין דעם אמת פון „אמיתת המצאו" (אַז דאָס איז ניט אמת בכל מקום (מקום אויך מלשון מעלה) וענין, ווייל ס'איז דאָ נאָך אַ זאַך וואָס איז כביכול „חוץ" פון „אמיתת המצאו" ח"ו),

עד"ז איז אויך מובן בנוגע צו דעם ענין הגאולה — וואָס ענינה איז גילוי ההתקשרות עצמית צווישן אידן מיטן אויבערשטן — אַז אויב אפילו איין איד בלייבט אין גלות באַווייזט עס אַז די גאולה איז ניט קיין גאולה אמיתית:

בחיי עם ישראל זיינען געווען גאולות פון אַן איש פרטי, פון אַ שבט אָדער פון אַ חלק פון אידן. וואָס זייענדיק אַ גאולה, האָט דאָס מגלה געווען דעם אמת פון דעם איש פרטי אָדער שבט, אָדער חלק — אַ גאולה אין זייער תפקיד מסויים, אַז זיי זאָלן קענען פריייערהייט ובמילא בשלימות מקיים זיין זייער שליחות בעולם.

---

21) ל' הרמב"ם בריש ספר היד.

22) ואתחנן ד, לה.

אעפ"כ רופט מען דאָס ניט אַ גאולה אמיתית, ווייל דאָס האָט ניט אָנגערירט, עכ"פ ניט אויסגעלייזט אַלע אידן, משא"כ די גאולה העתידה ווערט אָנגערופן „גאולה האמיתית והשלימה", ווייל דאָס וועט זיין אַ גאולה פון אַלע אידן (און — פון כל העולם כולו).

ויש לומר אַז מעין זה איז אויך געווען בּאַ דער גאולה פון י"ב תמוז[23], וואָס איז אַ גאולה פאַר און פון אַלע אידן („לא אותי בלבד גאל כו' כי אם את כל כו'") — דאָס האָט מגלה געווען דעם אמת פון אלקות ותומ"צ בּאַ יעדער איד, ביז אויך ביי אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה" — „כי כל איש ישראל, מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות, לבו תמים עם ה' ותורתו".

ויש לומר, אַז אַזוי איז אויך בנוגע צו יעדער איד בפרט — אַז די גאולה האָט אים דורכגענומען אינגאַנצן, אין אַלע דרגות שבו, ביז אויך די דרגא שבו וואָס „בשם ישראל יכונה", ובכללות — זיין גוף (וועלכע איז נדמה בחומריותו לגופי אוה"ע[24]) וואָס אין אים געפינט זיך די נשמה אין „גלות ממש"[25] — האָט די גאולה אויפגעטאָן, אַז אויך אין דער דרגא (דער גוף) זאָל נגאל ווערן און אַנטפּלעקט ווערן אמיתית מציאותו, ווי ער איז אַ כלי צו זיין נפש אלקית, ועד"ז אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע דרגות אין עם, אַזוי אַז עס בלייבט ניט איבער אַ פרט ונקודה וואָס איז ניט דורכגענומען

מיט דער קדושה פון דער ג-טלעכער נשמה דורך תומ"צ (ע"ד ווי גערעדט פריער בנוגע צו דער גאולה פון אַלע אידן אָן אויסנאַם, און בנוגע גילוי אמיתת המצאו אין כל הנמצאים).

ו. ע"פ הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק דער אויפטו פון דער גאולה אין אַלע אידן, סיי מרביצי תורה, און סיי ביז אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה":

נוסף צו דעם וואָס יעדער איד ווערט נגאל אין דער גאולה צוזאַמען מיט נשיא הדור, האָט די גאולה אויך אויפגעטאָן אין יעדער איד בפרט (ניט נאָר אין מרביצי תורה בנוגע צו חיזוק בעבודתם, נאָר אויך אין אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה"):

די גאולה האָט אויסגעלייזט און אַנטפּלעקט די אמת'ע מציאות פון יעדער איד — זיין עצם הנשמה, וואָס מצד דעם איז „לבו תמים לה' ולתורתו"; און אין אַזאַ אופן אַז ער זאָל האָבן דעם כח צו נוצן און אַראָפּברענגען גילוי פנימיות נפשו ולבו לה' ולתורתו אין אַלע זיינע כחות ולבושים ביז אין מעשה בפועל און הרבצת התורה והיהדות (ווי דער בעל הגאולה איז מדגיש במכתבו ווי די גאולה איז פאַרבונדן מיט הרבצת התורה והיהדות) — וואָרום גילוי העצם באמיתית איז דוקא בשעת דאָס נעמט דורך כל פרט ופרט פון דעם מענטשן (כנ"ל סו"ס ה).

און דעריבער האָט די גאולה (גילוי העצם פון אַ אידן) אויפגעטאָן אַ חידוש סיי בנוגע צו אַזאַ וואָס „בשם ישראל יכונה" — אַז ער זאָל דערנאָך האָבן דעם כח צו אַראָפּברענגען גילוי פנימיות נפשו ולבו אויך אין זיין עבודה במעשה בפועל מצד זיין גוף ונה"ב, דורך מגלה זיין רצונו האמיתי צו מקיים

---

23) ולהעיר שכל עניני גאולה שייכים זל"ז — „כיון דשם גאולה עלה" (פרש"י ד"ה אתחלתא — מגילה יז, ב), ועאכו"כ גאולת י"ב תמוז שהיא גאולה של כל בנ"י, כבפנים.

24) תניא פמ"ט (ע, א).

25) תניא פל"ז (מח, א).

זיין דעם אויבערשטן'ס רצון ע"י לימוד התורה וקיום המצוות, ביז ער זאל סו"ס אליין ווערן א מרביץ תורה ויהדות; און סיי בנוגע צו א מרביץ תורה — אז זיין הרבצת התורה (וואס איז נתחזק געווארן אלס א תוצאה פון דער גאולה) זאל זיין ניט נאר מיט זיינע כחות הגלויים (וואס דעמולט איז ער נאך ניט אינגאנצן איין זאך מיט דעם), נאר אויך מיט זיין עצם הנפש, מיט מסירת נפש וכו', וואס דאס גיט צו אין דער עבודה פון הרבצת התורה און חיזוק הדת בא זיך אליין און במקומו הוא (בכל אתר ואתר לפי ענינו).

ז. לויט דעם ביאור הנ"ל (סעיף ה) וועט מען פארשטיין א סיפור בקשר מיט דער גאולה[26]: בשעת ס'איז אנגעקומען די בשורה וועגן דער גאולה בי"ב תמוז, איז געווען א חסיד וועלכע איז ארומגעגאנגען און געזונגען א ניגון אויף רוסיש וואס תוכנו איז „אין עוד מלבדו" („ניעט ניקאוואָ קראָמע יעוואָ אדנאָוואָ"), און דאס איז נתפרסם געווארן. יעדער זאך איז דאך בהשגחה פרטית. דארף מען פארשטיין: וואס איז די שייכות פון דער גאולה בפרט מיט „אין עוד מלבדו"?

ויש לומר הביאור כזה:

יעדער גלות ווערט נשתלשל פון דעם ערשטן „גלות" (העלם) וואס דאס איז דער כללות'דיקער ענין פון בריאת העולם, וועלכע איז געווארן דורך ריבוי השתלשלות מדרגא לדרגא וריבוי צמצומים והעלמות כו', ביז אז ס'איז באשאפן געווארן עולם מלשון העלם והסתר[27], ביז נאכמער — עולם הזה הגשמי וועלכע איז „מלא קליפות וסט"א"[28], און „כל מעשה עוה"ז קשים ורעים והרשעים גוברים בו", וואס אין זיי געפינט זיך דער אור אלקי אין גלות, „בבחי' גלות תוך אותו דבר הנפרד להחיותו ולקיימו מאין ליש כו'"[29], די וועלט איז מעלים ומסתיר אויף איר אמת'ע מציאות און אויף דעם אמת פון אלקות — וואס „כל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא מאמתת המצאו" — דער כח אלקי וואס איז מחי' ומהוה ומקיים יעדער נברא בכל רגע מחדש[30].

[און דערנאך און מער בפרטיות איז ירידת הנשמה בגוף פון יעדער אידן אן ענין פון „גלות ממש"[25], ווייל דער גוף ונפש החיונית איז מעלים ומסתיר אויף דער נשמה (דער עיקר ואמת פון דעם אידן), אזוי אז די נשמה קען ניט לייכטן בשלימות ווי זי איז במקומה למעלה].

און גאולה מיינט, אז אין דער וועלט [ובפרטיות — אין דעם גוף ונפש החיונית] ווערט אנטפלעקט דער אמת, אז זיין אמת'ע מציאות איז נאר א כלי צו דעם אור אלקי [און צו דער נשמה] וואס איז זיי מחי', אזוי אז בכל פרט ופרט פון דער בריאה איז ניכר „אמיתת המצאו".

וואס דאס איז דער תוכן פון „אין עוד מלבדו", אז ס'איז ניטא קיין מציאות בעולם („אין עוד") „מלבדו", ד.ה. אז אין מציאות העולם איז נרגש ווי זיין גאנצע פאראנענקייט איז („לא נמצאו אלא מ)אמתת המצאו"[31], אז די מציאות פון

---

26) שיחת י"ב תמוז תשכ"ה. נעתק בס' התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 221.

27) לקו"ת שלח, לז, ד. ביאוה"ז להצ"צ ע' שנה.

28) תניא פל"ז.

29) תניא ספ"ד.

30) שעהיוה"א פ"א.

31) כמבואר במ"א (לקו"ש חל"ה ע' 202 הערה

וועלט גופא איז אלקות — ווי ס'וועט נתגלה ווערן בשלימות לעתיד לבוא.

ויש לומר, אז וויבאלד אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן בשביל ישראל[32], איז פארשטאנדיק אז דורך דעם וואס די גאולה בי"ב-י"ג תמוז האט מגלה געווען דעם אמת אין כל ישראל (ובכל דרגות שבישראל), די התקשרות עצמית פון דעם עצם פון אידן מיט דעם עצם פון דעם אויבערשטן („אמיתת המצאו") — האט דאס געגעבן דעם כח צו גואל זיין די גאנצע וועלט, אז דארט זאל אנטפלעקט ווערן אמיתית מציאותו — „אמתת המצאו".

ובפשטות — אז דורך דער גאולה איז געווארן „נודע גלוי לעין כל" אז די עבודה אין הרבצת תורה וחיזוק דת „מותרת היא על פי חוקי המדינה", אז אויך וועלט אנערקענט דעם אמת פון אלקות און תורה. ועד"ז אויך נאך דער גאולה — האט זיך אויפגעעפנט א נייער וועג (כדלקמן ס"ט) אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה בכל קצוי תבל, ביז אויך הפצת שבע מצוות בני נח[33] — אלס א הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין שלימות הגילוי בעולם פון „אין עוד מלבדו".

ויש לומר הטעם פארוואס גאולת י"ב תמוז איז דוקא באופן כזה, ווארום דער מאסר וגאולה איז אין דעם דור האחרון פון גלות (כמובן פון די סימנים אין גמרא, און ווי דער בעל הגאולה האט מעיד געווען מערערע מאל), ווען מען דארף נאר פארענדיקן די לעצטע שיריים פון דער עבודה, ואין המצוה נקראת אלא על שם הגומרה[34] — דעריבער איז די (לעצטע) גאולה בזמן הגלות (אויף הרבצת התורה וחיזוק הדת) א גאולה פאר אלע אידן ובכל פרטיהם, וועלכע גיט אויך דעם כח צו פארענדיקן די עבודה אין וועלט, און דארט מגלה זיין ווי „אין עוד מלבדו", ווי ס'וועט זיין בגלוי לעתיד לבוא, ווען מ'וועט זען ווי כל העולם כולו איז א דירה לו יתברך בתחתונים, וואס אין א דירה שטייט עצמות הדר בה בגלוי[35].

ונוסף לזה: די גאולה איז דער לעצ־טער ענין אין יפוצו מעינותיך חוצה, וואס דורך דעם ווערט אתי מר דא מלכא משיחא[36].

ח. דערפון קומט צו אויך בנוגע פעולת הגאולה אין דער עבודה פון יעדער איד:

כשם ווי די גאולה האט מגלה געווען דעם אמת ועצם הנפש אין יעדער איד בפרט (כנ"ל ס"ו) — האט זי אויך מגלה געווען גלוי לעין כל דעם אמת פון תורה און אלקות אין וועלט, אז ניט קוקנדיק אויף די גזירות און מאסר וגלות, איז אפילו מצד חוקי המדינה פון אוה"ע האט מען אנערקענט אז הרבצת התורה איז מותר.

86) החילוק בין „אין עוד" (ואתחנן שם, לט) ו„אין עוד מלבדו" — ש„אין עוד" שולל לגמרי מציאות הנבראים שאין שום מציאות כלל, משא"כ „אין עוד מלבדו" פירושו ש(רק) בלעדו „אין עוד", אבל „עמו" ישנה מציאות, ובמציאות זו גופא נרגש שאינה מציאות „מלבדו". וראה לקמן הערה 42.

32) פרש"י ר"פ בראשית.

33) ראה רמב"ם הל' מלכים ספ"ח.

34) תנחומא ופרש"י עקב ח, א. וראה סוטה יג, ב.

35) ראה אוה"ת בלק ע' תתקצז. המשך תרס"ו בתחלתו (ע' ג). ועוד.

36) אגה"ק דהבעש"ט הידועה — נדפסה בכש"ט בתחלתו. ובכ"מ.

וואס דאס גיט יעדן אידן א נייעם כח צו אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות וואו ער געפינט זיך, צי דער גלות פון אזא וואס „בשם ישראל יכונה", אדער דער גלות פון א מרביץ תורה, וואס אויך ער געפינט זיך אין גלות בכלל, ובפרט מצד דעם גלות הנשמה בגוף, ובכללות — דער גלות אין עוה"ז בכלל (וואס איז מעלים אויף אלקות), ונוסף צו דעם אלעם — האט יעדער איד זיין גלות פרטי בענינים מסויימים וועלכע איז מעלים ומסתיר אויף זיין אמת'ע מציאות — זיין פארבונד מיט דעם אויבערשטן דורך תורה ומצוות.

ט. דער ענין הנ"ל איז נאכמער פארשטאנדיק לויט דעם ביאור אין דרושי חסידות דפרשתנו („די חסיד'ישע פרשה") אויף „זאת חוקת התורה" (וועלכע מ'לייענט דעם שבת[37], שבת שמיני' מתברך דער חג הגאולה):

„חוקה" איז פון לשון חקיקה („חוקה חקקתי"[38]). וואס דאס באדייט אז עבודת ה' בתומ"צ דארף זיין אין אן אופן פון חקיקה — אז דאס איז חקוק אין זיין מציאות, מיני' וביה ביז מעבר לעבר[39]:

דער אונטערשייד צווישן אותיות הכתיבה און אותיות החקיקה איז: בשעת מ'שרייבט אותיות אויף קלף, זיינען די אותיות של דיו א באזונדער זאך (דבר זר) פון דעם פארמעט, און אויך לאחרי ווי מ'שרייבט אן די אותיות בלייבן זיי באזונדער, מ'קען אפמעקן די אותיות וכו'. משא"כ בשעת מ'קריצט אויס אותיות אין א שטיין, זיינען זיי מיני' וביה פון דעם אבן אליין, זיי זיינען איין זאך ממש מיט דעם שטיין, ועאכו"כ ווען עס איז ווי בא די לוחות הברית אז די אותיות זיינען מעבר לעבר.

אזוי איז דאס אויך אין נמשל אין עבודה און נפש האדם: מצד זיין עצם איז א איד איין זאך מיט דעם אויבערשטן („לבו תמים עם ה' ותורתו", כנ"ל), באופן של חקיקה מיני' וביה ומעבר לעבר. בשעת זיין נשמה איז יורד למטה אין א גוף גשמי וועלכע איז מעלים אויף דער נשמה, זעט זיך אז (בחיצוניות) ווי דער גוף (און די נידעריקערע דרגות אין נשמה) זיינען א באזונדער זאך פון דער נשמה: די נשמה ווערט נתלבש אין גוף, אבער זיי בלייבן צוויי באזונדערע ענינים: די נשמה ציט זיך למעלה, צו רוחניות און עבודת ה', און דער גוף בטבעו ציט זיך למטה, צו ארציות וגשמיות.

די כוונה אין דער ירידה איז, אז די „חקיקה" אין פנימיות ועצם שלו („לבו תמים לה' ולתורתו") זאל ניט בלייבן אין זיין עצם, נאר ער זאל דאס מגלה זיין אין זיינע כחות הנפש, ביז אין זיין מחשבה דיבור ומעשה שלו, ביז אין זיין גוף ונה"ב, אין זיין ווייטסטע חיצוניות — אין אן אופן פון חקיקה, אז דאס נעמט אים דורך אינגאנצן, אזוי אז זיין קיום התומ"צ איז ניט ווי א צוגעגעבענע זאך צו אים, נאר דאס איז איינגעקריצט אין זיין מציאות, און עס בלייבט ניט איבער קיין פרט פון זיין מציאות

37) ולהעיר, שביום השבת מאיר גילוי האמת בעולם, עד למטה מטה, שגם עם הארץ (מלשון ארציות וחומריות, ע"ד הדרגא דבשם ישראל יכונה) אומר אמת בשבת, ועד שת"ח מותר לאכול מתבואתו (ירושלמי דמאי רפ"ד), היינו לא רק שמאיר האמת בע"ה עצמו, אלא זה נוגע לפועל בנוגע אכילת אחרים.

38) תנחומא ריש פרשתנו.

39) בנוגע לב' מדריגות אלו בחקיקה — ראה ד"ה אין עומדין תרס"ז (בהמשך תרס"ו). ד"ה בסוכות תשי"ג. לקו"ש ח"ח ע' 127 ואילך.

וואָס איז ניט דורכגענומען מיט דער קדושה פון תומ"צ („אין עוד מלבדו"), ביז אַז דאָס ווערט אויסגעקריצט פון אים.

און דורך דעם — טוט אויף אַ איד אויך אין חלקו בעולם ביז בכל העולם כולו, אַז כאָטש אַז מצד טבע הבריאה איז די וועלט מעלים אויף אלקות, איז ער דאַרט מגלה אלקות, ביז — באופן של חקיקה, אַז מ'זעט ווי יעדער פרט פון דער בריאה איז ניט אַ דבר נוסף, מ'זעט ווי די אמת'ע מציאות פון דער וועלט גופא, מיני' ובי', איז „אמתת המצאו" — „אין עוד מלבדו".

י. ויש להוסיף בכל זה — נאָך אַן ענין עיקרי:

נוסף צו דעם וואָס דער ענין הגאולה (וואָס קומט לאחרי הגלות וההעלם) איז מגלה אין וועלט דעם אמת פון אלקות און תורה (וואָס איז ביז דעמולט געווען בהעלם אין וועלט), קומט דורך דעם אויך צו אַ חידוש, אַז עס טוט זיך אויף אַ נייע זאַך וואָס איז פריער ניט געווען (אויך ניט בהעלם). כפשטות הפירוש אין גאולה — אַ חידוש לגבי דעם מעמד ומצב שלפני זה.

כמבואר בכ"מ[40], אַז דורך דער ירידה און עבודה אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו, מלא קליפות וסט"א, וואו אלקות איז בבחי' גלות (כנ"ל ס"ז) — ווערט אויפגעטאָן אַ חידוש, אַז עס ווערט נמשך אַן אור אלקי וואָס איז העכער ווי דער אור וועלכע איז געווען לפני זה, ביז אַז די וועלט ווערט אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אַ דירה לעצמותו ית'.

ועד"ז בנוגע צו ירידת וגלות הנשמה בגוף, איז ירידה צורך עלי', ביז צו אַ דרגא חדשה לגמרי, און נאָכמער — דורך דעם ווערט נתגלה מעלת הגוף, דער כח העצמות וואָס געפינט זיך אין גוף, ובלשון הידוע[41] — דער יש הנברא איז איין זאַך כביכול מיט דעם יש האמיתי[42]*, ביז אַז אויך די נשמה איז דערפון מקבל איר חיות[43], ווי ס'וועט

40) המשך תרס"ו בתחלתו. ובכ"מ.

41) ביאוה"ז לאדהאמ"צ בשלח מג, ג.

42) שענין זה הוא בעיקר בנוגע לגוף ישראל (כדמשמע בביאורי הזהר שם. וראה ד"ה להבין ענין כתיבת ס"ת תש"ל (סה"מ — מלוקט ח"א ע' פט ואילך)), דגופא דילהון קדישא (זח"ג ע, ב) ואתם קרויים אדם על שם אדמה לעליון (שקאי בעיקר על הגוף) — אף שבכללות כן הוא בנוגע לכל הבריאה כולה, שיש הנברא חד הוא עם יש האמיתי (ראה ד"ה ולקחתם תרס"א).

וראה לקו"ש חי"ב ע' 75 הערה 30 שהכוונה בזה שאמיתית מציאותו של יש הנברא דעולמות הוא יש האמיתי היא — שהעצמות „הוא המהווה אותם . . ומלבעדו אין שום מציאות כלל" (ד"ה ולקחתם שם), משא"כ בישראל — מציאותם גופא הוא, כביכול, העצמות. ואולי י"ל יתירה מזה (ש)גם יש הנברא (דעולמות) הוא כולא חד עם יש האמיתי*.

אלא שאמיתית הענין שהיש הנברא אמיתית מציאותו הוא יש האמיתי, קאי על ישראל (כנ"ל), כי השאר נברא בשבילם — ועי"ד החילוק דמציאות עבד כנעני לגבי האדון — ומציאות נכסיו.

והחילוק בין עולם וישראל (באופן ההתאחדות עם יש האמיתי) אולי אפ"ל: זה גופא שיש הנברא חד הוא עם יש האמיתי הוא בכח העצמות שהוא כל יכול ונושא הפכים (אבל מצד הנברא — ה"ה מציאות הפכית מאלקות); משא"כ בישראל מציאותם גופא (גם מצד בריאתם) הוא, כביכול, העצמות.

43) ויש לקשר זה עם השיעור יומי ברמב"ם הל' מנחות — ע"פ המבואר בתו"א וישלח ד"ה ויקח מן

*) אין זה סתירה למשנ"ת במ"א דח"ו לומר „איהו והבריאה חד" (ראה הקדמת תקו"ז (ג, סע"ב). לקו"ש חכ"א ע' 443) — כי: „איהו וחיוהי חד כו'" ולא „איהו והבריאה חד" ח"ו — מצד בחי' **הגילויים**; אבל מצד **העצמות** גם הבריאה (יש הנברא) כולא חד עם יש האמיתי. וצע"ג. ואכ"מ.

זיין בגלוי לע״ל, אז הנשמה ניזונית מן הגוף[**].

ועד״ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דער גאולה פון י״ב תמוז (וואס איז געקומען לאחרי המאסר והגלות צוליב דער עבודה פון הרבצת התורה וחיזוק הדת): נוסף לזה וואס דאס האט מגלה געווען דעם אמת דא למטה, איז דורך דעם צוגעקומען א חידוש גדול, אז אויך אין כל העולם כולו זאל נתקבל ווערן הרבצת התורה וחיזוק הדת, אלס הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען כל העולם וועט זיין בגלוי א דירה לו יתברך.

און די גאולה האט אויך געבראכט א חידוש אין דער עבודה גופא פון הרבצת התורה וחיזוק הדת — ווי מ'האט געזען בפועל, וואס — מעשה רב: נאך דער גאולה איז שלא בערך מער פארשטארקט געווארן די ארבעט פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות והפצת המעינות חוצה, ביז אז דער מאסר וגאולה האט געבראכט אז דער בעל הגאולה זאל ארויסגיין פון מדינה ההיא, און דערנאך — קומען אין חצי כדור התחתון, וואס דאס האט דערמעגלעכט אז זיין ארבעט אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה איז געווארן שלא בערך מער פארשטארקט און פארברייטערט, ביז בכל קצוי תבל, ובאופן פון פעולה נמשכת — הולך ומתפשט[45].

יא. ויש לקשר זה מיט דעם זהר בפרשתנו[46] (פון דעם שבת שמיני' מתברך דער חג הגאולה)[47], וואו עס שטייט אז רבי פינחס בן יאיר האט געבעטן בא רשב״י ער זאל זאגן א „מלה חדתא", און ער האט אנגעהויבן „זאת חוקת התורה", און ווי דער טאטע איז מבאר אין זיינע הערות[48] די שייכות פון פרה אדומה צו רפב״י און צו רשב״י וכו'.

הבא לידו מנחה לעשו אחיו, שיעקב שלח מנחה (ר״ת מ״ן מיין נוקבין, ח' חכמה, ומזל הח' נוצר חסדי ומשפיע בה' כו', היינו המשכה למטה מבחי' נוצר חסד שלמעלה מהשתלשלות — ראה ד״ה ויקח בתו״ח וישלח מט, ד. סה״מ תקס״ה ע' סט ואילך. אוה״ת וישלח רלג, ב ואילך) בכדי לקבל אורות דתהו משרשו של עשו, ועי״ז נעשה „וישקהו", בכל לבו — עבודת התשובה, שזהו החידוש שנעשה ע״י ירידת הנשמה בגוף בעוה״ז. נת' בארוכה בהתוועדות.

44) ד״ה לכל תכלה תרנ״ט.

*) ואולי י״ל שבמ״ש אדה״ז בתו״א שם „מזל הח' נוצר חסד", מוסיף רמז בר״ת ד„מנחה", „מזל נוצר חסד" (או מזל נוצר שהוא מזל הח').

---

45) ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ שלח תשמ״ז.

46) זח״ג קעט, ב.

47) ויש לקשר זה גם עם הקביעות דשבת זו בימי החודש — בעשירי בתמוז*, כידוע שמספר עשר הוא מספר השלם (ראב״ע שמות ג, טו. פרדס שער ב'), וממנו מתחיל סדר חדש במספרים דעשיריות (הכולל — י״ב וי״ג (תמוז)), וגם הסדרים שלאחרי זה (מאות אלפים ורבבות) — כולם הם במספר עשר (עשר עשיריות, עשר מאות, עשר אלפים). ובהלכה — ע״י עשרה מישראל נעשה מציאות חדשה של ציבור ועדה קדושה (ולהעיר שהלכה כדעת רבי עקיבא (ברכות מט, ב במשנה), ששינוי בנוסח ברכת המזון הוא רק בעשרה).

48) לקוטי לוי״צ לזהר שם ע' שסט ואילך.

---

*) ולהעיר שפרקי אבות דשבת זו מתחיל, הולך ומונה כמה ענינים של עשרה (עשרה מאמרות, עשרה נסים וכו').

**) ולהעיר שבשיעור תהלים דיום זה בחודש (נה, יט) אומרים „פדה בשלום נפשי גו'", שכתוב זה קשור עם גאולה (דרבותינו נשיאינו — בי״ט כסלו ויו״ד כסלו).

עס פאָדערט זיך נאָך אָבער ביאור: אפילו אַז רפב"י האָט אַ שייכות מיט פרה אדומה, פאַרוואָס האָט ער געבעטן אין דעם דוקא אַ „מלה חדתא"?

ויש לומר, ווייל דער גאַנצער ענין פון פרה אדומה איז אַן ענין של חידוש, „מלה חדתא":

דער ענין פון פרה אדומה (זאת חוקת התורה) גייט אויף עבודת התשובה, וואָס איז אַן עבודה בדרך חידוש (ווייל לולא הירידה למטה וואָלט ניט געווען מעלת התשובה פון זדונות נעשו לו כזכיות[49], און במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים יכולים לעמוד שם[50]) — הן מצד תוכן המצוה, אַז פרה אדומה איז מטהר פון טומאת מת, וואָס אין עבודה — איז דאָס די טהרה פון דעם פירוד פון מקור החיים, „אתם הדבקים בה' אלקיכם (וואָס דעמולט איז) חיים כולכם היום"[51], און הן מצד סיבת המצוה, וואָס פרה אדומה איז געקומען מכפר זיין אויף מעשה העגל[52], וואָס דאָס האָט געבראַכט מיתה בעולם[53].

און אויך מצד תוצאת המצוה, איז דוקא דורך דער ירידה פון חטא העגל און טומאת מת, געקומען דער ציווי חדש פון „זאת חוקת התורה", ובעבודה — די עבודה בדרך חקיקה, כנ"ל.

יב. בהמשך לכל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק דער לימוד לפועל צו יעדער איד — „והחי יתן אל לבו"[54]:

די גאולה פון י"ב תמוז, ובהוספה בזה בכל שנה ושנה, גיט אַ אידן נייע כחות צו אויסגעלייזט ווערן פון אַלע ענינים המבלבלים והעלמות והסתרים וואָס קענען אים שטערן צו תורה ומצוות, סיי מצד דעם גלות הכללי, און סיי מצד די פאַרשידענע מניעות ועיכובים וואָס יעדערער קען האָבן בּאַ זיך בפרטיות.

און די גאולה גיט אים כח צו מגלה זיין ווער און וואָס ער איז באמת — אַז ער איז אַ איד וואָס „לבו תמים לה' ולתורתו" — און איז דאָס מגלה אין זיינע כחות און לבושים פון מחשבה דיבור ומעשה, ביז אין זיין גוף ונה"ב, אין אַן אופן פון חקיקה מיני' ובי' מעבר לעבר — אַז בשעת מ'גיט אויף אים אַ קוק (אפילו בחיצוניות), זעט מען אַז עס גייט אַ „תורה־איד", אַ „קדושה־איד", און אויך גופא דילהון קדישא[55], זיין גאַנצער חיות און קאָך איז אין לימוד התורה און קיום המצוות, און אויך בעניני רשות — איז „כל מעשיך יהיו לשם שמים"[56] און „בכל דרכיך דעהו"[57], און דאָס איז ניכר אין אַלע זיינע ענינים — במאכלו ובמשקהו ובטיולו ובמשאו ומתנו וכו'[58].

און נאָכמער: אויב ס'איז דאָ אַ בלבול מצד דעם חושך הגלות — איז דאָס אים מעורר צו זיך מתגבר זיין מיט אַ הת־

---

49) יומא פו, ב.

50) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

51) ואתחנן ד, ד.

52) תנחומא פרשתנו ח (בסופו). במדב"ר פי"ט, ח (בסופו). פרש"י פרשתנו יט, כב.

53) ראה מפרשי התורה פרשתנו (כלי יקר, אלשיך, ש"ך עה"ת, עץ הדעת הטוב (להרח"ו) ועוד).

54) קהלת ז, ב.

55) זח"ג ע, ב.

56) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

57) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם. וראה בארוכה לעיל ע' 443 ואילך.

58) ראה רמב"ם הל' דיעות רפ"ה.

גברות חדשה אין זיין עבודה, ביז אַז דורך דעם זאָל צוקומען אַ חידוש („מלה חדתא") פון עבודת התשובה וכיו"ב, וואָס איז ניט געווען ביז דעמולט.

יג. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער לימוד פון דעם חג הגאולה דאַרף זיין לכל לראש בנוגע צו קיום הוראת בעל הגאולה במכתבו הנ"ל — אַז דער חג הגאולה „ראוי הוא לקובעו ליום התועדות והתעוררות לחיזוק התורה והיהדות בכל אתר ואתר לפי ענינו",

אַז בכל אתר ואתר לפי ענינו (בכל קצוי תבל) ובכל זמן האפשרי זאָל מען מאַכן אַ התוועדות, באופן פון הקהל את האנשים והנשים והטף, און דאַרטן מאַכן אַ חשבון הנפש בנוגע צו דער עבודה בשנה שעברה זינט ימי הגאולה שלפני זה, און אָננעמען החלטות טובות על להבא, בנוגע צו כללות העבודה פון חיזוק התורה והיהדות, לימוד התורה וקיום המצוות, כולל אויך — הרבצת התורה והמצוות והפצת המעינות חוצה, ביי אַנדערע אידן, מיט אַלע פרטים המדוברים לעיל.

ומצוה לפרסם זה בכל מקום ומקום, און ס'איז זיכער אַז דברים היוצאים מן הלב (ועאכו"כ אַז דאָס קומט פון דעם עצם, כנ"ל בארוכה) נכנסים אל הלבי ופועלים פעולתם.

ועי"פ הנ"ל, אַז דורך דער גאולה איז צוגעקומען אַ „מלה חדתא" (נוסף צו דעם וואָס די גאולה האָט מגלה געווען דעם אמת פון תורה) — יש להוסיף בתור הצעה, אַז די חגיגת חג הגאולה בשנה זו (די התוועדויות וכיו"ב) זאָל מען פאַרבינדן מיט אַ „מלה חדתא" בפשטות, אַ חידוש אין די דברי תורה ודברי התעוררות בשעת ההתוועדות, ובעיקר — אַ חידוש אין מעשה בפועל, אַז יעדערער זאָל מוסיף זיין אַ ענין חדש אין זיינע פעולות בהרבצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה.

ועי"פ דער ביאור פון דעם מיטעלן רבי'ן[60], אַז יעדע התבוננות כללית דאַרף אַראָפּקומען אין פרטים ופרטי פרטים — איז מען מציע אַ „מלה חדתא" בפרטיות:

כל אחד ואחת מישראל (און אויך טף — השייכים לזה) זאָלן מאַכן אַ חשבון הנפש וועגן די פעולות טובות וואָס ער (זי) האָט געטאָן במעשה בפועל במשך פון שנה שעברה (פון י"ב תמוז תשמ"ז ביז י"ב תמוז שנה זו), און בכדי דאָס זאָל זיין אַ חשבון אמיתי בכל התוקף — זאָל ער אַראָפּשרייבן בכתב עכ"פ דריי נייע פעולות, דריי דברים חדשים, וואָס ער האָט געטאָן במשך דעם יאָר במעשה בפועל (ניט נאָר במחשבה והחלטה, אָדער בדיבור בתור הצעה צו אַ צווייטן וכיו"ב) — פעולות טובות ברוחו פון דעם בעל הגאולה, די ענינים אויף וועלכע ער האָט זיך מוסר נפש געווען און האָט געמאָנט אַז מ'זאָל אין זיי טאָן, ובכללות — הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ובמיוחד — בקשר מיט דעם חג הגאולה, וואָס איז פאַרבונדן ספּעציעל מיט הרבצת התורה והיהדות צווישן אַלע אידן, אויך אַזוינע וואָס „בשם ישראל יכונה".

ובכדי צו צוגעבן נאָכמער תוקף בזה — קען יעדערער וואָס וויל אַריינשיקן בכתב די דריי מעשים חדשים וואָס ער האָט געטאָן, בצירוף שמו ושם אמו. ובכדי עס זאָל זיין מיט אַ סדר און מ'זאָל

59) ס' הישר לר"ת שי"ג. הובא בשל"ה סט, א.

60) שער היחוד פ"ד.

קענען לייכטער אויסשטעלן די נעמען על הסדר וכו' — זאָל מען אנשרייבן אויף דער פאַרמאַכטער מעטפּה (ענוועלאָפּ) שם המשפחה שלו (צוזאַמען מיט אַן אות חי"ת ר"ת חדש, אַלס סימן אַז די מעטפּה איז פאַרבונדן מיט דעם דבר חדש).

ולהוסיף, אַז ס'איז כדאי לפרסם כל זה.

וואָס נוסף אויף דער תועלת שבזה אַז מ'וועט קענען זען פאַר זיך וואָס מ'האָט אויפגעטאָן, וועט דאָס אויך מזרז זיין, אַז בשנה הבאה זאָל מען נאָכמער מוסיף זיין אין אויפטאָן דברים חדשים אין די אַלע פעולות הנ"ל.

יד. ויה"ר אַז דער חג הגאולה זאָל זיין דער שלב האחרון אין דער עבודה פון דעם דור האחרון בגלות זה האחרון, וועלכע וועט שוין פאַרענדיקן די לעצטע שיריים פון בירורי הגלות,

און דורך דעם (וואָס מ'וועט פאַרענדיקן די עבודה וואָס צוליב דעם איז מען איצטער אין גלות) — וועט בדרך ממילא בטל ווערן דער גלות, און נאָכמער — גולה וועט נהפך ווערן צו גאולה (דורך אַריינשטעלן, ע"י מעשינו ועבודתינו, בגלות דעם אל"ף פון אלופו של עולם)[61],

און דעמולט וועט מקויים ווערן בדרך ממילא בנוגע דעם קומענדיקן „צום הרביעי" — אַז „כל הצומות האלו עתידים ליבטל לימות המשיח, ולא עוד אלא שהם עתידים להיות יום טוב וימי ששון ושמחה[62], יהפכו[63] ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים[64],

און עס וועט בטל ווערן דער ענין פון טומאת מת און מיתה בכלל, און נאָכמער — עס וועט נתהפך ווערן לטוב מאד[65] — נאָר זען די מעלה ועילוי וואָס איז אין דעם פאַראַן — די עליות מדרגא לדרגא עד אין קץ[66] (וואָס בין כל עלי' ועלי' גייט מען דורך אַז עמוד וכו'[67]), והקיצו ורננו שוכני עפר[68],

און מ'וועט אַלע צוזאַמען גיין אין ארץ הקודש, וועלכע איז „מקודשת מכל הארצות"[69], ויש לומר דער פירוש פנימי בזה, אַז איר קדושה יתירה נעמט זיך פון „כל הארצות", פון דער עבודת הבירורים אין חוץ לארץ[70] [וי"ל אַז דערפאַר איז עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות[71]],

און דאָרטן גופא — אין ירושלים עיר הקודש, אין קדש הקדשים, און דאָרט וועט נתגלה ווערן דער ארון ולוחות

61) ראה לקו"ת בהעלותך לה, ג. ס' הליקוטים־דא"ח צ"צ ערך גולה. ושינ. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ד.

62) רמב"ם סוף הל' תעניות.

63) ע"פ ירמי' לא, יב.

64) זכרי' ח, יט.

65) כמו שנאמר בתורתו של רבי מאיר „טוב מות" (ב"ר פ"ט, ה).

66) ראה אוה"ת פרשתנו ע' תתטז ואילך. ד"ה זאת התורה עטר"ת. ועוד.

67) ראה תו"א כב, ד. סא, ג. צב, א. צו, א. ועוד.

68) ישעי' כו, יט.

69) רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ז הי"ב.

70) וכן הוא בנוגע לארץ ישראל עצמה, שגם לאחרי כיבוש הארץ וקביעת קדושתה נקרא גם בשם „ארץ כנען", ויש לומר הטעם — כי קדושת ארץ ישראל נעשית גם ע"י העבודה דכנען מלשון סוחר כו', שמורה על בירור התחתון כו' (תו"א ר"פ וישב).

71) יל"ש ישעי' רמז תקג. פסיקתא רבתי פ' שבת ור"ח. וראה לקו"ת מסעי פט, ב.

הברית (החקוקות) שנגנז במטמוניות עמוקות[72],

ועי"פ כלל הנ"ל פון ירידה צורך עלי' י"ל, אז נוסף צו גילוי הארון, וועט אויך צוקומען דער חידוש פון יתרון האור מן החושך (פון מטמוניות) בחי' ישת חושך סתרו[73],

און מ'וועט ברענגען די פרה העשי־רית וועלכע „יעשה מלך המשיח"[74], וועלכע האָט אין זיך פון (אפר) פרת משה (וועגן וועלכער ס'רעדט פרשתנו) און פון אַלע ט' פרות שלפנ"ז (מעשינו ועבודתינו[75] לפני הגאולה),

במהרה בימינו ממש, אמן כן יהי רצון[76].

72) רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ד ה"א.

73) תהלים יח, יב.

74) רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג.

75) ראה תניא רפל"ז.

76) סיום הרמב"ם בהל' פרה אדומה שם.



משיחות ש"פ בלק, י"ז תמוז – נדחה ויהפך לשמחה – ה'תשמ"ח

א. אודות שבעה עשר בתמוז שחל בשבת, שהתענית נדחה — ידוע[1] פתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בשם זקנו אדמו"ר מהר"ש: הלואי שיהי' נדחה באמת ויהפך לששון ולשמחה.

פתגם זה הוא לא רק ברכה ותפלה, אלא גם תורה־הוראה בעבודת כאו"א מישראל — במכ"ש וק"ו מתורת הבעש"ט הידועה[2] שמכל דבר שיהודי רואה או שומע צריך ללמוד הוראה בעבודתו לקונו, ועאכו"כ פתגם של נשיא בישראל[3], „הנשיא הוא הכל"[4], שב־ודאי יש בו הוראה לכאו"א מישראל.

ונקודת ההוראה — שבקביעות כזו צריך כאו"א להשתדל ביותר (מכיון שישנה נתינת־כח יתירה כו') שע"י עבו־דתו ידחה התענית באמת ויהפך לששון ולשמחה, כדלקמן (ס"ט ואילך).

ב. ויש לבאר תחילה מעלת הקבי־עות די"ז תמוז ביום השבת — דלכאורה אינו מובן:

דחיית התענית היא מפני שאי־אפשר להתענות בשבת, כלומר, דחי' מפני סיבה צדדית, לכאורה לא דחי' אמיתית[5], והראי', שביום ראשון שלאחרי השבת ישנם עניני התענית בתקפם[6] (באם משיח צדקנו לא יבוא ח"ו). ולא עוד, אלא, שמבחינה מסויימת מודגש בו יותר חומר התענית — שהוא בתקפו (לא רק בזמנו, אלא) אפילו לאחרי זמנו[7].

ועפ"ז נחלשת השייכות דדחיית התענית מפני השבת — לדחייתו באמת, ועאכו"כ להפיכתו לששון ולשמחה?

ועכצ"ל, שדחיית התענית היא לא רק מפני שאי־אפשר להתענות בשבת, אלא יש בה גם מעין דחי' באמת, ויתירה מזה, מעין הפיכה לשמחה, שלכן, הי"ז נתינת־כח לדחייתו באמת, ועד להפיכתו לששון ולשמחה.

ג. והביאור בזה:

בתענית — ישנם ב' ענינים־אופנים: (א) חיצוניותו — תענית מלשון עינוי, ענין בלתי־רצוי, בגלל מאורע בלתי־רצוי, (ב) פנימיותו — „יום רצון להוי'"[8], „התגלות רצון העליון ב"ה"[9], וגם פנים־יותו של המאורע הבלתי־רצוי שבגללו מתענים הו"ע טוב, התגלות פנימיות

---

1) סה"ש ה'ש"ת ע' 157 — נת' בארוכה בלקו"ש י"ז תמוז (נדחה) ש.ז.

2) „היום יום" ט' אייר. כש"ט הוספות סקכ"ז־קכט. ושי"נ.

3) ולהעיר, שהפתגם ע"ד דחיית התענית מיוסד על דבריו של רבי — ר' יהודה הנשיא — „הואיל ונדחה ידחה" (מגילה ה, רע"ב — נתבאר בארוכה בלקו"ש שם).

4) פרש"י חוקת כא, כא.

5) כמו דחיית בהמה מלהיות קרבן ע"י מום שבה.

6) ורק בעניניים מסויימים מקילים בתענית נדחה לגבי תענית בזמנו (ראה הנסמן בלקו"ש שם בתחלתו).

7) וחומר נוסף בתענית ביום ראשון — כפי שמצינו ב„אנשי מעמד" ש„לא היו מתענין . . באחד בשבת כדי שלא יצאו ממנוחה ועונג ליגיעה ותענוג", „מעונג שבת לצום" (תענית רפ"ד. רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ו ה"ג), ומזה מובן, שהחיוב להתענות ביום ראשון — אע"פ שיוצאים „מעונג שבת לצום" — מורה על חומר התענית.

8) ישעי' נח, ה.

9) אגה"ת ספ"ב.

האהבה דהקב"ה לבנ"י כמשל המלך שרוחץ בעצמו בנו יחידו מרוב אהבתו[10].

והנה, ענינו של יום השבת — שבו מתגלה הפנימיות שבכל דבר, כמ"ש[11] „ויכל אלקים", „פי' שכלתה בחי' ומדרגת מדת הצמצום וההסתר דשם אלקים, ונמשך התגלות שם הוי', שבת להוי'"[12], היינו, שמתגלה הפנימיות דכל עניני הבריאה — שהתהוותם (לא רק משם אלקים, אלא גם, ובעיקר) משם הוי', לשון מהוה[13]. וכידוע[14] שביום השבת נעשית עליית העולם מבחי' החיצוניות, בחי' המעשה והדיבור, לבחי' הפנימיות, בחי' המחשבה.

ומזה מובן שכאשר יום התענית חל בשבת — אזי מתגלה הפנימיות דיום התענית („יום רצון לה'"), ועפ"ז י"ל, שדחיית התענית ביום השבת היא כתוצאה מזה שנתגלה הפנימיות דיום התענית.

וכיון שדחיית התענית ביום השבת היא מפני התגלות הפנימיות דיום התענית — הרי זה הכנה והקדמה ונתינת־כח לדחייתו באמת[15] (לא רק דחי' למשך זמן, אלא דחי' באמת, ביטול לגמרי[16]), ב„יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[17], שאז יתבטל לגמרי הענין החיצוני (הבלתי־רצוי) שבו, ולא ישאר אלא פנימיותו בלבד — כפס"ד הרמב"ם[18] „כל הצומות האלו עתידים ליבטל לימות המשיח".

ויתירה מזה: כיון שביום השבת התענית (לא רק נדחה, אלא גם) נהפך לשמחה — „וביום שמחתכם אלו השבתות"[19], ועד לתענוג — „וקראת לשבת עונג"[20], „לענגו בעונג אכילה ושתי'"[21], בשר שמן ויין ישן[22], הרי זה הכנה והקדמה ונתינת־כח לשלב הבא לאחרי ביטול הצומות — כהמשך פס"ד הרמב"ם[23] „ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים וימי ששון ושמחה, שנאמר[24] כה אמר ה' צבאות צום הרביעי גו' יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה ול־מועדים טובים והאמת והשלום אהבו"[25].

---

10) אגה"ק סכ"ב. וראה בארוכה אוה"ת מסעי ס"ע א'שפד ואילך — לענין ד' הצומות.

11) בראשית ב, ב.

12) לקו"ת פרשתנו עב, א. ובכ"מ.

13) זח"ג רנז, סע"ב. פרדס ש"א פ"ט. שעהיוה"א רפ"ד.

14) ראה לקו"ת דברים דרושי ש"ש סו, ג. ובכ"מ.

15) ועפ"ז יומתק מ"ש בגמרא (מגילה שם) ש„רבי . . ביקש לעקור תשעה באב . . לא כך הי' מעשה, אלא תשעה באב שחל להיות בשבת הוה, ודחינוהו לאחר השבת, ואמר רבי הואיל ונדחה ידחה" („לא ביקש לעקור לגמרי אלא אותה שנה בלבד" — פרש"י שם) — שהקס"ד „לעקור תשעה באב" הוא מפני שהדחי' היא הכנה לעקירה לגמרי.

16) ועי"ד נדר שהותר מקצתו הותר כולו (נדרים סו, רע"א. וש"נ), ובמכ"ש וק"ו — שהרי ענין החורבן והגלות אינו באופן של נדר, ח"ו, אלא אדרבה, היפך הרצון האמיתי כו'.

17) תמיד בסופה.

18) הל' תעניות בסופן.

19) ספרי בהעלותך יו"ד, יו"ד.

20) ישעי' נח, יג.

21) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס רמב.

22) שם ס"ב.

23) רמב"ם שם. וראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 417 ואילך.

24) זכרי' ח, יט.

25) תוכן הענין דאהבת ישראל ואחדות ישראל — שעי"ז מבטלים סיבת החורבן והגלות (שנאת חנם — ראה יומא ט, ב), וכהבטל הסיבה בטל בדרך ממילא המסובב (וכיון שבנחיים היתה שנאה, הרי האהבה שלאחרי' נעלית יותר — ומביאה הפיכת הצומות לשמחה). ולהעיר, שענין זה („האמת והשלום אהבו") מודגש גם ביום השבת — כפתגם הרגיל דבנ"י „שבת שלום" וכמנהג ישראל להשתדל

ד. והנה, נוסף על גילוי הפנימיות דכללות יום התענית (בכל ימי התעניות בשוה) — יש להוסיף ולבאר גם בנוגע לגילוי הפנימיות דענינו המיוחד של שבעה עשר בתמוז.

ובהקדמה — שמכיון שנקרא בכתוב[24] בשם „צום הרביעי", להיותו בחודש הרביעי (ולא נזכר היום בחודש), מובן, שענינו של צום זה קשור עם תוכנו של חודש הרביעי.

והענין בזה[26]:

חודש הרביעי בא לאחרי ובסמיכות לחודש השלישי, החודש דמתן־תורה, „אוריאן תליתאי כו' בירחא תליתאי"[27], והחידוש שבו לגבי החודש השלישי — שבחודש השלישי מודגש בעיקר הגילוי מלמעלה, נתינת התורה מהקב"ה, ואילו בחודש הרביעי מודגש בעיקר המשכת הגילוי דמתן־תורה בעולם, ע"י עבודתם של ישראל בקיום התומ"צ בפועל ממש, ועד — בכח עצמם.

ואע"פ שהפעולה בעולם (בחודש הרביעי) היא באופן של ירידה לגבי הגילוי מלמעלה (בחודש השלישי) — הרי, ע"י הירידה למטה דוקא נשלמת הכוונה דנתאווה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים[28].

וחילוק זה מתאים גם לחילוק המספרים שלישי ורביעי:

ידוע ששלישי מורה על בחי' המשפיע ורביעי מורה על בחי' המקבל[29]. ודוגמתו בסדר השתלשלות העולמות[30] — ג' עולמות אצילות בריאה יצירה (בחי' המשפיע), והעולם הרביעי, עולם העשי' (בחי' המקבל).

ואע"פ שעולם העשי' למטה מכולם, ועד שהוא באופן של הפסק מהם, כמ"ש[31] „כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו" — הרי, לאידך גיסא, תיבת „אף" היא גם מלשון ריבוי, שמרבה בחי' נעלית יותר כו', עד לבחי' כתר עליון שהיא בחי' אצילות שבאצילות, שנמשכת ומתגלה בעולם העשי' דוקא, „אף עשיתיו", כמבואר בארוכה ובפרטיות בהתחלת הפרשה החסידית בלקו"ת[32] בענין „רובע ישראל"[33] (בחי' רביעית).

וטעם הדבר — כיון ש„תכלית השתלשלות העולמות כו' אינו בשביל עולמות העליונים (כולל עולם האצילות) הואיל ולהם ירידה מאור פניו ית', אלא התכלית הוא עוה"ז התחתון כו'"[34],

---

בהכנסת אורחים ביום השבת (אף שהכנסת אורחים שייכת ליו"ט יותר מאשר לשבת — ראה זח"ב פח, ב. תו"א ר"פ חיי"ש. ובכ"מ).

26) בהבא לקמן — ראה לקו"ש חי"ז ע' 201 ואילך. חי"ח ע' 322 ואילך. חכ"ו ע' 45 ואילך. שיחת ש"פ קרח, אדר"ח תמוז תשמ"ז. ועוד.

27) שבת פח, א.

28) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו. ובכ"מ.

29) ע"ד החילוק בין אבות לאמהות* — שהאבות (בחי' המשפיע) הם במספר ג', והאמהות (בחי' המקבל) הם במספר ד'.

30) ועד"ז במשכן, שיש בו ענינים שהם במספר ג' וענינים שהם במספר ד' (וראה גם מו"נ ח"ב פי"ט. צפע"נ עה"ת ר"פ ויצא).

31) ישעי' מג, ז. — הובא בסיום וחותם פרק ששי דאבות (שלומדים בשבת זו).

32) סז, א ואילך. סט, סע"ג ואילך.

33) כג, יו"ד.

34) תניא שם.

---

*) להעיר מהשייכות לפרשת השבוע, פ' בלק (כג, ט) — „כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו", דקאי על האבות והאמהות (במדב"ר פ"כ, יט. תנחומא פרשתנו יב. זהר פרשתנו ר', ב).

שנעשה דירה לו ית', דירה לעצמותו ומהותו ית'.

ה. עפ"ז יש לבאר גם ענינו הפנימי ד"צום הרביעי":

"צום הרביעי" נקבע בגלל ה"חמשה דברים (ש)אירעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז", שהראשון בהם הוא — "נשתברו הלוחות"[35], שבירת הלוחות שניתנו בחודש השלישי, שממנו נשתלשלו כל המאורעות שלאח"ז כו', עד לכללות ענין החורבן והגלות.

אמנם, כל זה אינו אלא מצד החיצוניות, אבל מצד הפנימיות, הרי אדרבה — ירידה זו, עם היותה ירידה גדולה ועצומה, ה"ה צורך עלי', שעי"ז באים לעילוי גדול יותר, החל מהעילוי דלוחות אחרונות, "כפלים לתושי'"[36], ועד להעילוי שנעשה ע"י כללות "מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[37] — "תכלית השלימות של ימות המשיח"[37], כמבואר בתניא[38] ש"כבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה", היינו, שהגילוי דמתן תורה אינו אלא "מעין" הגילוי דימות המשיח.

ונמצא, שתוכנו של חודש הרביעי (הירידה לעולם העשי', "אף עשיתיו", שעי"ז נשלמת הכוונה דמ"ת בחודש השלישי) מודגש ביותר ב"צום הרביעי" — כי, "צום הרביעי" מורה על הירידה למטה מטה ביותר[39], עד לענינים בלתי-רצויים דלעו"ז כו', אשר, על ידי בירורם והפיכתם לקדושה, אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקא, באים לעילוי דימות המשיח[40], תכלית השלימות דמתן תורה.

בסגנון אחר קצת: שבירת הלוחות בחודש הרביעי מדגישה יותר שלא מספיק הגילוי דמ"ת כפי שהוא בחודש השלישי, גילוי מלמעלה למטה, אלא צ"ל גם הפעולה בעולם בכח עצמו, מלמטה למעלה, שלכן, הלוחות שניתנו בחודש השלישי לא נתקיימו, כי אם, הלוחות שבאו לאחרי תשובת התחתונים (לוחות אחרונות שניתנו ביוהכ"פ[41]), וע"ד לכללות מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות (שעיקרה הו"ע התשובה), שאז נעשה הגילוי דמתן תורה בתוקף[42] וקיום נצחי (גאולה שאין אחרי' גלות), ובתכלית השלימות.

ו. והנה, הפנימיות ד"צום הרביעי" מרומזת גם ביום המיוחד בחודש הרביעי שבו נקבע "צום הרביעי" — יום השבעה עשר בו:

שבעה עשר — בגימטריא טוב. ונמצא, שקביעות הצום ביום שבעה עשר מדגישה את הפנימיות שבו — יום טוב, כפי שיתגלה לעתיד לבוא — "צום

---

35) תענית כו, סע"א — במשנה. רמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ב.

36) שמו"ר רפמ"ו.

37) תניא רפל"ז.

38) פל"ו (מו, א).

39) כולל גם הענין דפירוד ושנאת חנם — היפך בתכלית מענין האחדות, דוגמת עולם העשי' שהוא עולם הפירוד, היפך בתכלית מעולם האצילות, מלשון אצלו וסמוך, עולם האחדות (תו"א בראשית ג, א. ובכ"מ).

40) ראה לקו"ת פרשתנו סט, ד: תיבת אף (אף עשיתיו) בעצמו הוא לא טוב, שהוא בחי' סט"א, ג' פתחו באף כו', ועכ"ז הוא המרבה בחי' הרביעית היותר נעלה, והיינו ע"י שמבררים את בחינת האף שבעשי', כו', ועפ"ז מבאר מחז"ל "במדרש איכה (ספ"א) . . לקו באף ומתנחמים באף כו' ע"ש".

41) תענית שם, ב ובפרש"י. כח, ב.

42) וע"ד התוקף שניתוסף בדבר שיש לו ד' רגלים (חודש הרביעי) לגבי דבר שיש לו ג' רגלים בלבד (חודש השלישי).

הרביעי גו' יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים", יום טוב כפשוטו (ואדרבה — באופן נעלה יותר מימים טובים ע"ד הרגיל), ומעין זה גם עכשיו — בשבעה עשר בתמוז שחל בשבת (כנ"ל ס"ג).

ובעומק יותר: שבעה עשר אינו אלא הגימטריא ד"טוב", אשר, ה"חשבון (גימטריא) מורה על מיעוט האור והחיות והגילוי עד שלא נשאר ממנו כ"א בחי' אחרונה שהוא בחי' החשבון ומספר"[43], היינו, שענין ה"טוב" הוא בהעלם, כי בגלוי (בחיצוניות) נראה דבר בלתי־רצוי, אלא, שבפנימיותו הוא טוב[44].

ויש לקשר זה עם מ"ש[45] "יוסף בן שבע עשרה שנה גו'"[46], בגימטריא "טוב"[47] (וכידוע[48] שיוסף הוא בחי' היסוד[49] שנקרא טוב)[50], אשר, בגלוי ובחיצוניות התחיל אז ענין בלתי־רצוי, הירידה למצרים, "לעבד נמכר יוסף"[51], אלא שבפנימיותו הי' זה דבר טוב[52], שמעבד דשר פרעה נעשה משנה למלך פרעה, ובכללות הירידה למצרים, גלות מצרים, בא הבירור והזיכוך — גאולה ויציאה ממצרים ומ"ת — על ידו זכו לגילוי דמתן תורה[53].

ויש להוסיף גם בנוגע להפנימיות דשבעה עשר בתמוז[54] — כידוע[55] שתוקף האור[56] והחום דהשמש בתקופת תמוז נשתלשל מתוקף הגילוי ד"שמש הוי'" ("שמש ומגן הוי' אלקים"[57]), ובזה

43) שעהיוה"א ספ"ז.

44) ואדרבה — אף שהגימטריא היא בחי' אחרונה הרי בה דוקא מתבטא העצם דהאותיות (ראה ספר הערכים־חב"ד במבוא לערך אותיות ע' כג).

45) וישב לז, ב.

46) ועד"ז "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", בגימטריא טוב (בעה"ט ר"פ ויחי) — שע"י הירידה למצרים דוקא נעשה "ויחי יעקב גו' שבע עשה שנה", מבחר שנותיו (נתבאר בלקו"ש ח"י ע' 160 ואילך). ולהעיר גם מזח"א (רטז, ב) "הא לך י"ז שנין אחרנין בענוגין ותפנוקין כו'" — דקאי על התענוג שנעשה ע"י "יוסף ה' לי בן אחר", הבירור ד"אחר" עד שנעשה "בן" (אוה"ת ויחי (כרך ר) תתשכג, א). וראה לקמן הערה 52.

47) ראה אוה"ת נח ע, א. וישב ער, סע"ב. ועוד.

48) תו"א ויגש מד, ג. ויחי קה, ג. ובכ"מ.

49) להעיר שיוסף הוא רביעאה (זח"ג קסב, ב), ספירת היסוד, "רובע" (ודוגמתו חודש הרביעי) — שההשפעה למטה היא ע"י בחי' היסוד, כמרומז בציור דאות ג' (בחי' המשפיע), שיש בו קו א' בצורת וא"ו, ובסופו נמשך ממנו כמין יו"ד, להורות על סיום וגמר ההשפעה בבחי' המקבל (ראה ביאוה"ז פרשתנו: לאדהא"מ — קז, ד ואילך. להצ"צ — ע' תתרה). וראה לקמן הערה 121.

50) להעיר גם מהשייכות ד"טוב" לענין הגאולה, כמ"ש (רות ג, יג) "אם יגאלך טוב יגאל גו'" (ראה אוה"ת בחוקותי (כרך ב') ע' תרמא. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ב. ועוד).

51) תהלים קה, יז.

52) ואדרבה — "כשמהפכים חשוכא לנהורא נק' טוב מאד" (אוה"ת וישב שם). ולהעיר גם מהענין ד"יוסף ה' לי בן אחר", הבירור ד"אחר" (כנ"ל הערה 46) — "דקאי על מלך המשיח שהוא זרע הבא ממקום אחר כו'" (ראה אוה"ת ויחי שצז, ב).

53) להעיר מהשייכות דמ"ת לירידת יוסף למצרים — "לפי שבמ"ת וירד הוי', כענין ויוסף הורד", "וז"ש אי לאו האי יומא דקגרים כמה יוסף איכא בשוקא מכלל דהאי יומא שייך לבחי' יוסף" (אוה"ת בראשית (כרך ד) ר"פ ויחי). אמנם, הירידה לעולם בפועל היא — בחודש הרביעי (השייך ליוסף), משא"כ בחודש השלישי, שבו מודגש בעיקר הגילוי מלמעלה, אלא שהכוונה היא בשביל שיומשך למטה.

54) כפי שנקרא בכו"כ מקומות בחז"ל, ובמנהג ישראל — לא "צום הרביעי" (כלשון הכתוב), אלא שבעה עשר בתמוז.

55) ראה לקו"ש חי"ח ע' 310. וש"נ.

56) להעיר גם מענין "בוקר דיוסף . . הבוקר אור" (זח"ג פרשתנו רד, סע"א. ביאוה"ז לאדהא"מ פרשתנו קט, א ואילך).

57) תהלים פד, יב.

גופא טו"ב תמוז — "טוב הוי'"[58], כי, הירידה דשבעה עשר בתמוז (החל משבירת הלוחות, עד לכללות ענין החורבן והגלות) היא לצורך העלי' דימות המשיח, שאז יהי' הגילוי ד"שמש הוי'" בתכלית השלימות, כמבואר בתניא[*] שלעתיד לבוא "לא[59] יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[60], "לא יהי' לך עוד השמש לאור יומם וגו' כי הוי' יהי' לך לאור עולם"[61].

ולהעיר, אשר בדורנו זה, נתגלה ענין טוב בחודש תמוז, חודש גאולת כ"ק מו"ח אדמו"ר[62] נשיא דורנו בי"ב תמוז[63], אשר, בגאולה זו נגאלו גם "כל מחבבי תורתנו הק', שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה"[64], גאולה של כל ישראל, שהיא מעין והכנה לגאולה האמיתית והשלימה[65], שאז "צום הרביעי גו' יהי' גו' לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[66].

ועאכו"כ כאשר שבעה עשר בתמוז חל ביום השבת[67] — שאז נתגלה הפנימיות שבו[68], הפנימיות ד"צום הרביעי"[69], כנ"ל בארוכה.

---

58) לשון הכתוב בכ"מ, וגם במזמור "תהלה לדוד" (תהלים קמה, יט), כמבואר בחז"ל (ברכות ד, ב. זח"ג קיט, סע"ב) גודל מעלת אמירתו ג"פ בכל יום (נתבאר ברשימות הצ"צ לתהלים (יהל אור) ע' תקמ ואילך. ובמילואים ע' תערב ואילך. לקו"ש חי"ח ע' 351 ואילך. וש"נ).

59) ישעי' ל, כ.

60) ראה גם פרש"י פרשתנו (כג, כג) "כעת יאמר ליעקב וגו', עוד עתיד להיות . . יושבין לפניו ולומדים תורה מפיו . . וזהו שנאמר והיו עיניך רואות את מוריך" (וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 262 ואילך).

61) ישעי' ס, יט.

62) להעיר, ששמו הראשון — "יוסף", ונולד בחודש הרביעי השייך ליוסף (בחי' היסוד), ובחודש זה היתה גאולתו (לאחרי הקדמת המאסר — "ויוסף הורד"*), שעי"ז ניתוסף בהפצת התורה והיהדות והמעיינות גם "בשוקא" (ראה לעיל הערה 53) — ועד לחצי כדור התחתון.

63) להעיר שהעילוי והשלימות די"ב תמוז — באופן ד"ויכולו" — הוא בשבת זו שלאחרי'.

64) אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' פ. וש"נ.

65) ראה גם לעיל ע' 515 ואילך. ועוד.

66) ועפ"ז יומתק שהפתגם "הלואי שיהי' נדחה באמת ויהפך לששון ולשמחה" אמרו אדמו"ר מהר"ש ביום הש"ק י"ז תמוז שנת תר"ם, לאחרי ובסמיכות ללידת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (בה"שלום זכר").

67) כהקביעות בשנה שבה נולד כ"ק מו"ח אדמו"ר — ראה הערה הקודמת.

68) משא"כ בשחל ביום חול — הפנימיות בהעלם, ולכן, ה"ז יום תענית כו'.

69) ואף שתוכנו של חודש הרביעי הוא העילוי דעבודה בכח עצמו, ואילו שבת "מקדשא וקיימא" מלמעלה (ביצה יז, א) — הרי [נוסף לכך שישנו הענין ד"המענג את השבת" (שבת קיח, סע"א), שיהודי פועל תוספת תענוג ביום השבת] מצינו ש"הי' מהלך במדבר ואינו יודע אימתי שבת, מונה ששה ימים ומשמר יום אחד" (שבת סט, ב), היינו, שגם בקביעות השבת* שייך הענין דעבודה בכח עצמו** (וראה גם המשך תרס"ו ע' קל).

ויש להוסיף בהדיוק ד"הי' מהלך במדבר" — שאינו מקום ישוב, כי, השבת פועלת שלימות בעולם (מקום ישוב), וכשישנו חלישות כו' ח"ו בשמירת

---

*) בחודש סיון — שהרי, גם במ"ת בחודש סיון (חודש השלישי) עיקר הכוונה היא הירידה למטה דוקא (כנ"ל בהערה 53).

*) ראה בארוכה לקו"ש ח"ח ע' 52 ואילך שזהו"ע דקביעת קדושת שבת ממש.

**) ודוגמתו בתורה — "דכו"ע בשבת ניתנה תורה לישראל" (שבת פו, ב) — שנוסף לכך שהכוונה דמ"ת היא שתהי' העבודה בכח עצמו, הרי, גם בלימוד התורה ישנה מעלת העבודה בכח עצמו — "לאפשא לה" (זח"א יב, ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ב ה"ב. וש"נ). וראה לקמן בשוה"ג להערה 123.

ז. והנה, גילוי הפנימיות דשבעה עשר בתמוז מצד קביעותו ביום השבת (שידחה באמת ויהפך לששון ולשמחה) — מודגש גם בפרשת השבוע, פ' בלק:

בפ' בלק (בחלק הפרשה השייך במיוחד ליום השבת) מדובר אודות הגאולה ע"י משיח צדקנו — כמבואר בפירוש רש"י (פשוטו של מקרא[70]) "וירד מיעקב[71], ועוד יהי' מושל אחר מיעקב (נוסף על דוד שאודותיו מדובר בפסוקים שלפנ"ז) . . ועל מלך המשיח **אומר כן".**

ומבואר גם (באופן אחר קצת[72]) ב"משנה תורה" להרמב"ם[73] (שבו נתבארו כל הלכות התורה, גם ההלכות דביהמ"ק, הלכות דמלך המשיח וכו') — פס"ד להלכה:

"המלך המשיח . . התורה העידה עליו שנאמר כו', אף בפרשת בלעם **נאמר ושם נבא בשני המשיחים, במשיח הראשון שהוא דוד שהושיע את ישראל מיד צריהם, ובמשיח האחרון שעומד מבניו שמושיע את ישראל [באחרונה][74].**

ושם הוא אומר[75] אראנו ולא עתה זה דוד, אשורנו ולא קרוב זה מלך המשיח. דרך כוכב מיעקב זה דוד, וקם שבט מישראל זה מלך המשיח. ומחץ פאתי מואב זה דוד, וכן הוא אומר[76] ויך את מואב וימדדם בחבל, וקרקר כל בני שת זה המלך המשיח, שנאמר בו[77] ומשלו מים עד ים. והי' אדום ירשה זה דוד, שנאמר[78] ותהי אדום לדוד לעבדים וגו', והי' ירשה וגו' זה המלך המשיח, שנאמר[79] ועלו מושיעים בהר ציון וגו'".

זאת ועוד: במנחת שבת[80] מתחילין לקרוא פ' פינחס — "פינחס זה אליהו"[81], מבשר הגאולה[82].

ומובן, שכאשר קורין פ' בלק והתחלת פ' פינחס בשבת שבו חל י"ז תמוז, אזי מודגשת יותר דחיית התענית, והתגלות הפנימיות שבו — שיהפך לשמחה בימות המשיח.

ח. ויש להוסיף ולקשר זה עם פרק ששי דאבות שלומדים בשבת זו — שגם בו מודגש ענין הגאולה:

א) "כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם"[83]. **ויש לומר הפירוש (הפנימי) בזה — שעי"ז שמרגיל את**

השבת, ה"ז בחינת "מדבר". ומצד הירידה ד"מדבר" — צריך ויכול יהודי לפעול ענין השבת בכח עצמו — "להרעיש" ע"ד הצורך וההכרח והנחיצות והיוקר כו' דשמירת השבת.

70) פרש"י בראשית ג, ח. שם, כד. ועוד.

71) כד, יט.

72) ביאור החילוק שבין שיטת רש"י לשיטת הרמב"ם — ראה בארוכה לקו"ש חי"ג ע' 85 ואילך.

73) הל' מלכים ומלחמותיהן ומלך המשיח רפי"א. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 271 ואילך.

74) להעיר, שהנבואה אודות "שני המשיחים . . משיח הראשון . . ומשיח האחרון כו'", מדגישה את החורבן והגלות בינתיים (כי הגאולה שע"י "משיח הראשון" לא היתה בשלימות וקיום נצחי, שלכן בא "משיח האחרון", גאולה שאין אחרי' גלות), שעי"ז דוקא זוכים לתכלית העילוי והשלימות דימות המשיח.

75) כד, יז־יח.

76) ש"ב ח, ב.

77) זכרי' ט, י"ד.

78) ש"ב שם, ו.

79) עובדי' בסופו.

80) זמן הקרוב ושייך ליום ראשון (יום התענית שנדחה משבת) — כדמוכח מזה שאין אומרים צו"צ כשאין אומרים תחנון ביום ראשון (שו"ע אדה"ז או"ח סי"ס רצב).

81) רלב"ג מ"א יז, א. וראה תיב"ע וארא ו, יח. זח"ב קצ, סע"א. ועוד.

82) ראה גם — בארוכה ובפרטיות — שיחת יום א' פ' פינחס, תענית י"ז תמוז נדחה, שנה זו.

83) סוף משנה ו.

עצמו לומר עניני התורה בשם אומרם, עד להאומר הראשון, הקב"ה, אזי פועל כן גם בעניני העולם, שבכל "דבר" שב־עולם יהי' ניכר בגלוי "שם אומרו" — "ברוך שאמר והי' העולם", ועי"ז "מביא גאולה לעולם" — "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[84].

ב) ובהמשך לזה — בסיום וחותם הפרק — "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו, שנאמר ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו", היינו, שתפקידו ועבודתו של יהודי לגלות את מציאותו האמיתית של כל נברא[85] — לכבודו של הקב"ה, ומסיים, "ואומר[86] ה' ימלוך לעולם ועד", שעי"ז מגלים מלכותו של הקב"ה בכל העולם, עד לתכלית השלימות — "לעתיד לבוא שכל המלוכה שלו"[87].

ובזה נכלל גם גילוי "שם אומרו", ותכלית בריאתו ("לא בראו אלא לכבודו"[88]) ד"צום הרביעי" — ע"י הפיכתו לששון ולשמחה.

ט. ע"פ כל האמור לעיל, מובן, שב־שבת זו יש נתינת־כח מיוחדת לעבודת כאו"א מישראל לדחות התענית (ע"י גילוי הפנימיות שלו), עד לדחייתו באמת (ביטולו לגמרי), והפיכתו לששון ולשמחה — ע"י ההוספה ביתר שאת וביתר עוז בענינים המיוחדים שממהרים ומזרזים את הגאולה האמיתית והשלימה.

ולכל לראש — הצפי' לגאולה, כלשון חז"ל[89] "צפית לישועה", כמבואר בכו"כ מקומות בדברי חז"ל שהצפי' לגאולה, והבקשה והדרישה על הגאולה, ממהרת ומזרזת את הגאולה בפועל ממש[90].

ויש להדגיש בענין זה דבר שלא כאו"א שם לב אליו, ולא עוד, אלא, שיש כאלו שרוצים להתעלם ח"ו מזה:

בדברי הרמב"ם שביאת המלך המשיח מפורשת בפרשתנו (כנ"ל ס"ז) — כתב פס"ד ברור: "כל מי שאינו מאמין בו (במלך המשיח), או מי שאינו מחכה לביאתו, לא בשאר נביאים בלבד הוא כופר, אלא בתורה ובמשה רבינו, שהרי התורה העידה עליו וכו'".

וההדגשה בזה — בשתים:

א) האמונה בביאת המשיח היא לא רק מהענינים שנאמרו ע"י הנביאים[91], דברי קבלה — אף שזה קבלה מהוי' נותן התורה — אלא גם דבר המפורש בתורת משה[92], ולא רק במקום אחד, אלא בכמה מקומות[93] (כפי שהולך ומפרט), שלכן, הכפירה בדבר זה, ר"ל, היא לא רק "בשאר נביאים . . אלא בתורה ובמשה רבינו", רחמנא ליצלן.

84) ישעי' מ, ה.

85) שענין זה — הגילוי — הוא תכלית כוונת הבריאה, שהרי, למעלה אין כח חסר פועל (ראה המשך תרס"ו בתחלתו), אלא שהכוונה היא שיתגלה גם הפועל (כפי שהוא בפ"ע), ע"י עבודת האדם, בכח עצמו (תוכנו של חודש הרביעי וצום הרביעי, כנ"ל ס"ד־ה).

86) בשלח טו, יח.

87) פרש"י שם, יז.

88) ראה מנחות פג, ב ובתוד"ה מתני' שם.

89) שבת לא, סע"א.

90) ראה לקו"ש וישב תשמ"ז בסופו. ושי"נ.

91) "בדברי הנביאים אין הדבר צריך ראי' שכל הספרים מלאים בדבר זה" (שם ה"ב).

92) "ואלו הדברים המפורשים בתורה הם כוללים כל הדברים שנאמרו על ידי כל הנביאים" (שם ה"א).

93) וי"ל — ע"ד שמצינו בהלכה — שנה עליו הכתוב לעכב, או להרבות בלאוין.

ב) ועוד ועיקר: לא רק „מי שאינו מאמין בו" כופר בתורה ובמשה רבינו, אלא אפילו „מי שאינו מחכה לביאתו", היינו, שמאמין בביאת המשיח, אלא שאינו מחכה לביאתו — הוא כופר בתורה ובמשה רבינו!!

וכאמור, על ענין עיקרי זה — שגם „מי שאינו מחכה לביאתו . . הוא כופר . . בתורה ובמשה רבינו" — לא שמים לב (כראוי), ולכן, יש צורך „להרעיש" ע"ד החיוב וההכרח לחכות לביאתו, „אחכה לו בכל יום שיבוא"[94], וכהודעת כל אחד ואחד בתפלתו לפני השם „לישועתך קוינו כל היום", לא רק בכל יום, אלא גם „כל היום"[95].

ופשוט, שכיון שמפורש הדבר בתורה, אין כל תועלת להתעלם מזה ר"ל, כי, „דבר אלקינו יקום לעולם"[96].

ועוד:

גם מי שטוען ר"ל שאינו מחכה לביאתו, ואפילו מי שטוען שאינו מאמין בו, ר"ל — הרי, באמת רק מרמה את עצמו (נאַרט זיך אַליין) כי גם הוא מאמין בביאת המשיח ומחכה לביאתו, כפס"ד הרמב"ם[97] שרצונו האמיתי של כאו"א מישראל „לעשות כל המצוות ולהתרחק מן העבירות", אלא „יצרו הוא שתקפו" (ולכן, גם כאשר יש צורך לכופו עד שיאמר רוצה אני, הדבר נעשה „לרצונו", „יקריב אותו לרצונו"[98]).

ויש לקשר זה עם שיעור היומי ברמב"ם[99] — „בעלי חיים חשובין הן ואינם בטלין . . אין בעלי חיין נדחין"[100], די"ל הביאור בעבודת האדם („לתקן הדעות"[101]), ש„בעלי חיים" קאי על בנ"י, „ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים גו'"[102], שלכן, בכל מעמד ומצב כו' אינם בטלין, ואפילו אינם נדחין[103], כי, מציאותם האמיתית היא — קרבן לה', „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'"[104], „יקריב אותו לרצונו", כאמור, שרצונו האמיתי להיות

---

94) נוסח „אני מאמין". וראה לקו"ש חכ"ג ע' 394.

95) ומה שלא נזכר ענין זה בין המצוות שחיובן תמידי בכל רגע (ראה אגרת המחבר בריש ס' החינוך) — הרי זה מפני שאין זה בכלל תרי"ג מצוות, כי, האמונה שהמלך המשיח עתיד לעמוד כו' והחיוב לחכות לביאתו הם בזמן הגלות, משא"כ לאחרי ביאת המשיח וכן בזמן דוד (ומלכות ב"ד) עליו נאמר דרך כוכב גו', כנ"ל.

96) ישעי' מ, ח.

97) הל' גירושין ספ"ב.

98) ויקרא א, ג. רמב"ם הל' מעשה הקרבנות ספי"ד.

99) להעיר שלימוד יומי ברמב"ם בכל תפוצות ישראל הוא מהענינים הממהרים ומביאים את הגאולה — אחדותם של ישראל* (היפך סיבת החורבן והגלות) ע"י לימוד הלכות התורה, אשר, „אין הגליות מתכנסות אלא בזכות המשניות" (ויק"ר פ"ז, ג), הלכות פסוקות (ראה לקו"ת דברים א, ב־ג).

ובהשגחה פרטית — מתאחדים ביום הש"ק זה ב' הסוגים דלומדי הרמב"ם, הן הלומדים ג"פ ליום, והן הלומדים פ"א ליום — ששניהם לומדים הלכה זו**.

100) הל' פסולי המוקדשין רפ"י.

101) ראה רמב"ם הל' תמורה בסופן.

102) ואתחנן ד, ד. וראה אבות דר"נ ספל"ד.

103) ולאידך גיסא — הענינים הבלתי־רצויים, כמו „צום הרביעי", מכיון שהדבר הבלתי־רצוי אינו אלא חיצוניות הענין בלבד, ה"ז נדחה, ויתירה מזה, שבטל לגמרי (ועד שנהפך לטוב), ע"י שנתגלה הפנימיות שבו, כנ"ל בארוכה.

104) ויקרא א, ב. וראה לקו"ת ויקרא ב, ב ואילך. המשך באתי לגני תש"י פ"ב. ועוד.

---

*) כולל גם הנשים והטף — ע"י הלימוד המקביל בספר המצוות.

**) ותוכנה — הדגשת מעלת כאו"א מישראל, יהי' מי שיהי' (כדלקמן בפנים), שזהו"ע דאהבת ישראל ואחדות ישראל.

בקירוב (קרבן מלשון קירוב[105]) להקב"ה, לתורתו ולמצוותיו.

י. ונוסף על כללות הענין דצפי' לגאולה — יש להוסיף בלימוד עניני התורה השייכים לגאולה.

ולכל לראש — לימוד הלכות בית הבחירה, בספרו של הרמב"ם, הלכות פסוקות, ולפנ"ז — במשנה ובגמרא, מסכת מדות ותמיד, ולפנ"ז — בתושב"כ (דברי קבלה), הפרקים ביחזקאל[106] המדברים אודות "בנין העתיד להבנות"[107].

וכמדובר כמ"פ בשנים שלפנ"ז, אשר, בימי "בין המצרים" (החל משבעה עשר בתמוז[108]) יש להוסיף במיוחד בלימוד הענינים השייכים לבנין ביהמ"ק, על יסוד מאמר המדרש[109] "א"ל הקב"ה (ליחזקאל) גדול קרייתה בתורה כבניינה, לך אמור להם ויתעסקו לקרות צורת הבית בתורה, ובשכר קרייתה . . אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית", ויתירה מזה — שע"ז "בנין ביתי" אינו "בטל"[110].

יא. וכן צריך להוסיף בהענין ד"ציון במשפט (הלכות התורה[111]) תפדה ושבי' בצדקה"[112], ובלשון הכתוב[113] — שהובא ונתבאר בזהר דפרשת השבוע[114]: "רבי חזקי' פתח" — "כה אמר ה' שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי וגו'" (ובפרט ע"פ ביאור אאמו"ר בהערותיו על הזהר[115] הקשר והשייכות לפרשתנו ע"ד הקבלה וכו')[116].

ויש להוסיף, שבמ"ש "שמרו משפט ועשו צדקה" נכללים כל המצוות:

"שמרו" — קאי על השמירה דמצוות לא תעשה, "כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא בלא תעשה"[117], וזהו מש"נ "שמרו משפט", "כי משפט הוא דינים כו'"[118], דוגמת השופטים שעיקר ענינם בשלילת הנהגה בלתי-רצוי'. "ועשו צדקה" — הקיום והעשי' דמצוות עשה, כי צדקה היא כללות כל המצוות[119].

וי"ל שבהענין ד"עשו צדקה" גופא

---

105) ראה ס' הבהיר סמ"ו (קס). לקו"ש חס"ז ע' 294 הערה 21. וש"נ.

106) סימן מ' ואילך.

107) רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ד.

108) גם כשחל בשבת, ואדרבה — מכיון שבקביעות ביום השבת נתגלה הפנימיות שבו, הרי בודאי שצריך להוסיף יותר בענין הטוב די"ז תמוז — הגאולה ובנין ביהמ"ק השלישי.

109) תנחומא צו יד. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 412 ואילך.

110) כמובן ממ"ש לפנ"ז "ובשכיל שבני נתונים בגולה יהא בנין ביתי בטל"? והמענה לזה — "לך אמור להם ויתעסקו לקרות צורת הבית בתורה כו'", היינו, שע"י הקריאה בתורה "בנין ביתי" אינו "בטל".

111) לקו"ת ר"פ דברים (א, סע"ב) — ע"פ ת"ז וישב מ, יג.

112) ישעי' א, כז.

113) שם נו, א — בהפטרה דיום התענית.

114) קצח, א.

115) לקוטי לוי"צ פרשתנו ע' תא ואילך.

116) להעיר שתוכן מאמר הזהר הוא בענין ג הבבות (ב"ק ב"מ וב"ב) ד"נזיקין", שתוכנם ברוחניוו — ענין החורבן והגלות, אשר, ע"י הלימוד בתורו מבטלים ה"נזיקין", ועד שמהפכים אותם לטוב — ג הגאולות, הקשורות גם עם ג' בתי מקדש (ראו לקו"ש חכ"ד ע' 150 ואילך. וש"נ).

117) עירובין צו, א. וש"נ.

118) לקוטי לוי"צ שם ע' תד.

119) ראה תניא פל"ז (מח, ב). לקו"ת פרשתנ סח, ב. ובכ"מ. — ולהעיר, שבמצוות עשה ("עש צדקה") נכללת גם מצות יראת ה' הכוללת כל מצווו ל"ת (ראה תניא פ"ד. ובכ"מ). וי"ל שנכללים ג. במצות הצדקה כפשוטה — ע"פ המבואר בתני (פל"ז) במעלת הצדקה ש"נותן חיי נפשו לה'", היינ החיות של כל האברים (מ"ע) והגידים (מל"ת).

ישנו גם הענין ד"שמרו משפט" — כי, נוסף על קיום המצוה נעשה גם בירור הדבר הגשמי שבו מקיימים המצוה, היינו, שהדבר הגשמי, מציאות העולם (מלשון העלם[120]), מתברר ומתהפך לקדושה[121]. ובלשון הידוע[37] "מעשינו ועבודתינו", "מעשינו" קאי על עשיית המצוה עצמה, ו"עבודתינו", מלשון עורות עבודים[122], קאי על בירור והפיכת הדבר הגשמי — "שמרו משפט"[123].

120) לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ.

121) וי"ל, שב' ענינים אלו שייכים גם לב' הפירושים שב"(צום ה)רביעי": פי' הא', שקאי על דרגא האחרונה דהמשפיע (חלק רביעי, יסוד), כמו שנעשה נבדל מכללות השפע, ובפרטיות יותר, כמו "שנקלט בכלי המקבל", ופי' הב', שקאי על המקבל (מלכות) עצמו (ראה ביאוה"ז שבהערה 49) — כי, גם בהעלי' שע"י הירידה ד"צום הרביעי" (שיהפך לששון ולשמחה) יש ב' ענינים: (א) ע"י עבודתם של ישראל ("עשו צדקה") גם בירידתם בגלות (ע"ד גילוי ה"רביעי" דהמשפיע גם לאחרי שנתצמצם כו' ומתלבש בהמקבל) — מתגלה התוקף הבלתי מוגבל שבהם, (ב) ע"י הפיכת גשמיות העולם לקדושה ("שמרו משפט"), ובפרט הפיכת גשמיות העולם בזמן הגלות (ע"ד הגילוי דשורש המלכות גופא) — נעשה דבר חדש שלא הי' מקודם גם בהעלם (ראה עד"ז סה"מ — מלוקט ח"ב ע' ע ואילך — ב' ענינים אלו בהעילוי דתשובה).

122) ראה תו"א משפטים עו, א. ובכ"מ.

123) להעיר מהמבואר לעיל מלקו"ת (ר"פ דברים) ש"ציון במשפט תפדה" קאי על הלכות התורה. ואולי י"ל שגם הענין ד"שמרו משפט" (בירור והפיכת הגשמיות) שייך לתורה — כי, הכח שבמצוות להפוך את ההעלם וההסתר דגשמיות העולם לקדושה הוא מפני היותם מצוות התורה. כלומר, מצד גדרם של המצוות כפי שנמשכו להיות ציווי והוראה להאדם איך לפעול בעולם — יש תפיסת מקום לעולם, ואא"פ להפכו לגמרי, אבל ע"י היותם מצוות התורה, שאורייתא וקב"ה כולא חד — לכן ביכלתם לפעול דבר חדש*, להפוך את העולם לקדושה (ראה הדרן על הרמב"ם שנה זו (נדפס לעיל ח"א ע' 205 ואילך) הערה 80).

*) ולהעיר, שבמצות לא שייך ענין החידוש, משא"כ בתורה ישנו חיוב "לאפשא לה".

וזהו מאמר הנביא לכנס* — "כה אמר ה' שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי גו'" — השייך ומודגש ביותר בדורנו זה, דור האחרון:

שמעו יהודים — מכריז הנביא בשם הקב"ה — מכיון ש"קרובה ישועתי", שהרי תיכף ומיד בא משיח צדקנו, לכן, "שמרו משפט ועשו צדקה", חיטפו (כדיוק חז"ל[124] אשר ב"האי עלמא" צ"ל "חטוף") וקיימו עוד מצות־עשה אחת ("צדקה" לשון יחיד) ושמירת עוד מצות לא תעשה אחת ("משפט" לשון יחיד), מצוה אחת ואחרונה שתכריע את כל העולם כולו לכף זכות ותביא תשועה והצלה האמיתית[125], "ישועתי", גאולה האמיתית והשלימה!

יב. ועוד ענין שיש לעורר אודותיו — ענין שהזמן גרמא, בקשר לתקופת תמוז בכללותה:

בתקופת תמוז מתגבר אור וחום השמש[126], תקופת הקיץ, אשר, ענין זה "נשתלשל" מהתגברות תוקף הגילוי ד"שמש הוי'" (כנ"ל ס"ו).

ומכיון שבתקופה זו נהוג (במדינה זו וכיו"ב) לשלוח את הילדים והילדות ל"מחנות קיץ" — יש להשתדל ביותר וביותר שכל ילדי ישראל[127] יהיו ב"מחנות קיץ" שבהם מאיר הגילוי

124) עירובין נד, א.

125) רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד.

126) בחצי כדור הצפוני, כולל גם במדינה זו, אשר, בענין זה משתווית עם ארץ ישראל, חצי כדור העליון (גם ביחס למזרח ומערב), שבו הי' מתן תורה כו'.

127) להעיר ממ"ש בפרשתנו (כג, יו"ד) "מי מנה עפר יעקב" — "דעדקייא דבית יעקב" (ת"א ופרש"י עה"פ).

ד„שמש הוי'", כלומר, מחנות קיץ הכשרים, עד לטהרת הקודש[128].

ומובן בפשטות — ואין צורך להאריך ולבאר — גודל ההשפעה דמחנות קיץ אלו,

הן בנוגע לילדים שבמשך השנה אינם מקבלים, לדאבוננו, חינוך הכשר (ועאכו"כ חינוך על טהרת הקודש), שזוהי ההזדמנות הטובה ביותר להחדיר בהם תורה ויהדות,

והן בנוגע לילדים שגם במשך השנה זוכים לקבל חינוך על טהרת הקודש — שגם אצלם ניתוסף בתורה ויהדות ע"י שנמצאים במשך תקופה ארוכה (לפי־ערך) ב„מחנה קיץ", אשר, במשך כל המעת־לעת, ביום ובלילה, מנותקים הם מ„המונה של רומי"[129], ואינם צריכים להשתדל בעצמם ד„לא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים"[130], שפוגשים בהם במשך השנה, בהיותם בעיר, ועד"ז בשאר ענינים דוגמתם,

ולאחרי שמתרגלים בזה במשך זמן — הרי „הרגל נעשה טבע"[131], שהולך ונמשך בכל הימים שלאח"ז (ועד — „גם כי יזקין לא יסור ממנה"[132]).

יג. ובהמשך לזה, יש לעורר עוה"פ ועוה"פ ע"ד גודל ההכרח והנחיצות לפעול בחינוך בני ובנות ישראל:

בשבועות האחרונים מדברים פעם אחר פעם אודות המצב המבהיל שמאות אלפי ילדי ישראל, בחוץ לארץ ובארץ הקודש, מסתובבים ללא ידיעה באל"ף־בי"ת של יהדות, ולכן, חוב קדוש על כאו"א להשתדל ביותר וביותר לפעול בחינוך ילדי ישראל (כולל גם „ילדים" ביהדות) בדרך התורה והיהדות, כמדובר בארוכה בהתוועדויות האחרונות.

ועל כן — ההצעה והבקשה, כפולה ומכופלת[133]:

בכל מקום ומקום יקבעו שנה זו ל„שנת הילד והילדה", שנה שבה יקדישו שימת־לב מיוחדת ויתירה, מתוך מסירה ונתינה, לנושא חינוך בני ובנות ישראל בדרך התורה והיהדות, ע"ז שכאו"א יתמסר לעסוק בענין החינוך, כולל ובמיוחד — לעורר את הורי הילדים לחנך את הילדים בבתי־ספר, חדרים וישיבות כו', שבהם יקבלו חינוך יהודי בדרך התורה והיהדות, חינוך הכשר, עד לחינוך על טהרת הקודש.

ויש להוסיף ולהדגיש שענין זה שייך לכל אחד ואחת, הן האנשים, הן הנשים (כולל גם בנוגע להורים — הן האב, והן — ועאכו"כ — האם[134]), והן הטף, שגם הם יכולים וצריכים להשפיע בחינוך חבריהם וחברות שלהן, ובפרט שמצד טבעם של ילדים רוצים הם „לשלוט" על ילדים אחרים, להורות להם כיצד

---

128) להעיר מחילוקי הדרגות בקדושה עד ל„מי חטאת" (חגיגה יח, ב). וי"ל בהדיוק ד„מי חטאת" — שטבע ה„מים" שיורדים ממקום גבוה למקום נמוך (תענית ז, א), היינו, ששלימות הקדושה (חטאת) נמשכת ויורדת למטה, לא רק בהמוחין ומדות, אלא גם בכלי המעשה — „מים חיים אל כלי".

129) ל' חז"ל — מכות בסופה.

130) ראה טושו"ע ואדה"ז או"ח בתחלתו.

131) שבילי אמונה נ"ד ש"ב. פחד יצחק בערכו. שו"ת הרמ"ע מפאנו סל"ד. תניא ספי"ד. פט"ו (כא, א). פמ"ד (סג, ב).

132) משלי כב, ו.

133) ראה אגה"ת (בתניא) ספ"ט.

134) ראה של"ה שער האותיות מד, א. הובא בקונטרס „חנוך לנער" ס"ע 34 ואילך.

להתנהג כו', החל ע"י שהילד „המחנך" מראה עצמו דוגמא־חי', ולכן, עליהם לנצל טבע זה להשפיע על חבריהם וחברותיהן בעניני יהדות, תורה ומצוות".

ופשיטא — שהפעולה בכל הענינים האמורים צריכה להיות מתוך אהבת ישראל עד לאחדות ישראל,

ומעניתא דיזמא — דחיית התענית: ע"י אהבת ישראל מבטלים סיבת הגלות, וב־הבטל הסיבה בטל בדרך ממילא המסובב, הגלות[135].

יד. ויה"ר שע"י מעשינו ועבודתינו בכל הנ"ל,

— ובאופן המודגש בשנה זו, שנת הקהל, „הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[136], ושנת תשמח, תְּשַׂמַּח ותְשַׂמח —

נזכה — במהרה בימינו ממש, תיכף ומיד — לקיום היעוד „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[137], „קהל גדול"[138], שלימות האחדות דכל בנ"י,

כולל גם „הקיצו ורננו שוכני עפר"[139], ומשה („גואל ראשון"[140]) ודוד („משיח הראשון") עמהם, וכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו עמהם, כולל ובמיוחד — אלו שהלכו לעולמם לפני משך זמן קצר (שאצלם השינוי ד„הקיצו ורננו" קל יותר),

וכולם יחדיו — „ישובו הנה"[138], לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש ולבית המקדש, עד לקדש הקדשים, המרכז והיסוד דכל העולם כולו, „אבן שתי' שממנה הושתת העולם"[141], ומשם נמשכת הקדושה בכל ארץ ישראל, ובכל העולם כולו, שהרי, „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות"[142].

וכל זה — באופן של זריזות, הן בנוגע לעבודתם של ישראל, „ממלכת כהנים"[143], ש„זריזין הן"[144], והן (ועאכו"כ) בנוגע לפעולתו של הקב"ה בהבאת הגאולה ש„אלקיכם כהן הוא"[145],

ויתירה מזה — שתיכף כבר אין מקום לדבר על ביאת הגאולה (בעתיד), כי הגאולה כבר בהווה[146], ו„צום הרביעי" הוא כבר עכשיו בהוה „יום טוב ויום ששון ושמחה", עד לשלימוּת השמחה — „שמחת עולם על ראשם"[147].

---

135) כנ"ל הערה 25.

136) וילך לא, יב.

137) ישעי' כז, יב.

138) ירמי' לא, ז.

139) ישעי' כו, יט.

140) ראה שמו"ר פ"ב, ד. שם, ו. דב"ר ספ"ט.

141) יומא נד, ריש ע"ב.

142) ראה ספרי דברים בתחלתו. פס"ר פ' שבת ור"ח. יל"ש ישעי' רמז תקג. לקו"ת מסעי פט, ב. ובכ"מ.

143) יתרו יט, ו.

144) שבת כ, א. ושי"נ. רמב"ם הל' שבת פ"ג ה"כ.

145) סנהדרין לט, סע"א.

146) להעיר, ש„הוה" הוא פירוש שם הוי', כי, היו"ד היא „משמשת על הפעולה שהיא בלשון הוה ותמיד" (תניא ח"ב רפ"ד). — ולהעיר אשר יו"ד היא גם נקודה (הראשונה או נקודת התמצית) הכוללת כל הענין (ולפעמים ענינה בספירות — ספירת המלכות, או החכמה או הכתר), ודוגמתה בעבודה — נקודת האמונה, „בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר וצדיק באמונתו יחי'" (מכות בסופה).

147) ישעי' לה, יו"ד. נא, יא.

משיחות ש"פ פינחס, מבה"ח מנחם־אב ה'תשמ"ח

א. בנוגע דעם זמן פון „בין המצרים"[1] שטייט אין תנ"ך[2] (אין דער הפטורה פון דעם ערשטן שבת פון „בין המצרים"[3]) אז ירמי' האָט געזען א „מקל שקד" און דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט „היטבת לראות כי שוקד אני על דברי לעשותו". ברייננגט רש"י (פון „מדרש אגדה"[4]) אַז כשם ווי שקדים ווערן פאַרטיק במשך גאָר אַ קורצער צייט — עשרים ואחד יום, אַזוי אויך דער חורבן ביהמ"ק איז געווען במשך איין און צוואַנציק טעג. בשבעה עשר בתמוז „הובקעה העיר". און בתשעה באב (איין און צוואַנציק טעג נאָך שבעה עשר בתמוז) „נשרף הבית".

אעפ"כ, ווערט דער זמן פון בין המצרים אָנגערופן (לויט מנהג ישראל) ניט מיטן נאָמען „די איין און צוואַנציק טעג" נאָר „די דריי וואָכן". און אויך אין הלכה הייסט עס מיטן נאָמען „שלשה שבועות"[5].

דאַרף מען פאַרשטיין: וויבאַלד אַז דער רמז אין פסוק אויף דעם זמן איז „מקל שקד", און תורה שבעל פה רופט עס אָן מיטן נאָמען „כ"א יום" — איז פאַרוואָס הייסט עס במנהג ישראל (און אויך אין הלכה) „דריי וואָכן"[6]?

ב. ויש לומר הביאור בזה[7]:

יעדע זאַך אין וועלט איז באמת טוב. וואָרום וויבאַלד אַז אַלץ קומט פון דעם אויבערשטן וואָס ער איז עצם הטוב, און

1) לשון הכתוב — איכה א, ג: כל רודפי' השיגוה בין המצרים. ואמרו חז"ל (איכ"ר עה"פ (פ"א, כט). פרש"י שם): בין המצרים כו' משבעה עשר בתמוז עד תשעה באב כו'.

2) ירמי' א, יא־יב.

3) תוד"ה ראש — מגילה לא, ב. טושו"ע או"ח רסתכ"ח.

4) ירושלמי תענית פ"ד ה"ה (הובא בטור או"ח סו"ס תקנא). קה"ר פי"ב, ז. ועוד.

5) ראה ט"ז או"ח שם סקי"ז. ועוד.

6) בטור שם (וכ"ה בשבלי הלקט השלם סי' רסג (בשם הרס"ג). ט"ז שם) „וי"א כנגד שלשה שבועים שהתענה דניאל"*. אבל לכאורה הי' צריך לקרוא הזמן דבין המצרים על שם המאורע (החורבן) שהי' אז, ולא על שם התענית דדניאל (שהוא רק תוצאה מזה)** — והרי הזמן דהחורבן נק' בתורה שבע"פ בשם „כ"א יום". וראה לקמן הערה 21.

7) א' מהביאורים בזה יש לומר ע"פ המבואר ברשימת הצ"צ לאיכה (אוה"ת נ"ך ע' א'צז) „ג' שבועות בין המצרים בזמן כמו מדבר במקום ומקדים רפ:אה למכה ג' שבתות שבהן. ובכל שבת ז' שבתות*, נמצא ר' פעמים ז' ע"ז מכניעים המדבר מ"ב". ועפ"ז י"ל הטעם שנקרא „ג' שבועות", כי דוקא במספר זה (ב' פעמים ג' (=ר') פעמים ז') מרומז הכנעת המדבר מ"ב.

אבל כיון שימים אלו נקראים „שלשה שבועות" בפי כל, גם ע"י אנשים פשוטים, וגם סף [שכמה מנהגי בין המצרים שייכים גם להם (נסמן לקמן הערה 28)] — צ"ל הביאור בזה מובן בפשטות גם להם.

*) דניאל יו"ד, ב־ג. ובמצודת דוד שם (וראה גם פירוש הרס"ג שם) „ג' שבועות של ימים והם כ"א יום".

בפירש"י לדניאל שם (הובא בב"ח לטור שם), ד„שלשה שבועים" הרי כ"א שנים. ובפרישה שם משמע שמפרש כן גם לדעת הטור. ועפ"ז, מ"ש הטור שהנהגה דג' השבועות היא „כנגד שלשה שבועים" הוא **ע"ד הרמז.**

**) נוסף על זה שלפי פירוש אחד „שלשה שבועים" דדניאל הם ג' שמיטות כבהערה הקודמת.

*) לכאורה צ"ל „ב' שבתות" — ראה לקו"ש חי"ח ע' 973 הערה 16. קונטרס משיחת ש"פ מטו"מ תשמ"ו הערה 46.

טבע הטוב להטיב[8], איז דאָך מובן בפשטות, אַז אויך די זאַכן וועלכע קוקן אויס לעיני בשר אַז זיי זיינען היפך הטוב, זיינען זיי אין אמת'ן — טוב. און ניט נאָר וואָס די כוונה אין די זאַכן איז אַז דורך זיי זאָל אַרויסקומען אַ תועלת (אָבער זיי אַליין זיינען היפך הטוב), נאָר נאָכמער, אַז אויך זיי גופא זיינען טוב. ובלשון חז"ל[9] „גם זו לטובה".

עס איז נאָר וואָס דער טוב וואָס אין די זאַכן איז בהעלם. און עס נעמט אַ משך זמן ביז אַז דער טוב (פון די זאַכן) קומט אַרויס בגילוי.

און דורך דער התבוננות וכו' (בשעת אַז דער טוב איז נאָך בהעלם) אַז אויך די זאַכן, וויבאַלד זיי קומען פון אויבערשטן, זיינען זיכער טוב — איז די אמונה וכו' די „כלי" צום „אויפדעקן" דעם טוב וואָס געפינט זיך אין די זאַכן, וואָס דעמולט ווערן זיי טוב הנראה והנגלה[10].

ג. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אויך בנוגע צום זמן פון „בין המצרים": אע"פ וואָס בגלוי איז דאָס אַ טרויעריקע צייט בײַ אידן, צוליב די אומגעוואונטשענע פּאַסירונגען וואָס האָבן געטראָפן צו דעם אידישן פאָלק אין די טעג, בעיקר — דער חורבן בית המקדש (וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בשבעה עשר בתמוז ווען „הובקעה העיר" און איז נגמר געוואָרן בתשעה באב) ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער (איצטיקער) ביטערער גלות — איז וויבאַלד אָבער אַז אויך דער חורבן וגלות קומט פון דעם אויבערשטן[11], וואָס ער איז עצם הטוב, איז זיכער, אַז אויך אין דעם איז באַהאַלטן טוב.

עס איז נאָר, וואָס דערווייל איז דער טוב בתכלית ההעלם וההסתר, און ער וועט נתגלה ווערן ערשט לעתיד לבוא.

אָבער לאחרי ווי עס וועט נתגלה ווערן דער טוב וואָס אין דעם, וועט מען זען בגילוי ניט נאָר אַז דער גלות איז צוליב אַ ענין טוב (אַז דורכן גלות וועט מען קומען צו די גאולה האמיתית וה־שלימה, גאולה שאין אחרי' גלות[12]), נאָר נאָכמער, אַז דאָס גופא איז (געווען) טוב.

ואדרבה — פון דעם גופא וואָס דער טוב איז געווען בתכלית ההעלם וה־הסתר (בענין דהיפך הטוב לגמרי, חורבן וגלות), און דער העלם האָט געדויערט אַזאַ לאַנגן משך זמן — איז אַ ראי' אַז דאָס איז אַ טוב נעלה ביותר.

[און ווי דער צ"צ איז מבאר אין זיינע רשימות אויף מגילת איכה[13], אַז „י"ל ג"כ איכה — לעליות", און איז מבאר פסוק אחר פסוק ווי דער פסוק איז

8) עמה"מ שער שעשועי המלך רפ"א. שעהיוה"א פ"ד. שומר אמונים ויכוח ב' סי' ד. וראה ד"ה אתה אחד לאדהאמ"צ ע' ד.

9) תענית כא, א. ושי"נ. וראה באריכה לקו"ש ח"ב ע' 393 ואילך דפירוש „גם זו לטובה" הוא אשר לא רק שזה בשביל דבר טוב [ע"ד „כל דעביד רחמנא לטב עביד" (ברכות ס, ב)], אלא ש„גם זו (גופא) לטובה". וכמובן מהסיפור בתענית שם.

10) ראה אגה"ק סוסי"א „ובאמונה זו באמת נעשה הכל טוב גם בגלוי".

11) אף ש„מפני חטאנו גלינו מארצנו" — הרי מבואר בכ"מ (תו"ח תולדות יב, ד ואילך. וראה לקו"ש חי"ח ע' 395 ואילך ושי"נ. ד"ה באתי לגני תשל"א) בענין „נורא עלילה על בני אדם" (תהלים סו, ה. תנחומא וישב ד), „עלילה נתלה בו (באדה"ר בחטא עה"ד)", שלפעמים גובר הרע דיצה"ר ויחטא כי מלמעלה הסיתו עליו היצה"ר להביאו לחטא זה — תו"ח שם יג, א. ומכיון שמלמעלה הסיתו עליו — הרי בהכרח שיש בזה טוב, כבפנים.

12) ראה מכילתא בשלח טו, א. הובא בתוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב.

13) אוה"ת נ"ך ע' אלד ואילך.

(אויך) לשבח, כולל אויך דעם פסוק[14] „כל רודפי' השיגוה בין המצרים", אז[15] „כל רודפי'" איז דער ענין פון „טוב וחסד ירדפוני"[16], און „השיגוה בין המצרים" איז דאס וואס ווערט „נמשך מלמעלה מן המיצר העליון"[17] דלית מחשבה תפיסא בי'"].

וכמבואר בכ"מ[18], אז בזמן החורבן, האבן זיך „אויפגעטאן" די ענינים וועלכע וועלן נתגלה ווערן בגאולה העתידה. נאר היות אז די וועלט (און אויך אידן) איז ניט געווען קיין „כלי" צו אויפנעמען אזוינע הויכע ענינים — דערפאר, איז די המשכה פון די ענינים פארבליבן למעלה, משא"כ דא למטה איז דאס ארויסגעקומען באופן דחורבן וגלות[19].

און דורך דער עבודה פון אידן במשך זמן הגלות, וואס דורך דעם זיינען זיי מזכך די וועלט און מאכן איר פאר א „כלי" צו אויפנעמען ענינים נעלים — וועלן אויך די ענינים נעלים [וואס זיינען נמשך געווארן בזמן החורבן למעלה] נמשך ווערן אויך למטה בגילוי.

ד. ע"פ כל הנ"ל יש לומר דער טעם פארוואס דער זמן פון „בין המצרים" ווערט אנגערופן „שלשה שבועות" (און ניט בשם „כ"א יום"), ווייל אין דעם נאמען גיט זיך ארויס דער טוב פון „בין המצרים" — אז דער תוכן הפנימי פון „בין המצרים" איז דער בנין פון ביהמ"ק השלישי, וואס האט זיך אויפגעטאן למעלה ברגע החורבן, און לע"ל וועט ער נתגלה ווערן אויך דא למטה.

ויש להוסיף: דורך דער ידיעה וכו' אז אויך דער ענין פון „בין המצרים" איז (בפנימיותו) טוב, איז „שקד", היילט מען צו, אז דער טוב זאל קומען בגילוי אויך לעיני בשר. און דערפאר רופט מען אן דעם זמן מיטן נאמען „שלשה שבו-

14) איכה א, ג.

15) אוה"ת שם ריש ע' אילו.

16) תהלים כג, ו.

17) באוה"ת שם, שההמשכה „מן המיצר העליון" הוא ע"י ההתבוננות „איך שכל העולמות רק טיפה אחת" — מיצר כפשוטו. ומבאר שם, דפירוש „בין המצרים" הוא „ב' בחי' מצרים". ויש לומר, דזה שע"י המיצר כפשוטו, ועד למיצר הגלות, נמשך ממיצר העליון, הוא (לא רק מפני שע"י המיצר, הקריאה והצעקה היא ביותר, אלא גם) מפני שהמיצר (התחתון) עצמו שרשו הוא במיצר העליון*.

ועפ"ז יומתק הקשר דפירוש הצ"צ עה"פ „השיגוה בין המצרים" עם הפירוש כפשוטו — כי השרש דמיצר הגלות (בין המצרים כפשוטו) הוא בחי' „מיצר העליון", ולע"ל יומשך זה בגילוי.

18) ראה איכ"ר (פ"א, נא) שברגע החורבן נולד משיח. וראה סה"מ — מלוקט ח"ב ע' רסט ואילך, דזהו שבעת שנכנסו נכרים להיכל היו כרובים מעורין זה בזה (יומא נד, ב) — אף שזה מורה על גודל החיבה דהקב"ה וישראל כחיבת איש ואשה (יומא שם, א), — ובשעה שנכנסו נכרים להיכל הי' (לכאורה) היפך החיבה — כי דוקא אז הי' (בפנימיות) חיבה גדולה ביותר, ומזה נמשכו הענינים דגאולה העתידה אלא שהמשכה זו היתה למעלה, כבפנים.

*) ועפ"ז יומתק מ"ש (תהלים קיח, ה) „מן המיצר קראתי י-ה ענני במרחב י-ה" — כי שרשו דמיצר התחתון הוא במיצר העליון, שלמעלה מבחי' „מרחב י-ה", ולכן בכחו להכריח כביכול המשכת ה„מרחב", שיהי' „ענני במרחב י-ה". וי"ל יתירה מזו דכיון שהקריאה מן המיצר (כפשוטו) היא דוגמת ענין התשובה — ה„ענני במרחב" הוא באופן ד„טרם יקראו ואני אענה" (רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ז), דכאשר „נרגש" בה„מרחב" שלמעלה הרצון לקרוא מן המיצר — זה עצמו מכריח כביכול ההמשכה, ענני.

19) ועי"ד מארז"ל „השפעת עליהם טובה אין יכולין לעמוד" (תענית כג, א). ובדוגמת אור גדול ביותר שמכהה את עיני האדם. וראה לקו"ש ח"ב ע' 360 משל על ענין הגלות מהשפעת השכל מרב לתלמיד. עיי"ש בארוכה.

עות"[20], וואס איז מדגיש (כנ"ל) דעם טוב פון „בין המצרים"[21], בכדי צוצוהיילן נאכמער די גאולה העתידה, דעם ביהמ"ק השלישי.

ה. דער ביאור בזה בפרטיות וב־עומק יותר:

די „שלשה שבועות" (וועלכע הויבן זיך אן בהשגחה פרטית (בדוקא) אין חודש הרביעי, ב„צום הרביעי"[22]) קומען בהמשך צו „חודש השלישי"[23], דער חודש פון מתן תורה, וועלכער איז פאר־בונדן במיוחד מיט דעם מספר שלשה, ווי די גמרא זאגט[24] ומאריך „בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי" (און ר' נסים גאון איז מוסיף בזה נאך ענינים של שלשה אין מ"ת).

וואס דאס איז מתאים מיט דעם כלל אז „אין הקב"ה מכה ישראל אא"כ בורא להם תחלה רפואה"[25]: דער „שלישי" פון מתן תורה איז בבחי' הקדמת רפואה למכה צו די „שלשה שבועות".

ויתירה מזו: דאס וואס דער נאמען פון „בין המצרים" איז „שלשה שבועות" (א נאמען ע"פ תורה, וואס ברענגט ארויס דעם תוכן הפנימי פון דער זאך) — איז עס ווייל דער תוכן הפנימי פון בין המצרים איז „שלשה", וואס ווייזט אויף א טוב נעלה ביותר[26], דער ענין פון תורה וועלכע איז פארבונדן מיט מספר שלשה.

ו. לאחרי כל הנ"ל, דארף מען נאך פארשטיין: וואס איז טאקע די מעלה אין מספר שלשה, וואס דערפאר איז גע־וועזן מתן תורה בירחא תליתאי?

און הגם אז תורה איז „אוריאן תלי־תאי" (תורה נביאים כתובים) — איז דאך אין תורה פאראן כמה חלוקות. סיי מספרים וואס זיינען ווייניקער פון שלשה: א' — תורה אחת; ב' — שני לוחות הברית, אדער תורה שבכתב

20) והדיוק „שלשה שבועות" — יש לומר ע"פ המבואר במ"א (לקו"ש חי"ב ע' 100 ואילך) שבחלוקת הזמן לשבועות לא ניכר כ"כ שינוי וחילוק בין שבוע אחד לשבוע שני (משא"כ בימים ובחדשים ושנים), כי שרשו הוא מבחי' שלמעלה משינויים. ועפ"ז יש לומר דזה שנק' בשם „שלשה שבועות" הוא לרמז שהטוב (הענין ד„שלשה") שישנו (בהעלם) בבין המצרים הוא הענין דגאולה העתידה — גאולה נצחית שאין שייך בה שינוי ח"ו.

21) ויש להוסיף, דכיון שההנהגה דבין המצרים הוא „מדרכי התשובה" (ע"ד מ"ש הרמב"ם ריש הל' תעניות), דכשישראל עושין תשובה מיד הן נגאלין (רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה) — לכן, בההנהגה דבין המצרים צריך להדגיש תוכן הפנימי שבו — „ג' שבועות"*, משא"כ בהמסופר בירמי' „מקל שקד גו'" — מודגש (בגילוי) החורבן והגלות. ולכן שם אין נוגע הענין דג' שבועות, ונק' כ"א יום.

22) זכרי' ח, יט.

23) יתרו יט, א. וראה לעיל ע' 494 הערה 31.

24) שבת פח, א.

*) ובפרט דשלימות התשובה היא שמתגלים ניצוצי הקדושה שבהזדונות עצמם, שהם נהפכים לזכיות — ע"ד שלע"ל יהפכו הצומות לששון ולשמחה ולמועדים טובים (רמב"ם סוף הל' תעניות).

25) מגילה יג, ב.

26) ומה שנאמר שהקב"ה מקדים רפואה למכה — יש לומר, שזהו בנוגע לחיצוניות הענין. והיינו דגם כשעדיין לא נתגלה הטוב הפנימי שבזה, והדבר נראה ל„מכה" — ישנה הקדמת הרפואה. ועפ"ז, בנדון דידן — בהקדמת מתן תורה בירחא תליתאי ל„שלשה שבועות" — שני הענינים: (א) שגם בזמן הגלות ע"י ההקדמת הרפואה ד„ירחא תליתאי" — נעשה חלישות דחושך הגלות, (ב) שע"י מתן תורה יתגלה הטוב הפנימי בהגלות, כבפנים.

ותורה שבעל פה; סיי מספרים וואס זיינען מער פון שלשה, ווי חמשה חומשי תורה, ששה סדרי משנה, ששים המה מלכות (מסכתות)[27], וכיו"ב. איז פאר־וואס איז מתן תורה געווען ב(ירחא) תליתאי דוקא?

איז דערפון גופא מובן, אז די חשי־בות ומעלה פון מספר שלשה איז ניט מצד דעריוף וואס תורה איז פארבונדן מיט דעם מספר, נאר אדרבה: מספר שלשה האט אין זיך א חשיבות מצד עצמו. און דערפאר איז אויך תורה פאר־בונדן מיטן מספר שלשה ועד"ז אויך דער ביהמ"ק דלעתיד — ביהמ"ק השלישי, און אויך דער טוב הפנימי פון בין המצרים — "שלשה שבועות".

און וויבאלד אז תורה איז שייך צו יעדער אידן, אנשים נשים וטף, ועד"ז דער ענין פון די "שלשה שבועות", ווי מ'זעט בפועל אז אויך בא קינדער פאר בר מצוה איז די הנהגה אין די דריי וואכן אנדערש פון כל ימי השנה[28] — איז דערפון מובן, אז אויך דער ביאור אין דער חשיבות פון מספר שלשה דארף זיין א ביאור וועלכער איז מובן (אויך) בפשטות, פאר אנשים נשים וטף.

ז. בשעת א מענטש (כולל אויך א קינד) טראכט בנוגע צו זיך — זעט ער דריי ענינים: (א) לכל לראש איז ער מרגיש זיין אייגענע מציאות (ניט מצד גאוה וישות ח"ו, נאר ווייל אזוי איז ע"פ טבע וע"פ תורה, ביז להלכה — אדם קרוב אצל עצמו[29]); (ב) דערנאך, אז ער הויבט אן טראכטן פון וואנען קומט זיין מציאות — ווייס ער, און גלויבט באמונה פשוטה, אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן; (ג) און דערנאך, ווען ער איז זיך מתבונן צוליב וואס איז ער באשאפן געווארן — קומט ער צו א מסקנא אז ס'איז דא א דריטע זאך, די וועלט. און דער תכלית צוליב וועלכן ער איז באשאפן געווארן איז — בכדי ער זאל אויפטאן אין וועלט, ביז מאכן פון איר א דירה לו יתברך[30].

ובפרטיות יותר (ובלשון החסידות): בריאת האדם מיינט — ירידת נשמתו למטה[31]. און אויף דעם זאגט מען אז דער תכלית בריאת האדם, ד.ה. דער תכלית פון ירידת נשמתו למטה [וואס "נשמה שנתת בי טהורה היא", און ערשט דערנאך איז "אתה בראת וכו' (ביז) אתה נפחתה בי" (אין דעם גוף הגשמי)] — איז ניט צוליב דער נשמה [ווארום, אדרבה פאר דער נשמה איז עס א ירידה גדולה ביותר, ביז אז מצד דעם וואס די נשמה געפינט זיך אין גוף, דארף זי אנקומען צו שמירה — "ואתה משמרה בקרבי"],

און די כוונה אין ירידת הנשמה למטה איז בכדי צו אויפטאן אין דעם גוף, אין דעם נפש הבהמית, און אין (חלקו ב)עולם[32], -צו מאכן פון זיי א דירה לו יתברך.

ח. ע"פ הנ"ל וועט מען פארשטיין בפשטות די שייכות פון תורה און פון ביהמ"ק דלעתיד צו מספר שלשה:

---

27) שהש"ר פ"ו, ט (ב).

28) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סתקנ"א.

29) יבמות כה, ב. ושי"נ.

30) ראה תנחומא נשא טז. תניא פל"ו. ועוד.

31) ראה לקו"ת ראה כט, א (בפירוש מרז"ל נוח לו לאדם שלא נברא). ובכ"מ.

32) תניא פל"ז (מח, ב). אלא שעי"ז נעשה גם עלי' להנשמה — ראה לקו"ת שם כח, ד ואילך. ובארוכה לקו"ש חט"ו ע' 248 ואילך.

די באַדייטונג פון „שלשה" איז: דער צוזאַמענבונד פון די אַלע דריי ענינים הנ"ל, ווי זיי ווערן נכלל אין איין און זעלבן מספר (איין מספר הכולל שלשה). די פעולה וואָס טוט זיך אויף אין עולם דורכן אדם — אתם קרויין אדם[33], און דער פאַרבונד כביכול פון זיי ביידן מיטן אויבערשטן.

און דאָס איז די שייכות פון תורה (און פון מתן תורה) צו מספר שלשה, ווייל דער כח אויף דעם תוכן הענין פון „שלשה"[34] איז געגעבן געוואָרן במתן תורה. דער ענין פון תורה איז — כמרומז גלייך אין אָנפאַנג פון תורה שבכתב (ובפרש"י): „בראשית — בשביל ישראל", אַז די גאַנצע וועלט (השמים והארץ וכל צבאיהם[35]) איז באַשאַפן געוואָרן בשביל ישראל, בכדי אַז אידן (דורך תורה, „בשביל התורה") זאָלן כובש זיין די וועלט, אַז אויך ארצות, גוים זאָלן ווערן ארץ ישראל, און דורך דעם — מגלה זיין אין וועלט „כח מעשיו" של הקב"ה, ביז אַז אויך די גוים וועלן אָנערקענען אַז „כל הארץ של הקב"ה היא".

און דאָס איז אויך די שייכות פון דער גאולה העתידה און פון דעם ביהמ"ק דלעתיד מיטן מספר שלשה — וואָס דעריבער ווערן זיי אָנגערופן בשם „גאולה השלישית" און „ביהמ"ק השלי־שי"[36] — ווייל דער אויפטו פון דער גאולה העתידה (און ביהמ"ק דלעתיד) איז, אַז דאַן וועט זיין די שלימות הענין פון „שלשה", דאָס וואָס אידן מאַכן פון וועלט אַ דירה צום אויבערשטן, ביז בתכלית השלימות.

און וויבאַלד אַז דער טוב (הפנימי) פון בין המצרים איז דער ביהמ"ק השלישי (כנ"ל סעיף ד), וואָס דאַן וועט זיין די שלימות הענין פון „שלשה" — דערי־בער ווערט עס אָנגערופן בשם „שלשה (שבועות)".

ט. אין קלערערע ווערטער: אויב מ'וואָלט אָנגערופן דעם זמן פון „בין המצרים" בשם „כ"א ימים", וכיו"ב — וואָלט זיך דאַן געהערט נאָר די ירידה, די צרות פון ימים אלה (ובמיוחד די חמשה דברים וואָס זיינען געווען בראש וסוף המצרים — שבעה עשר בתמוז און תשעה באב), וואָס זיי זיינען געקומען צוליב „מעשינו הרעים"[37], „מפני חטאינו".

אָנהויבנדיק פון דעם ענין פון שבירת הלוחות (וואָס איז געווען בי"ז תמוז), וואָס האָט לכל לראש פאַרדעקט (לפי שעה) אויף דעם פאַרבונד (לוחות הברית) פון אידן מיטן אויבערשטן, און דורך דעם — אויך אויף דעם קשר צווישן דעם אויבערשטן און וועלט,

33) יבמות סא, א.

34) דזה שתורה היא „אוריאן תליתאי" פירושו הוא שכוללת שלשה ענינים (תורה נביאים כתובים), וכן „עם תליתאי". ומעין זה הוא בנוגע ל„ע"י תלתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי" — שהכוונה בזה הוא (גם) שהם משולשים, כדאיתא בתנחומא יתרו יו"ד „הסרסור משולש . . בחודש משולש . . לשלשה ימים נתקדשו".

35) ראה פרש"י בראשית א, יד.

36) וע"פ הידוע שגאולה הראשונה היא בזכות אברהם, השני' בזכות יצחק והשלישית בזכות יעקב (לקו"ת מסות פג, ג) — יש לומר, שגאולה השלישית היא גאולה משולשת הכוללת גם ב' גאולות הראשונות, כמו שביעקב (ת"ת) נכללים גם אברהם ויצחק (חו"ג). ועד"ז ביהמ"ק השלישי, שבו יהי' גם בית הראשון והשני (זח"ג רכא, א), בית משולש.

37) ל' הרמב"ם הל' תעניות רפ"ה.

וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן בשביל התורה ובשביל ישראל, און במילא — ווען נשתברו הלוחות, האָט דאָס אויך אָנגערירט פעולת התורה אין וועלט:

ועאכו"כ דורך דעם חורבן ביהמ"ק (בתשעה באב) און התחלת הגלות, וואָס דאָס האָט אויפגעטאָן אַ ירידה אין אידן, אין אַלע זייערע ענינים ועניני עבודה שלהם, אַז אַנשטאָט דעם וואָס מ'זעט אלקות בגלוי אין בית המקדש, און מ'איז מקריב קרבנות, און כללות העבודה איז בתכלית השלימות (וואָס דאָס איז דוקא אין בית המקדש), איז געוואָרן אַ מצב פון „אותותינו לא ראינו גו'"[38], און מ'קען ניט מקריב זיין קרבנות און מקיים זיין אַלע אַנדערע מצוות בתכלית השלימות.

און דורך דעם איז געוואָרן אַ ירידה אין (דער עבודה פון) מאַכן די וועלט פאַר אַ דירה לו יתברך, אַ ירידה בכל העולם כולו, וואָרום אין בית המקדש האָט זיך אויסגעפירט שלימות גילוי הדירה למטה — „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[39],

און דער ביהמ"ק האָט אויפגעטאָן בכל העולם כולו — ממנו יוצאה אור לכל העולם[40], און בכלל פון דעם ביהמ"ק האָט דער אויבערשטער משפיע געווען אַלע זיינע חסדים צו דער וועלט[41],

ובפרט ווי מודגש (אונטערשטראָכן) דורך דעם אבן השתי' בקדש הקדשים — וואָס „ממנה הושתת העולם"[42]. ויש לומר איינער פון די טעמים אויף דעם — ווייל על אבן השתי' הי' הארון מונח[43] (דער עיקר „חפץ" אין מקדש[44]), וואָס ענינו איז תורה (כמ"ש[45] אין בארון אלא שני לוחות הברית), וואָס בשבילה נברא העולם (כנ"ל), ואסתכל באורייתא וברא עלמא[46], און דעריבער ווערט נשתלשל אויך בגשמיות, אַז מאבן השתי' (שעלי' מונח הארון) הושתת העולם.

בשעת מ'רופט אָבער אָן די טעג פון „בין המצרים" מיטן נאָמען „שלשה שבו־עות" — איז דאָס מגלה און גיט אַרויס דער טוב פנימי בימים אלו — דער בנין ביהמ"ק השלישי וואָס האָט זיך אויפגע־טאָן למעלה ברגע החורבן.

י. ולהוסיף, אַז נוסף צו דעם בנין ביהמ"ק למעלה, איז אויך דאָ אַ גילוי טוב למטה — כידוע אַז כאָטש דער בית המקדש למטה איז חרוב געוואָרן און „כל כלי בית המקדש גלו"[47], איז דער ארון (שענינו תורה וועלכע איז געגעבן געוואָרן באַ מ"ת, פאַרבונדן מיט בחי' שלשה) נגנז געוואָרן און געבליבן גאַנץ

---

38) תהלים עד, ט.

39) תרומה כה, ח. וציווי זה כולל כל הבתי מקדשות (ראה רמב"ם ריש הל' ביהב"ח).

40) רש"י (כת"י) מנחות פו, ב.

41) כל זמן שעבודת ביהמ"ק קיימת העולם מתברך על יושביו וגשמין יורדין בזמנן כו' (אדר"נ פ"ד, יד). ואילו היו אומות העולם יודעים מה הי' המקדש יפה להם קסטריות היו מקיפים אותו כדי לשומרו כו' (במדב"ר פ"א, ג. וראה גם ויק"ר פ"א, יא. קה"ר פ"ב, ג (ה)). ולהעיר מהקרבת שבעים פרים (בחג הסוכות) כנגד שבעים אומות, ואוי להם לאוה"ע שאבדו ואין יודעין מה שאבדו, בזמן שבהמ"ק קיים מזבח מכפר עליהן, ועכשיו מי מכפר עליהן (סוכה נה, ב).

42) יומא נד, ב.

43) רמב"ם הל' ביהב"ח רפ"ד.

44) רמב"ן ר"פ תרומה.

45) מ"א ח, ט.

46) זח"א קלד, סע"א. קסא, ריש ע"ב. ועוד. וראה ב"ר בתחלתו.

47) תנחומא בהעלותך יא. ועוד.

באופן נצחי אין די מטמוניות תחת הביהמ"ק[48].

און נאכמער — דער אבן השתי' (שעלי' הי' מונח הארון) איז געבליבן גאנץ עד היום הזה גלוי לעיני בשר, אויך לאומות העולם.

וואס דאס[49] גיט דעם כח א אידן אויך בזמן הגלות, וועלכע האט זיך אנגע־הויבן אין „בין המצרים", צו מגלה זיין און אראפברענגען אויך למטה דעם ביהמ"ק השלישי, וואס דאס איז בכח התורה (וואס איז געגעבן געווארן בא מתן תורה), כמדובר לעיל אז תורה גיט דעם כח א אידן צו אויספירן תכלית בריאתו צו מאכן די וועלט פאר א דירה לו יתברך, דורך דעם וואס ער איז מגלה דעם „אבן השתי'" (שממנה הושתת העולם) אין יעדער פרט פון דעם עולם, ד. ה. די אלקות (שבתורה) וואס געפינט זיך אין יעדער פרט ונקודה פון וועלט (זמן ומקום[50]), וואס דארטן געפינט זיך דאס בהעלם, און א איד דארף דאס מגלה זיין. ע"ד דעם משל הידוע פון אבנים טובות ומרגליות וואס געפינען זיך אין א קעסטל, און מ'גיט אפ דעם אידן די קעסטל און דעם שליסל צום קעסטל, און ער דארף (דורך זיין עבודה) „אריינלייגן דעם שליסל" און אויפעפענען די קעסטל און מגלה זיין מה שבתוכה.

ואדרבה: דורך דעם העלם אויף בחי' „שלשה" (אין „בין המצרים") מצד די ירידה אין גלות — ווערט אויפגעטאן א גילוי נעלה יותר פון „שלשה" ווי ס'איז געווען בא מתן תורה, כמבואר בכ"מ[51] אז בא מתן תורה איז געווען דער גילוי מלמעלה, נאר לפי שעה, און דאס האט ניט „דורכגענומען" די תחתונים, ואפילו אין ביהמ"ק ראשון ושני — דירת קבע[52], זיינען זיי ניט געבליבן קיים, משא"כ דער ביהמ"ק השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[53], וועט זיין א בית נצחי[54]: און ממנו יוצאה אורה לכל העולם — די גאנצע וועלט ווערט א דירה לעצמותו יתברך, וואס אין א דירה געפינט זיך הדר בה בתכלית הגילוי — ביז „והיתה לה' המלוכה"[55], „והי' ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד"[56], „ה' ימלוך לעולם ועד"[57], אין יעדער נקודה ופרט פון עולם.

יא. דער ענין הנ"ל [גילוי פנימיות הטוב אין די „שלשה שבועות"] שטייט נאכמער בהדגשה ובגלוי אין די ג' שבתות פון בין המצרים[58], ווארום דע־מולט זיינען ניטא די דיני אבילות וצער

---

48) יומא נב, ב. רמב"ם הל' ביהב"ח שם.

49) ויש לומר שזהו גם הכוונה ב„אדם ממקום כפרתו נברא" (רמב"ם שם פ"ב ה"ב), שמקום המזבח בביהמ"ק נותן הכח להאדם (שנברא משם) לכפר על עצמו (לא רק בזמן הבית ע"י הקרבת הקרבנות על גבי המזבח, אלא) גם בזמן הגלות, שזקוקים אז לכפרה אמיתית מחטאנו ומעשינו הרעים שהביאו החורבן והגלות כו'.

50) ראה שעהיוה"א פ"ז.

51) ראה לקו"ת ראה כח, ב. המשך תער"ב ח"ב ע' תתקל ואילך. וראה לקו"ש חכ"א ע' 130 ואילך. ושי"נ.

52) לא כמו המשכן שהי' דירת עראי — ראה שהש"ר פ"א, טז (ג). תו"א ר"פ ויגש.

53) בשלח טו, יז.

54) זח"א כח, א. ח"ג רכא, א.

55) עובדי' א, כא.

56) זכרי' יד, ט.

57) בשלח שם, טז. — הובא בסיום פרקי אבות שלומדים (לפי ה„יש נוהגין" בסידור אדה"ז) בכל שבתות הקיץ (כמנהג חב"ד).

58) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1090 ואילך. קונטרס משיחות ש"פ מטו"מ תשמ"ו ס"ב.

פון די „שלשה שבועות״[59] (ווייל אין עצב עמהי[60]), ואדרבה — מצוה לענגו[61]. במילא איז פארשטאנדיק אז דעמאלט שטייט בגלוי נאר דער צד הטוב והעלי׳ אין די „שלשה שבועות״[62].

ועל אחת כמה וכמה בשנה זו, ווען די התחלה און סיום פון די „שלשה שבו־עות״ איז ביום השבת, וואס דאס איז דוחה דעם תענית (פון י״ז תמוז און תשעה באב), און צוזאמען דערמיט איז פארשטאנדיק אז (ס׳איז ניט דער פשט אז קיין רושם פון דער תענית בלייבט ניט איבער[63], נאר) דעמולט שטייט בגלוי דער טוב פנימי פון דעם תענית (דאס וואס ער איז א „יום[64] רצון לה׳״)[65].

59) שו״ע או״ח סתקנ״ב ס״י ובמג״א שם. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך בין המצרים ע׳ קכ ובהנסמן שם.

60) משלי י, כב. ירושלמי ברכות פ״ב סוף ה״ז. הובא בתוד״ה מאן דאמר — מו״ק כג, ב.

61) ראה טושו״ע ודאדה״ז או״ח סרמ״ב ובנ״כ. ושו״נ.

62) ובפרט ע״פ ביאור הצ״צ דלעיל (הערה 7) שג׳ שבתות הן בבחי׳ מקדים רפואה.

63) וכמובן גם מזה, שביום י״ז תמוז ות״ב יש לומדים (אף שמעטים הם ביותר — ולא נתפרסם כלל וכלל) בתורה (בנביאים) פרשת היום ע״ד „צום הרביעי״ ו„צום החמישי״ (ע״ד שבכל יום אומרים שירו של יום וכיו״ב), ויתירה מזה — התורה היא נצחית גם לע״ל, כולל חלקים אלו בנביאים המדברים ע״ד הצומות; אלא שבתורת אמת ותורה אור — מאיר בגלוי הטוב שבכל דבר (כמבואר במ״א בענין „יעקב ועשו האמורים בפרשה״ (לקו״ש ח״כ ע׳ 341 ואילך. לקו״ש ויצא תשמ״ז ס״ו. ועוד)), היינו הטוב שבצומות אלו, כפי שיהפכו לששון ולשמחה ולמועדים טובים לע״ל, ואדרבה — ע״י הלימוד בנוגע להירידה לפי שעה, ה״ז מגדיל השמחה והיום טוב.

64) ישעי׳ נח, ה. אגה״ת ספ״ב.

65) ראה בארוכה לעיל ע׳ 526 ואילך.

יב. ויש לקשר זה מיט דער פרשה פון דעם שבת — פ׳ פינחס:

די ירידה אין די „בין המצרים״ אין דעם ענין פון „שלשה״ (דער קשר צווישן דעם אויבערשטן אידן און וועלט), האט זיך אנגעהויבן פון דער פירצה אין דער חומה המבדלת בין ישראל לעמים („הובקעה העיר״ בי״ז תמוז), וואס האט דערנאך געבראכט דעם חורבן.

וואס ענליך צו דעם איז געווען דורך דער חטא פון בעל פעור און מעשה זמרי, וואס האט דערנאך געבראכט די מגיפה,

און פינחס איז געווען דער וואס האט מבטל ומתקן געווען די פירצה, דורך דעם וואס לאחרי ווי משה האט אים גע־זאגט „קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא״[66] — איז מיד „ויקח רומח בידו ויבוא״ און האט געהארגעט „את שניהם את איש ישראל ואת האשה״[67] — ער האט „געהארגעט״ דעם פארבונד פון „איש ישראל והאשה״, די פירצה אין דער הבדלה בין ישראל לעמים, און דורך דעם מבטל געווען די גזירה, „ותעצר המגיפה מעל בני ישראל״[67], ביז אז ער האט צוריק געמאכט שלום צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן[68], און דער־

66) פרש״י בלק כה, ז.

67) בלק שם, ח.

68) ויש לומר הטעם שדוקא פינחס נתעורר על זה (ולא כל השבטים והסנהדרין וכו׳) — כי הוא „פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן״* (בלק כה, ז), שכהן הוא איש החסד וכל השתדלותו הוא לטובתם

*) ולהעיר מיחוס המשולש, פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, דבפינחס הי׳ גם ענינו של אלעזר ושל אהרן.

פאר האט אים דער אויבערשטער געגעבן שכר (אן עלי' לגבי דעם מצב לפני הירידה), אז "פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל גו', לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום גו' תחת אשר קנא לאלקיו ויכפר על בני ישראל"[69]**, און דורך דעם — אויך אויפגעטאן שלום צווישן דעם אויבערשטן מיט וועלט (ואוה"ע), שנברא בשביל ישראל.

דערפון איז אויך מובן בנוגע צו דער עבודה פון די "שלשה שבועות": בכדי מגלה זיין פנימיות התורה אין די "שלשה שבועות" פאדערן זיך צוויי תנועות: (א) צו מבטל זיין "מעשינו הרעים" און "חטאינו" וואס "פארדעקן" דעם טוב, (ב) דערנאך דער גילוי הטוב ביז בשלימות. ווי דאס איז געווען בא פינחס: (א) ער האט פריער מבטל געווען דעם ענין וואס האט מסתיר געווען אויף דעם טוב ("וידקור את שניהם"), (ב) דורך דעם האט ער געמאכט שלום צווישן אידן מיטן אויבערשטן.

יג. דער לימוד מכל האמור לעיל:

צום אלעם ערשטן דארף א איד וויסן, אז מ'האט אים אפגעגעבן אין האנט דעם שליסל אויפצועפענען די "קעסטל"[70] וואס פארדעקט (לפי שעה) אויף דעם טוב וואס ליגט בפנימיות אין די "שלשה שבועות" — דער גילוי פון דעם דורך דעם וואס א איד פירט דורך תכלית בריאתו, צו מאכן פון דער וועלט א דירה פארן אויבערשטן.

ואדרבה — וויבאלד דאס קומט ארויס פון א העלם, איז דאס נאכמער ווי דער גילוי פון "שלשה" וואס איז געווען בא מתן תורה, כנ"ל.

אנהויבנדיק דורך טאן די עבודה מיט זיך אליין — צו מגלה זיין ווי זיין גוף ונה"ב איז א כלי צו אידישקייט, ד. ה. אז ער דינט דעם אויבערשטן (אויך) מיט זיין גוף וגשמיות, ובפשטות — אז אלע זיינע דברים גשמיים (אכילה ושתי', ממון וכו') נוצט ער לשם שמים[71], ביז "בכל דרכיך דעהו"[72], און נאכמער — אז ער איז אין דעם גופא מגלה ווי "גופא דילהון קדישא"[73]; ביז לאידך גיסא: דורך עובד זיין ה' באקומט ער שכר גשמי[74], כמ"ש[75] "אם בחוקותי תלכו ואת

של ישראל [וכ"ה ע"פ הלכה בנוגע לברכת כהנים לעמו ישראל באהבה דוקא (סוטה לט, א. טושו"ע או"ח סקכ"ח סי"א. שו"ע אדה"ז שם סי"ז. סי"ט (מזח"ג קמז, ב)], ובפרט אהרן הכהן שנאמר עליו (חוקת כ, כט ובפרש"י) "ויבכו את אהרן גו' כל בית ישראל", "לפי שהי' אהרן רודף שלום ומטיל אהבה כו'" [ולהעיר מפרקי אבות דשבת זה (פ"א מי"ב): הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות כו'], וכן ביצי"מ נאמר "אהרן אחיך יהי' נביאך" (וארא ז, א), "ודיבר הוא לך אל העם גו'" (שמות ד, טז), וכן ענני הכבוד (שהקיפו את ישראל והגינו עליהם כו') היו בזכות אהרן (תענית ט, א. פרש"י חוקת כא, א); ולכן נכדו של אהרן הכהן ("פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן")** — הי' הראש וראשון להציל את עם ישראל ממגיפה זו ולהשים שלום ביניהם ובין הקב"ה.

69) פרשתנו כה, יא ואילך.

**) ומה שאלעזר לא עשה זה הוא מפני שהי' כהן גדול ובמילא במשכן ולא ראה מעשה זמרי, כפשוט.

---

70) וענין זה מותר גם בשבת, ואדרבה — זוהי עבודת יום השבת, לגלות הטוב והתענוג שבאכילה ושתי' כו' (גשמיות העולם).

71) אבות פ"ב מי"ב.

72) משלי ג, ו.

73) זח"ג ע, ב.

74) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ט.

75) ר"פ בחוקותי.

מצוותי תשמורו גו' (דערפאַר איז) ונתתי גשמיכם בעתם גו'", אַזוי אַז אין זיינע גשמיות איז ניכר ווי דאָס איז (ניט קיין מציאות בפ"ע) נאָר אַ תוצאה (וחלק) פון תורה ומצוות[76], וואָס „הם חיינו ואורך ימינו"[77].

און די עבודה באַשטייט פון צוויי פרטים (ווי דאָס איז געווען באַ פינחס):

מבטל זיין דער העלם והסתר אויף זיין טוב פנימי וואָס קען ביי אים זיין מצד „אל זר אשר בקרבך"[78], די גוי'ש־קייט וואָס כאַפּט זיך אין אים אַריין, ביז אַז ער „הרג'ט" (ער מאַכט אויס מציאות לגמרי) יעדער פירצה אין דער הבדלה בין ישראל לעמים, קדושה וחול וכו'. ובכללות — די עבודה פון „סור מרע".

און דעמולט קען ער בשלימות מגלה זיין דעם טוב פנימי וואָס איז אין אים — „ועשה טוב".

עד"ז איז אויך די עבודה פון „שלשה" בנוגע מילוי שליחותו בכל העולם צו מאַכן אַ דירה לו יתברך — דורך ביידע ענינים הנ"ל, מבטל זיין די פירצות וואָס זיינען מבלבל און פאַרבלענדען די הבדלות צווישן קדושה וחול וכו', און — אַריינברענגען גילוי אור, דורך תורה ומצוות והפצת התורה והיהדות צו אידן בכל העולם, ביז אויך — הפצת שבע מצוות בני נח צו ניט־אידן[79], אַזוי אַז מ'מאַכט פון כל העולם כולו[80] אַ כלי צו דעם גילוי ביז די שלימות בזה בגלוי פון „והיתה לה' המלוכה" בגאולה האמיתית והשלימה.

יד. ובדורנו זה קומט צו אַ הדגשה מיוחדת אין דער עבודה פון „פינחס":

יעדער איד וואָס איז אַ תלמיד וחסיד פון אתפשטותא דמשה רבינו פון דעם דורו[81], דער רבי דער שווער, נשיא דורנו, אָדער אַ תלמיד תלמידו וחסיד דחסידיו כו', אָדער אַפילו אויב נאָר ער האָט געלערנט זיינעם אַ מאמר, אַ שיחה, אַן אגרת, אָדער דאָס געהערט פון אַ צווייטן — ווערט ער „קריינא דאי־גרתא", „אַ פאַרלייענער — אַן אויס־רופער פון דעם בריוו", און דעריבער ליגט אויף אים די שליחות ואחריות פון „ליהוי פרוונקא" (ווי משה רבינו האָט געזאָגט פינחס'ן):

ער דאַרף אַרויסגיין בשליחותו פון משה שבדורנו און טאָן כל התלוי בו צו אָפּטיילן, מבדיל זיין אידישקייט פון גוי'שקייט, ביז צו „ויקח רומח בידו" און „האַרגענען" דעם רצון יצר הרע וועל־כער וויל זיי צוזאַמענמישן ר"ל, אונטערשטראָכן ספּעציעל אין די „איגרתא" פון נשיא דורנו — ווי ער האָט געשטורעמט בחיים חיותו בעלמא דין, און שטורעמט איצטער ווייטער דורך זיינע „איגרתא" — זיינע מאמרים

76) ויש לומר שזהו הלימוד בעבודה מהמבואר בזהר פרשתנו (זח"ג רכד, ב ברע"מ) „גופא ישראל" (ולא „ישראל גופא" כמו שנאמר לפנ"ז „כהנא מוחא, לוי לבא"), ש„ישראל עצמן הם" גופא (לקוטי לוי"צ שם) — היינו לא רק שממשיך ישראל גם בגופא, אלא שכל מציאותו וגם גופא (וגופא גם מלשון עיקר, גוף הדבר) הוא חלק מישראל עצמו, מתורה ויהדות.

77) ברכת אהבת עולם בתפלת ערבית. — וי"ל הדיוק „אורך ימינו" (ולא ימים ארוכים) עיד פי' אדה"ז ביום שכולו ארוך שגם בתחלתו הוא ארוך (תו"א יח, ד).

78) שבת קה, ב.

79) ראה רמב"ם הל' מלכים ספ"ח.

80) ולהעיר ש„כל . . כולו" פירושו כולו ממש ולא רק רובו ככולו (ט"ז או"ח סתקפ"ב סס"ג).

81) ראה תקו"ז תס"ט. ועוד.

שיחות ואגרות קודש, און דורך תלמי־דיו וחסידים שלו, וועגן דער עבודה פון מלחמת היצר און דער הכרח גדול צו מבטל זיין פירצות עם ישראל וועגן דער הבדלה צווישן אידישקייט און גוי־ש־קייט!

און נאכמער: נוסף צו דעם וואס דאס שטייט געשריבן אין זיינע מאמרים ואגרות — איז זכה דורנו, אז ניט קוקנ־דיק אויף דעם חושך הגלות שטייט עס בגלוי אין זיין נאמען, ובפשטות — דער אויבערשטער האט אונז געגעבן[82] א נשיא הדור וואס זיין נאמען איז „יוסף" — וואס באווייזט אויף זיין מהות וחיות[83] — וועלכער גיט ארויס ברור שליחות דורנו — „יוסף ה' לי בן אחר"[84], מאכן פון יעדער זאך אין וועלט וועלכע איז אחר א „בן", כולל בפרט ובמיוחד א איד וועלכער איז א תינוק שנשבה בין העכו"ם [וואס ליידער כמה פון בני ישראל בדורנו זיינען אין דעם מצב, און אפילו איינער — איז אן עולם מלא ווי תורת אמת זאגט און מכריז[85]], און מגלה זיין אז ער איז א בן — בנו של הקב"ה.

פון דער מעשה מיט פינחס איז אויך פארשטאנדיק, אז ס'איז ניטא קיין ארט צו טענה'ן: וואס דארף ער זיך גיין מישן און מבטל זיין פירצות אין דער הבדלה צווישן אידישקייט („בן") און גוי־שקייט („אחר") — ס'איז דאך דא נשיא הדור, דער רבי דער שווער, דא כמה רביים, רבנים, עסקנים יר"ש וכו' ובכלל א סך אידן, גדולים וחשובים ממנו, און א סך קהילות קדושות וואס יעדערער האט זיך זיין נשיא, רב מנהיג וכו'.

זעט מען אבער אז אע"פ וואס ארום פינחס'ן זיינען געווען משה רבינו, סנהדרין, נשיא השבטים וכו' און אלע אידן — האט אים משה רבינו געזאגט אז וויבאלד ער איז „קריינא דאיגרתא — איהו ליהוי פרוונקא", וויבאלד אז דער איד האט געלייענט אדער געהערט א ווארט פון אן איגרת וואס זאגט אן קלארע הוראות בנוגע מלחמת היצר וכו', האט ער גלייך די שליחות צו גיין אליין דאס מקיים זיין [ובפרט אין זיינע ד' אמות, אין זיין שטוב און מסחר וכיו"ב — איז ער דאך דער „פירער" און בעה"ב, דארף ער תיכף אויסנוצן זיין בעה"בישקייט אויף טאן די עבודה פון „פינחס"].

און ניט נאר שיקן משמשים ושלוחים, און יוצא זיין מיט געבן כמה פעמים ח"י דאלאר וכיו"ב אויף צדקה בכדי א צוויי־טער זאל אין דעם טאן, נאר אזוי ווי פינחס האט ניט געשיקט א משמש נאר איז אליין געגאנגען, דארף ער אליין גיין און מקיים זיין די שליחות וועלכע איז א מצוה שבגופו (וואס מ'קען ניט מקיים זיין דורך א שליח[86]).

צוזאמען דערמיט גייט ער מיט די כחות פון משה שבדורנו, וואס ער האט אויפגעעפנט און פארלייכטערט די וועג פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ביז אויך הפצה צו תינו־קות שנשבו בין העכו"ם, און האט גע־מאנט און געפאדערט אז יעדערער דארף אין דעם טאן.

---

82) כמאחז"ל שעמד (הקב"ה) ושתלן בכל דור ודור (יומא לח, סע"ב. תניא פ"א).

83) ראה שעהיוה"א ספ"א. לקו"א להה"מ סרמ"ד. וכן הוא בשמות שקורים הורים ליו"ח (ראה שער הגלגולים הקדמה כג. שער מרז"ל בסופו. ועוד).

84) ויצא ל, כד. וראה אוה"ת עה"פ. ועוד.

85) משנה סנהדרין לז, א.

86) תוס' ריי"ד קידושין מב, ב.

